


שנתון ארגוני הלובלינאים בישראל ובחו"ל ✶ יערלעכע אויסגאַבע פון די לובלינער אין ישראל און אין די תפוצות

מס' 15 ● חשון תשמ"א ● תל-אביב ● נאָוועמבער 1980 ● נומער 15

## 15 חוברות „קול לובלין"

15 חוברות „קול לובלין", שהופיעו החל מנובמבר 1962, מהוות „סיפור בהמשכים" באמצעות מאמרים מעניינים, רשימות מרתקות, זכרונות נוסטלגיים ותמונות, מימי הילדות וההתבגרות בלובלין היהודית של טרם השואה, מתקופת הכיבוש הנאצי והמאמצים לשקם את שארית הפליטה לאחר מלחמת העולם השניה. בשנות קיומו, הצליח „קול לובלין" לגשר בין הפזורה הלובלינאית לבין אלה החיים במדינת ישראל ולרתום את רובם לפעולות הנצחה, תרבות, חברה ועזרה הדדית. כמו־כן דיווח העתון על הפעילות הענפה של ארגוני יוצאי לובלין במדינה ובתפוצות. לצערנו, חלק לא מבוטל מבני לובלין נשאר „מחוץ לתחום". הם עמדו ועומדים בצד ואינם נותנים יד לעשייה.

* * *

החלק השני של ערב האזכרה ב־24.11.80, יוקדש הפעם לשיחה חברית וחופשית על צורתה ותוכנה של הנצחת לובלין היהודית במדינת ישראל. ברצוננו להשמיע ולשמוע מפי יוצאי עירנו הצעות, דעות ותוכניות על הנצחה שיהיה בה ביטוי הולם לעיר ואם בישראל, ששמה — לובלין.

* * *

אין בטחון, ש„קול לובלין" מס' 16 ייצא לאור בנובמבר 1981, אם לא תהיה היענות מלאה למגבית המיוחדת, עליה הכרזנו לקראת הופעת הגליון הנוכחי (15). חוברת זו עלתה כ־9,000 שקלים (כ־1,800 דולרים). לדוגמא: תמונה קטנה (של נפטר) מחירה 500 שקל.

אנו מקווים, שחוברת מס' 15 לא תסגור את המעגל. יוצאי עירנו בארץ ובחוץ־לארץ יעשו כל שביכולתם, להבטיח את קיומו של „קול לובלין" — הבמה הנאמנה של העבר וההווה היהודי הלובלינאי, עם מבט קדימה.

## 15 נומערן „לובלינער שטימע"

15 נומערן „לובלינער שטימע", דערשינענע פון נאָוועמבער 1962, שטעלן מיט זיך פאַר אַ „דערציילונג אין פאַרזעצונגען", מיט אינטערעסאַנטע אַרטיקלען, שפּאַנענדיקע נאָטיצן, נאָס־טאַלגישע דערינערונגען און בילדער פון די קינדער־ און יוגנט־יאָרן אין דער יידישער לובלין ביז דעם חורבן; פון דער צייט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע און פון די באַמיאונגען צוריק שטעלן אויף די פיס די שארית הפליטה נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין די יאָרן פון זיין עקזיסטענץ, האָט דער זשורנאַל מצליח געווען צו שאַפן די פאַרבינדונג צווישן דער לובלינער דיאַספּאָראַ און די לאַנדסלייט וואָס וווינען אין ישראל, דעם רוב פון זיי צו אַנגאַזשירן אין דער פאַרצווייגטער טעטיקייט פון די לאַנדסמאַנשאַפטן אין לאַנד און אין אויסלאַנד. צום באַדויערן, איז אַן אַנגעזעענער טייל געבליבן אויסער דער טעטיקייט, שטייען אין אַ זייט און זענען נישט גרייט מיטצואַרבעטן.

* * *

דער צווייטער טייל פון דער אזכרה דעם 24.11.80, וועט דאָסמאָל זיין געווידמעט אַ פרייען, חברישן שמועס וועגן דער פאָרם און כאַראַקטער צו פאַראייביקן די יידישע לובלין אין מדינת ישראל. מיר וועלן לאָזן הערן, און ווילן הערן פון אונדזערע לאַנדסלייט פאָרשלאָגן, מיינונגען און פּלענער וועגן דער פאַראייביקונג, וואָס זאָל אויף אַ ווירדיקן אופן ברענגען צום אויסדרוק די עיר ואם בישראל וואָס הייסט — לובלין.

* * *

מיר זענען נישט זיכער, צי „לובלינער שטימע" נומ' 16, וועט דערזען די ליכטיקע שיין אין נאָוועמבער 1981, אויב ס'וועט נישט זיין דער געהעריקער אָפּרוף אויף דעם קאַמפּיין, וועלכן מיר האָבן פּראָקלאַמירט צום דערשיינען פון איצטיקן נומער (15). אַרויסגעבן דעם איצטיקן זשורנאַל האָט געקאָסט אַ 9 טויזנט שקלים (1,800 דאָלאַר). צום ביישפּיל, אַ קליין בילד (פון אַ געשטאָר־בענעם) קאָסט 50 שקלים.

מיר גלויבן, אַז דער איצטיקער נומער 15 וועט נישט זיין דער לעצטער. אונדזערע לאַנדסלייט אין ישראל און אין דער וועלט, וועלן זיכערן די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון „לובלינער שטימע" — אונדזער טריבונע, וואָס שפּיגלט טריי אָפּ די פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט פון לובלינער יידן, מיט אַ בליק אין דער צוקונפט.

ד. ש.

בגליון זה משתתפים
(לפי א"ב):

אין דעם נומער באַטייליקן זיך
(לויט א"ב):

● ישראל אייזענבערג
● אפרים איינשטיין
● נחמן בלומענטאַל
● צפורה דסקל-ווייסעלפיש
● ד"ר אלחנן הורביץ
● פרידא האָכבוים
● משולם הלוי
● משה זאַלצמאַן
● א. זאַמדער
● שלמה זינשטיין
● משה זילבערבערג
● בנימין לובעלסקי
● משה מאַנדלאייל
● קאָפּל מיזשעריצקי
● יהודית סהר־הורביץ
● רוזשקע פישמאַן־שניידמאַן
● ד"ר יצחק רפאל
● יצחק רייכענשטיין
● ד"ר אליהו שולמאַן
● דוד שטאָקפיש
● נ. שמן
● שמואל שפּיראָ
אאַנ"ד

teatrnn.pl




# 400 שנה להקמת ועד ארבע ארצות בלובלין / ד"ר אלחנן הורביץ

ב־1580 — לפני 400 שנה — הוקם בלובלין „המוסד המינהלי והמחוקק העליון של כל יהודי פולין וליטא", אשר התפרסם בכל העולם היהודי בשם „ועד ארבע הארצות", מאחר שפולין וליטא חולקו בתקופה ההיא לארבע „ארצות" אלה: פולין גדולה, פולין קטנה (אחרי־כן: גאליציה), ליטא ורייסן.

„ועד ארבע הארצות" התקיים עד שנת 1764 — כמעט מאתיים שנה. מוסד קבוע עצמאי כזה לא היה ליהודים בשום תקופה, ובשום מדינה אחרת — מחוץ לארץ־ישראל. אכן נקבע כי „ועד ארבע הארצות" מילא בפועל תפקידי פארלאמנט יהודי ממש.

**כמו „סנהדרין" בלשכת הגזית**

באחת התעודות ההיסטוריות החשובות ביותר נאמר:

„...והפרנסים דארבע הארצות היו כמו סנהדרין בלשכת הגזית והיה להם כוח לשפוט כל ישראל שבממלכת פולין ולתקן תקנות ולענוש אדם לפי ראות עיניהם וכל הדבר הקשה יביאו אליהם וישפטו הם..."

**גם בית־הדין העליון היהודי בלובלין**

מדי שנה בשנה באו נציגי כל היהודים מארבע „ארצות" למושב „ועד ארבע הארצות" בלובלין. ליד וא"א (ראשי תיבות: ועד ארבע ארצות) הוקם בלובלין בית־הדין העליון, שהיה הפוסק האחרון בשאלות משפטיות ובמחלוקות לא רק בין קהלות אלא גם בין „ארצות".

לכן נקבע כי בפועל היה ועד ארבע הארצות מורכב משני מוסדות: מכנסת של „ראשי המדינות" ובית־דין עליון של „מורי צדק דד' ארצות".

**„ממשלה יהודית בירושלים דפולין"**

„ראשי המדינות היו נבחרים על ידי הקהלות של ארבע הארצות. שליחי הקהלות מכל „ארץ" היו מקבלים הוראות משלוחיהם והשליחים לא היו רשאים להצביע בישיבות ועד ארבע הארצות בניגוד להוראות שקיבלו מקהלותיהם.

בלובלין היו „ראשי המדינות" בוחרים מביניהם „פרנס בית ישראל דד' ארצות" וגם „נאמני בית ישראל דד' ארצות", שהיו ממלאים מלבד תפקידי מזכיר וגזבר גם תפקידים רבים אחרים, חלוקת התפקידים ביניהם נערכה „כמו בין השרים בממשלה".

הפרנס דד' ארצות מילא גם „תפקיד שר־החוץ": היה נוסע אל המלך ואל ראשי הסינאט ונשא ונתן עם ראשי הסיים וביחוד עם שר־האוצר בעניני היהודים.

לכן נאמר כי „הפרנס והנאמנים דד' „ארצות" היוו בפועל „ממשלה יהודית של מדינה אוטונומית בתוך מדינת פולין".

בהחלטות וא"א התחשבו היהודים גם במדינות־חוץ רחוקות מגבולות פולין. והעיר לובלין נקראה גם בשם „ירושלים דפולין".

הפרנס של ארבע הארצות והנאמנים דד"א היו ממלאים את תפקידיהם במשך כל השנה והיו מקבלים משכורת שנתית קבועה, נוסף על דמי־הוצאות.

**מדוע לובלין דווקא?**

מעניינת מאד התשובה הניתנת על שאלות אלה:

מדוע נקראה לובלין דווקא בשם „ירושלים דפולין" — ולא ורשה און קראקא? מפני מה נוסד „ועד ארבע הארצות" של כל יהודי פולין וליטא בשנת 1580 לא בקראקא ולא בוורשה ואף לא בווילנא אלא בלובלין דווקא?

התשובה היא:

לובלין קיבלה את „חוקתה העירונית" („פראַבו מייסקיע") במאי, ה־14 — בשנת 1317. ורשה צורפה רשמית למלכות פולין רק בשנת 1526, בשנת 1580, שבה הוקם „ועד ארבע הארצות", טרם היתה ורשה בירת־פולין. עד 1596 היתה עוד קראקא בירת פולין, אבל מאז התאחדו פולין וליטא התחיל „המרכז המדיני שלהן להתרחק מקראקא ולהתקרב יותר לגבול ליטא". ההסכם הסופי בדבר „האיחוד הריאלי של פולין וליטא" הושג בלובלין והתפרסם בשם „אוניא לובעלסקא". מאורע היסטורי זה התרחש ב־1569 — רק 11 שנה לפני הקמת „ועד ארבע הארצות" ב־1580.

## הערב - אזכרה לקדושי לובלין / צפורה דסקל־וייסלפיש

הערב — אזכרה
לקדושי לובלין.
קדושים מעונים,
מזי־רעב.
רדופים־מושפלים,
מספרם כה רב.

דרך רחובות רבים
מובילני האוטו,
נוצצים האורות,
רבה התנועה.
הרחק נודדת המחשבה

ואיתם אנוחי
בגיא ההריגה.

הם ערומים,
כביום היוולדם.
כה כחושים,
שלדי אדם.
צפופים, רועדים
מקור וכלימה,
אותם דוחפים
שטנית — הערמה.

אלה — רגעיהם האחרונים,
אחרי שגזלו מהם
את הכל.
שמא שער
לראשם נותר ?
גם אלה
ניתן לגזול...

לא היה להם
מושיע.
סביבם
שטן התקפץ.

אֵי האמן
ויביע,
גודל הזעם —
הלב מקבץ ?

מדי שנה בשנה
עומדים אנו דום
בעת הקדיש.
שמא תגיד :
הזמן מרפא ?
אך הפצע בלב
לא מגליד.

22.11.1979

# א לובלינער ייד באזוכט לובלין אין יאר 1980

אונדזער בן־עיר **שלמה זינשטיין**, וואָס וווינט אין ניו־יאָרק, האָט אין מאַי 1980 אָנגעפירט מיט אַ גרופּע פון 26 געוו. קאַצעטלערס, וועלכע האָבן באַזוכט פּוילן און אויך אַריינגעפאָרן אין די אַמאָליקע טויטן־לאַגערן אוישוויץ, מיידאַנעק, טרעבלינקע אאַנ״ד. אין דער ניו־יאָרקער יידישער טאָג־צייטונג „פאָרווערטס" איז דער־שינען זינשטיינס דערציילונג, ווי ער האָט זי איבער־געגעבן דעם זשורנאַליסט י. שמולעוויטש. מיר ברענגען דער עיקר דעם טייל וואָס האָט אַ שייכות צו זיין באַזוך אין לובלין.

„ווען איך מאַך אַ סך־הכל פון מיין איצטיקן באַזוך אין פּוילן, איז מיין אויספיר, אַז מיטן פאַרניכטן דורך די נאַציס די יידן און מיטן פאַרשווינדן פון דעם טויזנט־יאָריקן בליענדן יידישן ישוב, איז איצט דאָרט פאַר אונדז איין יאָמערלעכער בית־עולם. אומעטום אין יעדער מדינה איז איצט פּוסט, אָן אָטעם און אָן לעבן, ווי אַ מענטשלעכער סקעלעט, ביי וועמען עס איז אַרויסגעריסן געוואָרן דאָס האַרץ"...

אַזוי האָט מיר געזאָגט דער באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער קולטור־טוער, שלמה זינשטיין, וועלכער איז אויך פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון יידישע קאַצעטלערס, ווידערשטענד־לערס און קרבנות פון נאַציזם. זינשטיין איז נישט געפאָרן אַליין קיין פּוילן. ער האָט אָנגעפירט מיט אַ גרופּע פון 26 געוועזענע יידישע נאַצי־קרבנות פון ניו־יאָרק. אַ טייל אויך — מיט זייערע דערוואַקסענע קינדער.

וויפל ער האָט שוין נישט ביז איצט געליטן, געהערט און געזען בילדער פון דעם יידישן חורבן אין פּוילן — זאָגט שלמה זינשטיין — האָט אים אָבער געצויגן, ווי מיט אַ גוואַלטיקן מאַגנעט, דאָס צו זען מיט זיינע אייגענע אויגן. אַזוי איז ביי אים אויך געווען דער דראַנג צו זען די געוועזענע נאַצישע טויט־לאַגערן, ווו עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן מיליאָנען יידישע פרויען, קינדער, מענער און זקנים. ער האָט געוואָלט זיין אויף די ערטער, אָנרירן מיט זיינע הענט אָט־די ערטער, ווו די אומגליקלעכע יידן האָבן געליטן און אומגעקומען.

שלמה זינשטיין שטאַמט פון לובלין, אַן אַמאָליקער פאַר־וואָרצלטער יידישער ישוב, וואָס איז געווען אַ גרויסער, וויכטיקער, גייסטיקער און פּאָליטישער צענטער פונעם פּוילישן יידנטום. יידן האָבן זיך דאָרט באַזעצט נאָך אין יאָר 1423. פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן אין לובלין געלעבט אַ קאַרגע פופציק טויזנט יידן אויף אַן אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון 130 טויזנט. איז קלאָר, אַז זייענדיק איצט אין פּוילן, האָט שלמה זינשטיין אויך באַזוכט זיין געוועזענע היים־שטאָט.

*

„פאַר דער מלחמה — דערציילט ער — האָבן מיר אין לובלין געוווינט אויף גראָדזקאַ־גאַס נומער 14. אַמאָל איז דאָרט אומעטום געווען אַ פאַרצווייגט יידיש לעבן. און איצט ? איך בין אַרומגעגאַנגען אין דער געגנט, ווו עס איז פאַרלאָפן מיין קינדהייט און יוגנט, איך האָב געקוקט אויף דעם גאַנצן אַרום, איך האָב געווישט טרערן אין מיינע אויגן. איך בין געשטאַנען און געקוקט אויף די גאַסן, אויף



טקס התייחדות ביום השואה והגבורה ליד האנדרטה לקדושי לובלין ומיידאנק בנחלת יצחק
יזכור־אַקט אין טאָג פון אומקום און גבורה ביי דעם מאָנומענט לזכר די קדושים פון לובלין און מיידאַנעק אין נחלת יצחק

די הייזער און מויערן, אויף די מענטשן מיט פרעמדע פנימער אַרום... איך האָב געוואָלט אויסשרייען און פרעגן: ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז פון דעם אַמאָליקן פאַרשידנאַרטיקן יידישן לעבן דאָ, פון אַזאַ טייערער, יידישער וועלט פון גייסטיקן רייכטום, איז אַפילו נישט פאַרבליבן אַ צייכן? ווי איז דאָס מעגלעך?!...

כאָטש ער האָט געוווסט, זאָגט זינשטיין, אַז די יידן זענען ד אָ ר ט נישטאָ, האָט זיך אים אָבער אויסגעדוכט, אַז ער זעט זיי. און ווען ער האָט די יידן נישט געזען אויף איין אָרט, איז ער געלאָפן זוכן אין אַ צווייטער גאַס. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט די יידן טרעפן אין אַנדערע ערטער. אָט אַזוי האָט ער זיך געיאָגט, פון איין אָרט צום צווייטן, מיט דער אויסרעכענונג, אַז ער וועט ערגעץ־ווּ, אין זיין היים־שטאָט, זען יידן. געווען איז דאָס ביי אים אַ פוסטע יאָגעניש, אַ טרויעריקע איינרעדעניש.

*

אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, האָט דער קאָזשעניצער רבי, ר׳ מלך, געוווינט אין לובלין אויף דער ריבנאַ־גאַס, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט גראָדזקאַ. אַלס יינגל פלעגט זינשטיין צוגיין צום רבין, שבת ביינאַכט צו מלווה־מלכה. דער קאָזשעניצער פלעגט שפילן האַרציק אויף זיין פידעלע און שלמה זינשטיין, דער יונגער בחור, צוזאַמען מיט אַנדערע יידן, פלעגן זיך צו דעם צוהערן און הנאה האָבן. איז איצט זינשטיין ווידער געווען דאָרט, ביים הויז ווּ ס׳האָט אַמאָל געוווינט דער קאָזשעניצער רבי. ווי אַ פאַרשטיינערטער האָט ער געקוקט אויף דעם הויז און אויף די ווענט; ער איז געווען ווי אין אַ טראַנס; אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז פון דעם זעלבן הויז הערט זיך ווייטער דאָס פידל־שפילן פונעם קאָזשעניצער...

ווען זינשטיין איז צוגעקומען צום הויז, ווּ ער האָט אַמאָל געוווינט, האָט ער געזען ווי מען וואַרפט גראָד אַראָפּ דאָס דאָזיקע הויז. אַ האַלבע געביידע איז שוין געווען אַרונטערגעריסן. דאָך איז נאָך דאָרט געווען גאַנץ אַ פענצטער אויפן דריטן שטאָק, אין דער וווינונג ווּ ס׳האָט אַמאָל געוווינט די זינשטיין־משפחה. האָט ער געקוקט אַרויף צו דעם אָפענעם פענצטער, געקוקט מיט זיינע באַגאָסענע פון טרערן אויגן. ער האָט ווי געוואַרט, אַז זיינע ליבע טאַטע־מאַמע, לייבל און חיה, זאָלן צו אים אַראָפּקוקן, שמייכלען און רעדן, ווי דאָס איז געווען אין די אַמאָליקע צייטן.

„עס איז אוממעגלעך איבערצוגעבן די געפילן — זאָגט זינשטיין צום סוף פון שמועס — וואָס איך, און די אַנדערע באַטייליקטע אין דער גרופּע, האָבן איבערגעלעבט אויף דעם באַזוך אין פוילן. אַוודאי גייט־אָן דאָרט אַ לעבן, אָבער אָן יידן — איז דאָס אַ פוסטע זאַך. מיטן אומקום פון די יידן איז פוילן, איז אויך אויסגעהוילט געוואָרן דאָס האַרץ און נשמה פון יענער מדינה”.

אין פוילן פעלן איצט פיל זאַכן פון ערשטן געברויך, וואָס רופט אַרויס אומצופרידנקייט ביי דער באַפעלקערונג...

# פון א באזוך אין לובלין אין 1979

ד״ר יצחק רפאל

אין לוח פון יאָר 1979, אַרויסגעגעבן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון ועד הקהילות אין וואַרשע, דערשיינט אַ רשימה פון 19 יידישע קהילות אין פוילן און זייערע אַדרעסן. אויך אינעם קאַלענדאַר צום יאָר תש״ם, וואָס דאַרף דערשיינען בעת מיין באַזוך, איז פאַראַן די רשימה פון די 19 קהילות, וועלכע ווערן אָבער מיט דער צייט פאַרשווונדן. דער בעסטער באַווייז — די שטאָט לובלין. היי־יאָר איז דאָרטן געשטאָרבן אַן אַלטער ייד, שלום גאַרען. מיט זיין טויט איז זיך אַלץ צעפאַלן. די אַלמנה איז געבליבן דער איינציקער אַדרעס פון דער קהילה.

אין לובלין בין איך אַרויס זוכן די איינצלנע, פאַרבליבענע יידן אין דער שטאָט. נאָך אַן אויסמאַטערנדיקן קלעטערן אויף די טרעפּ פון די בוידעם־שטיבלעך און חרובע הייזער, האָב איך געפונען אייניקע פון די אַלטע, הילפלאָזע יידן וואָס האָבן באַדויערט, הלמאַי דער וועכנטלעכער מנין פון די פרייטיק־צונאַכטסן איז בטל געוואָרן. זיי האָבן אויך געצווייפלט, צי וועט זיי היי־יאָר געלינגען אויף ראש־השנה צונויפזאַמלען אַ מנין. דער אַקטיווער ייד פאַראַסאָלניק געפינט זיך איצט אויף אַ באַזוך ביי זיינע קרובים אין ראַטן־פאַרבאַנד. אויך דער טוער קאַראַמעל איז אַוועקגעפאָרן און דער שניידער (מיטן נאָמען יאַנעק) באַמיט זיך שטאַרק וועגן דעם — ס׳איז אָבער אַ ספק, צי ס׳וועט אים געלינגען.

די אַנדערע יידן האָבן זיך לגמרי אָפּגעזונדערט פון דער קהילה, כדי צו פאַרווישן די שפּורן פון זייער אָפּשטאַם. זיי ווערן אָבער אַנטדעקט נאָכן טויט, ווען זיי ווילן בעסער באַגראָבן ווערן אויפן יידישן בית־עולם. כ׳האָב זיך אָנגעטראָפן אויף פרעכטיקע מצבות פון אַזעלכע יידן אויף די בתי־עלמינס אין וואַרשע, קראָקע און לובלין. ווי מ׳האָט מיך אינפאָרמירט, זענען זיי ביים לעבן אָנגעגאַנגען ווי פרומע קאַטאָליקן.

אין קראָקע און אין לאָדזש געפינען זיך די בתי־עלמינס אין אַ פאַרהעלטניסמעסיק גוטן צושטאַנד. מ׳זעט, אַז עמעץ זאָרגט פאַר זיי. אָבער נישט אַזוי אין לובלין, ווּ כ׳האָב זיך אין גאַנצן אַנטוישט. אין מיין קינדהייט האָב איך געלערנט אין דער „ישיבת חכמי לובלין”. דער בנין שטייט נאָך גאַנץ און דינט היינט פאַר אַ צענטראַלע לאַבאָראַטאָריע פאַר כימיע און מיקראָביאָלאָגיע פון לובלינער אוניווערסיטעט. טראָץ דעם רעמאָנט וואָס מ׳פירט איצט אַדורך, האָט מען מיר דערלויבט צו באַזוכן די געביידע און אַרויפגיין אויף די העכערע שטאָקן. כ׳האָב געוואַנדערט פון צימער צו צימער און געזוכט אַ זכר פון יידישקייט אין דער געביידע, וועלכע האָט בשעתו אָנגעזאָגט אַ נייע ווענדונג אינעם ישיבה־סיסטעם אין פוילן. נאָר אומזיסט — אַפילו נישט קיין זכר פון אַ מזוזה. נישט ווייט פון דאָרטן, אויף דער אַנדערער זייט וועג, געפינט זיך דאָס אַלגעמיינע בית־הקברות. מיר איז באַקאַנט דאָס בוך פון שלמה ברוך ניסנבוים (לובלין, תר״ס) און כ׳האָב געוואָלט מיט יראת־הכבוד זען די מצבות פון גאון ר׳ שלום שכנא, וואָס דער חוזה פון לובלין ר׳ יעקב יצחק הלוי האָרוויץ, איז אויף זיין פאַרלאַנג געקומען צו קבורה לעבן אים; פון ר׳ שלמה לוריע, דער מהרש״ל; ר׳ מרדכי יפה, בעל הליבושים; דער מהר״ם ר׳ עזריאל הלוי האָרוויץ („דער אייזערנער קאָפּ”) און די קברים פון ר׳ יצחק הכהן, ר׳ לייבל אייגער און אַנדערע גאונים און צדיקים. אָבער שיער נישט באַקומען קיין האַרץ־אַטאַק, זעענדיק, אַז פון די אַלע קברים איז

גאָרנישט געבליבן. אויף דעם אָרט וואַקסט אַ וועלדל און נאָר פון איינצלנע ערטער שטעקן נאָך אַרויס פון אונטער דער ערד טיילן פון מצבות און שטיינערנע איבערבלייבעכצן. געבליבן איז נאָר אַ טייל מצבות פון נאָך דער באַפרייונג, וואָס זענען שוין טיילוויז צעראַבירט. און אין צענטער — אַ גרויסע, איינדרוקספולע מצבה לזכר די קדושים פון לובלין.

כ׳האָב באַמערקט, אַז ערשט לעצטנס איז דאָס אָרט געוואָרן אָפּגערייניקט און מען באַמיט זיך צו מאַכן אַ שטיקל אָרדענונג. אויף מיין פראַגע האָט מען מיר אויפגעקלערט, אַז אין חודש אויגוסט האָט דער רעקטאָר פון קאַטוילישן אוניווערסיטעט זיך געווענדט צום וואַרשעווער ועד הקהילות, מ׳זאָל אים דערלויבן מיט זיינע סטודענטן און סטודענטן פון איטאַליע און מזרח־דייטשלאַנד, ברענגען אין אָרדענונג דעם יידישן בית־הקברות. „דער ענין האָט אונדז שוין פון לאַנג אינטערעסירט", האָט ער געשריבן. „איצט איז געקומען די צייט עפּעס צו טאָן".

אין משך פון צוויי וואָכן האָבן טאַקע פופצן סטודענטן אָפּגערייניקט דעם בית־עולם. צום באַדויערן, האָב איך נישט געהערט, אַז יידישע סטודענטן פון איי־

ראָפּע און אַמעריקע, אָדער ישיבה־בחורים, זאָלן זיך אַנגאַזשירן אין אַזאַ הייליקער, הומאַניטאַרער אויפגאַבע.

איבערגעזעצט (מיט קירצונגען) פון „ידיעות אחרונות":

**שלמה שטאָקפיש, חיפה**



פון יענע פינצטערע טעג אין לובלין. די דריי יידן האָבן די רוצחים אַנטדעקט אויף מאַרגאָרוע גאַס און פאַרן דערשיסן אין ישיבה־הויף, געמוזט אַליין גראָבן אַ קבר. לינקס שטייט ר׳ מאַטיעס איידעם פון בראָנפן־געשעפט אויף שוויענטאָדוסקע, אַ קוזין פון י. אייזנבערג. דאָס בילד האָט מען געפונען ביי דייטשע סאָלדאַטן.

# חורבן לובלין

**משה זילבערבערג**

דייטאָן, פאַר. שטאַטן

(סוף)

די הפסקה נאָך דעם גירוש, האָט נישט לאַנג געדויערט. די מיטגלידער פון יודענראַט: קעסטענבערג און עדעלשטיין, וואָס האָבן אין נאָמען פון יודענראַט געגעבן די דייטשן אויסלייז־געלט און גאָלד, זענען אַרעסטירט געוואָרן פון אַנדערע דייטשע רוצחים און באַשולדיקט געוואָרן, אַז זיי האָבן געוואָלט איבערקויפן די דייטשע מאַכט. זיי זענען איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה, אין לובלינער „זאַמעק". דער יודענראַט האָט פלאַקאַטירט מעלדונגען אין נאָמען פון די דייטשן, אַז דאָס געטאָ מוז ווערן אויסגעליידיקט און די יידן דאַרפן פרייוויליק פאַרלאָזן די שטאָט. די נייע אויסזידלונג האָט געדויערט אַ וואָך. טאָג־טעגלעך האָבן די אוקראַאינער, עס־עס און פאָלקס־דייטשן אַרויסגעפירט פון געטאָ די אומגליקלעכע יידן.

די גאַסן ווערן אויסגעליידיקט. יידן לויפן אין פאַרצווייפלונג, זוכן אַ וועג זיך צו ראַטעווען, אויך ביי באַקאַנטע פאָלאַקן. אַ סך פרווון אַנטלויפן פון געטאָ, נאָכן אַראָפּנעמען דעם אָרעם־באַנד און „כאַפּן" אַ באַן קיין וואַרשע אַלס „אַריער", אָדער אָנקומען אין אַן אַנדערער שטאָט. די העראָאישע טאַט געלינגט נאָר צענדליקער, בעת הונדערטער ווערן געכאַפּט אויף דער באַן־סטאַציע פון דער זשאַנדאַרמעריע, וועלכע האָט אַרומגעשטעלט אַלע וועגן פון אַנטרינונג. די אַנדעקטע יידן ווערן גלייך דערשאָסן. דער שרייבער פון די שורות האָט דאָס געזען מיט די אייגענע אויגן.

מיר איז געלונגען ניצול צו ווערן פון דער עיר ההריגה. צוזאַמען מיט מיר, זענען אַנטלאָפן פון לובלין און אויך ניצול געוואָרן: מיין ברודער צבי, מיין שוועסטער זלאַטקע מיט איר מאַן פיניע עדלשטיין, רוזשקע רייזמאַן מיט איר מאַן שאַפראַן, אירע עלטערן און ברודער. מיין פאַטער יעקב מרדכי זילבערבערג און מוטער רבקה רחל, אייכענבוימס שווער ריבאַן, אַדוו. בלאַט אאנ"ד.

נאָך דער וואָך, האָבן נייע מעלדונגען אַראָפּגעשיינט פון די ווענט אין געטאָ, אַז אַלע איבערגעבליבענע יידן, האָבן רעכט אין משך פון צוויי טעג אַריבערקלייבן זיך אין מאַידאַן טאַטאַרסקי, אַן אָרעמער וווינונגס־קוואַרטאַל פון די פאָלאַקן. די געגנט איז עוואַקוירט געוואָרן פון דער פוילישער באַפעלקערונג און געוואָרן באַשטימט אַלס וווינאָרט פאַר יידן. צוויי טעג האָט מען אויף פורן איבערגעפירט ס׳ביסל יידישע אָרעמקייט. קיין זשאַנדאַרמעריע און עס־עס האָבן זיך אין די צוויי טעג נישט באַוויזן. ערשט ווען לובלין איז געוואָרן יודענריין און עטלעכע טויזנט יידן זענען אָנגעקומען אין מאַידאַן טאַטאַרסקי, זענען אַהין אָנגעקומען די רוצחישע עס־עס און אויפגעפאָדערט די יידישע באַפעלקערונג אַרויסצוגיין פון די שטובן און שטיין צו אַן אַפּעל. די דייטשן האָבן קאָנטראָלירט די אַרבעטס־ביכלעך. טויזנטער יידן זענען דורך די דייטשע באַנדיטן אָנערקענט געוואָרן אַלס אומלעגאַלע. זיי זענען אַרויסגעפירט געוואָרן פון עס־עס. און אוקראַאינער און דערשאָסן געוואָרן.

נאָכן ליקווידירן די יידישע לובלין, האָט דער גובערנאַטאָר פון פוילן, האַנס פראַנק, באַזוכט די שטאָט און אויף די שפּאַלטן פון דער „קראַקאָוער צייטונג" האָבן זיך באַוויזן פאָטאָגראַפיעס פון מערדער גלאָבאָצניק און פראַנק, ווי זיי פרייען זיך אויף די חורבות פון לובלינער יידנטום. לובלין איז געוואָרן צעשטערט. אַ רוצחישע האַנט האָט זי ליקווידירט מיט דער גרעסטער אכזריות.

הייליקער אָנדענק נאָך די קדושים!

יתגדל ויתקדש שמה רבא!

**האזכרה לקדושי לובלין והסביבה — יום ב׳ 24.11.80, בבית המלין בת"א.**

# דערציערישע פּראָבלעמען אין די הומאַניסטישע גימנאַזיעס

נחמן בלומענטאַל

אָנגעקומען בין איך ווי אַ לערער אין די הומאַניסטישע גימנאַזיעס אין לובלין, סוף אויגוסט 1928, צום נייעם שול־יאָר, וואָס הייבט זיך אָן דעם ערשטן סעפּטעמבער. דאָס איז ביי מיר געווען די ערשטע שטעלע. אַלץ איז געווען פאַר מיר ניי — סיי די שטאָט, סיי די מענטשן, סיי די אַרבעט וואָס כ׳דאַרף אָנהייבן. נאָר דאָ בין איך גלייך אַריינגעפאַלן אין אַן אינערלעכן קאָנפליקט, וועלכן כ׳האָב פריער נישט פאָרויסגעזען. געמיינט האָב איך (און כ׳מיין, ווי אַלע אַנדערע וואָס הייבן אָן זייער לערער־קאַריערע), אַז ס׳איז גענוג צו זיין אַ גוטער לערער, דאָס הייסט — אויף אַ לייכטן אופן איבערגעבן די שילערס אַ קוואַנטום פון וויסן, וואָס כ׳האָב אַליין פריער באַקומען סיי אין גימנאַזיע, סיי אויפן אוניווערסיטעט. כ׳האָב געלערנט דאָס פּראָבלעם, ווי אַזוי איבערגעבן מיינע שילערס דעם פּראָגראַם, וועלכן ס׳זעט פאַר דער לערנפּלאַן פאַר יעדער קלאַס באַזונדער. פאַר דעם צוועק זענען פאַראַן ביכער, פון וועלכע מ׳קען זיך דאָס אַלץ אויסלערנען אויסנווייניק. דערמיט ענדיקט זיך די צוגרייטונג פון לערער אויסצופירן זיין אַרבעט. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס אַלץ איז נישט גענוג, ווייל יעדער לערער דאַרף אויך זיין אַ דערציער — און דערצו איז ער אָממייסטן נישט צוגעגרייט. דערפון נעמען זיך די פאַרשידענע אַנטוישונגען, וועלכע ס׳לעבט איבער כמעט יעדער לערער ביים אָנהייב פון זיין אַרבעט. אין אָנפאַנג פאַרשטייט ער נישט אַפילו וואָס מ׳וויל פון אים. ער טרעפט זיך אָן אויף ברענענדיקע פּראָבלעמען, וועגן וועלכע ער האָט ביז איצט נישט געטראַכט און זיי פאָדערן אַ באַלדיקע לעזונג. אָבער ווו נעמט מען הילף?

כ׳וויל דאָ ברענגען איניקע ביישפּילן: אָנגעקומען אין שול, הער איך ווי די שילערס פון די העכערע קלאַסן שושקען זיך, אָבער אַזוי, כ׳זאָל דאָס הערן: וועגן עפּעס אַ טשאַרנעצקין, וואָס האָט זייער שיין גערעדט. אָבער ווער דאָס איז — ווייס איך נישט. פרעגן די שילער, איז אויך ניט שיין, ווייל ס׳וועט אויסזען ווי איך, זייער לערער, פרוו זיך אַריינמישן אין זייערע פריוואַטע געשפּרעכן. ביז כ׳האָב זיך דערוווּסט, אַז פון וואַרשע איז אויף אַ פּאָר טעג געקומען אַהיים דער פּאָליטעכניקום־סטודענט לאָלעק פינקעלשטיין, מיינער אַ ווייטער קרוב, וואָס ביי זיינע עלטערן, אויף קאָלאָנטאַיאַגאַס 5, האָב איך געוווינט נאָך מיין קומען קיין לובלין. אין דעם הויז (וואָס האָט געהערט צום גביר עפּשטיין), האָט אויך געוווינט אַדוואָקאַט לעווינזאָן. לאָלעק האָט מיר דערציילט, אַז ערשט ניט לאַנג איז ער אין געהיים געקומען קיין לובלין, זיך באַטייליקט אין אַן אומלעגאַלער מאַסאָווקע פון פּוילישע קאָמוניסטן, וועלכע איז פאַרגעקומען אין אַ וואַלד און ער איז אַרויסגעטרעטן אונטער דעם קאָנספּיראַטיוון נאָמען טשאַרנעצקי, נישט פינקעלשטיין. בעת זיין צווייטן באַזוך אין לובלין, האָט די פּאָליציי אַרומגעשטעלט דאָס הויז און פאַרנומען דעם תכשיט, בעת ער האָט גענעכטיקט אין דער היים. נאָך אַ געוויסער צייט איז פאָרגעקומען זיין פּראָצעס, מיט נאָך אַכט חברים, ס׳רוב יידן — און אין געריכט האָט ער ערשט באַוויזן וואָס ער קאָן. אַז דער פּראָקוראָר האָט אים געשטעלט אַ פראַגע, האָט ער אויפן הויכן קול געענטפערט, אַז אַ פּראָקוראָר וואָס הייסט שלאָגן פּאָליטיש־פאַרדעכטיקטע — ענטפערט ער נישט. די זעלבע ווערטער האָבן דערנאָך געענטפערט אַלע אַנדערע אָנגעקלאָגטע. פאַרשטייט זיך, אַז אַלע זענען פאַרמשפּט געוואָרן. די גרעסטע שטראָף, 6 יאָר תפיסה, האָט באַקומען פינקעלשטיין. ווען מ׳האָט זיי אין פּאָליציייאישן קעטשל געפירט איבער די גאַסן צום „זאַמעק", האָבן זיי הויך געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל" און מיט דעם אַרויסגערופן אַ סענסאַציע אין שטאָט.

אַן אַנדערער פּראָצעס קעגן קאָמוניסטישע יוגנטלעכע, האָט אויך געהאַט אַ שייכות צו מיר. פאַרן געריכט איז געשטאַנען אַ שילער פון זעקסטן קלאַס פון אונדזער גימנאַזיע, שאַפּראַן, וואָס האָט געלערנט אין מיין קלאַס און איך בין געווען זיין דערציער. אים האָבן פאַרטיידיקט דער וואַרשעווער אַדוואָקאַט ווינאַווער און די פּרוי קרישטאַל. נישט האָבנדיק קיין סך אַרגומענטן אים צו פאַרטיידיקן, ווייל דער פּראָקוראָר האָט באַוויזן, אַז מ׳האָט אים שפּעט ביינאַכט געכאַפּט מיט אַ שרייבמאַשין, אויף וועלכער מ׳האָט אָפּגעדרוקט „וויוראַטאָווע" אויפרופן — אַן אָפּגענוצטע מאַשין מיט נישט דייטלעכע אותיות, — האָבן זיי מיך גערופן אַלס עדות. האָב איך דערציילט פאַרן געריכט, וואָס פאַר אַ גוטער, דיסציפּלינירטער שילער שאַפּראַן איז, ווי מוסטערהאַפט ער גרייט צו די לעקציעס, ווי ער פאַרדינט זיין אויסהאַלט מיט געבן פּריוואַטע לעקציעס אדג״ל, ווי אַ מינדעריעריקער האָט ער באַקומען אַ קלענערע שטראָף. נאָכן באַפרייט ווערן, האָט ער געענדיקט אַן אַנדערע גימנאַזיע, נישט אין לובלין. נאָך דער מלחמה, איז ער אַרויפגעשוּמען אין נייעם פּוילן.

אַ דריטער פאַל בשייכות מיין דערציערישער אַרבעט, איז געווען פאַרבונדן מיט אַ פּשוטן, נישט פּאָליטישן ענין: כ׳האָב אין מיין קלאַס אָרגאַניזירט אַ שפּאָר־קאַסע, כדי זאַמלען געלט פאַר אַ גרויסן אויספלוג צום סוף פון שול־יאָר. די קאָמיסיע האָט אויסגעוויילט איינעם, וואָס אויף זיין נאָמען איז געווען אויסגעשטעלט דאָס שפּאָר־ביכל פון פּ.ק.אָ. (פּאָטשטאָווע קאַסאַ אָשטשענדנאָשטשי). ווען כ׳האָב קאָנטראָלירט דאָס ביכל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ר׳האָט פון דעם געלט גענומען פאַר זיך אַ קליינע סומע. אָבער פון פּעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט, איז דאָס געווען אַ פאַרברעכן. פאַר מיר איז געשטאַנען די פראַגע (אין מיינע לערנביכער האָב איך דערויף קיין ענטפער נישט באַקומען): וואָס טאָן? איינס איז מיר געווען קלאָר: כ׳טאָר נישט דערציילן וועמען פון לערער־פּערסאָנאַל, הגם אַזעלכע פראַגן געהערן בדרך־כלל צו דער קאָמפּעטענץ פון פּעדאַגאָגישן־ראַש, אויף וואָס דער דירעקטאָר האָט געלייגט גרויס געוויכט. איך האָב אָבער געהאַנדלט אַנדערש: צומערשט גערעדט מיטן שילער אונטער פיר אויגן — און ר׳האָט זיך טאַקע מודה געווען און אומגעקערט די פעלנדע סומע. גאָר ביי מיר האָבן די דערוועקט געוויסע ספיקות, אַפילו חרטה־געפילן: האָב איך ריכטיק געהאַנדלט? וועט דאָס ביי אים זיין אַן אויסנאַם־פאַל, וואָס וועט זיך מער נישט איבערחזרן, אָדער גאָר אַן אָנהייב, וואָס ווער ווייסט צו וואָס ס׳קאָן דערגיין. דעם אויסוועג האָב איך געפונען ביי דעם שילערס מוטער. כ׳האָב איר אַלץ דערציילט און איבערגעלאָזט די ברירה: אָדער זי אַליין זאָל ריידן מיטן זון, אָדער לאָזן פאַרגעסן דעם ענין. ווי אַזוי די מוטער האָט רעאַגירט — ווייס איך נישט. אָבער אַזעלכעס האָט זיך ביי אים מער נישט איבערגעחזרט. שטאַמענדיק פון אַ רייכער משפּחה, איז ער נאָך דער מאַטורע אַרויסגעפאָרן שטודירן קיין אויסלאַנד. ווען ער איז געקומען אַ היים אויף פעריען, האָט ער מיך באַזוכט, הגם כ׳האָב שוין געוווינט אין לאָדזש. אין דעם וויזיט האָב איך געזען, אַז ער האָט נישט צו מיר קיין תרעומות. גם זה לטובה ווייל לערערס זענען שטאַרק עמפּינדלעך אויף אַ גוט וואָרט פון די שילערס — אפשר מער ווי די שילערס מצד די לערערס...

איינמאָל ווערן די לערערס גערופן אויף אַ ספּעציעלער זיצונג פון פּעדאַגאָגישן ראַט. נישט וויסנדיק צוליב וואָס, האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט מיט שפּאַנונג. דער דירעקטאָר זאָגט, אַז ר׳האָט אַ פאַרטרויעלעכע מעלדונג: איינע פון די שילערינס פון זיבעטן קלאַס איז שוואַנגער. די ידיעה האָט אונדז געטראָפן ווי אַ דונער. נישט נאָר דער פאַקט גופא האָט אונדז דערשיטערט, נאָר אויך דאָס וואָס ס׳איז געשען אין דער פרומער שטאָט לובלין, און גראָד אין אונדזער גימנאַזיע. נאָך מער האָט אונדז פאַרדראָסן דער פאַקט, וואָס די שול־מאַכט ווייסט שוין דערפון, בעת מיר, די לערערס און דערציערס — ווייסן נישט. מ׳קען אונדז צונעמען די רעכט, וועלכע מיר האָבן צוריק באַקומען מיט איניקע יאָר פריער. און וואָס פאַר אַ פּנים וועט די שול האָבן אין די אויגן פון די עלטערן? מיט וואָס פאַרענטפערן דעם פאַקט, אַז מיר האָבן דערפון נישט געוווּסט, ביז ווער פון דרויסן האָט דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט. פאַר וואָס

האָט אונדזער שול־דאָקטער נישט באַמערקט, ווען ר׳האָט אָנהייב שול־יאָר אונטערזוכט די שילערס און שילערינס? ווו איז געווען דער גימנאַסטיק־לערער? מיר האָבן האַרב רעאַגירט און איינשטימיק באַשלאָסן צו באַזייטיקן די שילערין פון גימנאַזיע און וועגן דעם מיטגעטיילט דער שול־מאַכט. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט פון דער מיידלס חברטע אַז זי האָט געבוירן אַ קינד, זי האָט אַפילו געקענט דעם בחור — אָבער דאָס האָט אונדז ווייניק געאַרט. דער עיקר — מיר האָבן זיך פאַרענטפערט פאַרן שול־קוראַטאָריום.

די מאַמע מיטן קינד זענען אומגעקומען אין דער חורבן־תקופה.

דער שול־קוראַטאָר און די מערהייט וויזיטאַטאָרן און באַאַמטע, זענען געווען געשווירענע אַנטיסעמיטן, וואָס האָבן אַפילו נישט געפּרוּווט צו פאַרהוילן זייער יידן־שינאה. בעתן וויזיטירן אונדזער שול, האָבן זיי תמיד פאַרגעוואָרפן, אַז די שילערס ריידן אַ שלעכטן פּויליש, דער אַקצענט איז נישט קיין גוטער, מ׳איז נישט גענוג פּאַטריאָטיש און אַנדערע טענות. מיטן אָפּטייל פאַר מיטלשול בילדונג האָט אָנגעפירט אַ וויסנשאַפטלער מיט אַקאַדעמישער בילדונג, פעליקס אַראַשקעוויטש, וואָס האָט זיין דאָקטאָראַט געמאַכט וועגן דעם שרייבער באָלעסלאַוו פּרוס. אין זיין אַרבעט האָט ער ציטירט פּרוסן: „די יידן אין פּוילן איז דער ראַק וואָס טאָטשעט די פּוילישע געזעלשאַפט״. און ער איז געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער וועגווייזער און אַפּיעקון פון גימנאַזיע־בילדונג אין לובלינער קרייז.

ביי דער געלעגנהייט האַלט איך פאַר נייטיק צו דערמאָנען אַן אויטאָ־ביאָגראַפיש ביכל, דערשינען נאָך דער מלחמה אין נייעם פּוילן, פון אַן אַנדערן פּוילישן לערער, קאָנראַד ביעלסקי, וואָס האָט אַ געוויסע צייט אונטעריכטעט אין שפּערס גימנאַזיע (אייניקע פון זיינע שילערס געפינען זיך היינט אין ישראל). אין דעם ביכל דערמאָנט ער לטובה דעם פּאַטריאָט אַראַשקעוויטש, וועלכער גייט היינט אָן אין פּוילן ווי אַ נאַציאָנאַלער העלד. (אים האָט דער היטלער־רעזשים נישט געשאַדט).

נאָך אַ דערינערונג פון אַראַשקעוויטשעס אַנטיסעמיטיזם האָב איך איבערגעלעבט אַ שבת אין יאָר 1935, בעת איך האָב נאָכמיטאָג שפּאַצירט אויף דער קראָקעווער פּאַרשטאָט אין זאַקסישן גאָרטן און אויף די ראַצלאַוויצקע אַלייען. צוריק גייענדיק, האָב איך באַמערקט אַ מענטשן־אָנגעלויף, וואָס קוקן זיך צו ווי אַ גרופּע ביתר׳ים מאַרשירן אינמיטן וועג, אין מוסטערהאַפטער מיליטערישער אָרדענונג. צווישן דעם המון האָב איך דערזען אַראַשקעוויטשעס קאָפּ, וועלכער איז געשטאַנען מיט נאָך אַ לערער פון דער זאַמויסקי־גימנאַזיע, אַ נישט קלענערער אַנטיסעמיט פון אים און געקוקט אויף די מאַרשירנדיקע יידישע בחורים מיט פייער־שפּריצנדיקע אויגן פול מיט שינאה און פאַראַכטונג — אין אַ צייט, ווען היטלער האָט שוין געגרייט זיין קריג קעגן פּוילן.

כ׳בין געקומען אין לאַנד אין יאָר 1950. איך גיי אַ געוויסן טאָג אין דער הויפּט־פּאָסט אין תל־אָביב און זע ביים פענצטערל זיצט מיינער אַ געוועזענער שילער. ער באַגריסט מיך האַרציק און דערציילט, אַז זיין מאַמע (אַ רב׳ס אַ טאָכטער) און שוועסטער האָבן דווקא אין דאַנציג איבערגעלעבט די אָקופּאַציע אַלס פאָלקס־דייטשן. ער, דאַקעגן, האָט חתונה געהאַט מיט אַ פּויליש מיידל און איז איצט אַ מלוכה־באַאַמטער אויף דער ישראל־פּאָסט. מיך האָט שטאַרק געפרייט דאָס טרעפן זיך מיט אים. נאָך אַ געוויסער צייט קומט צו מיר זיין פרוי מיט אַ בקשה, כ׳זאָל זען ראַטעווען איר מאַן, מיין אַמאָליקן שילער. „וואָס איז געשען?״ פרעג איך אַ דערשראָקענער. זי דערציילט מיר אַז מ׳האָט אויף דער פּאָסט (בנק הדואר), ווו איר מאַן אַרבעט, אַנטדעקט אַ מאַלווערסאַציע און מ׳איז חושד איר מאַן, אָן שום סיבה. „אָבער מיט וואָס קען איך העלפן?״ פרעג איך די פרוי. זאָגט זי, אַז כ׳דאַרף זיין אַן עדות און זיך טרעפן מיטן אַדוואָקאַט אין קאָרידאָר. ער זאָגט, אַז כ׳דאַרף עדות־זאָגן וועגן זיין כאַראַקטער (עד אופי). ווען מ׳האָט מיך אַריינגערופן, האָב איך דעם געריכט געענטפערט אויף אַלע פראַגן און געשילדערט וואָס פאַר אַ גוטער, אינטעליגענטער שילער ער איז געווען אין פּוילן, געהאַט אַן אָפענעם קאָפּ און ווי גוט ער האָט זיך אויפגעפירט. מיין עדות־זאָגן האָט אָבער נישט געהאָלפן — ער האָט באַקומען אַ יאָר תפיסה...

# מיטן שמייכל פון א קונדאס...

## בנימין לובעלסקי

**דעם געפאַלענעם אין שפּאַניע גדליה שפּירא — אין דערינערונג.**

.1

גדליה שפּיראָ האָב איך נענטער נישט געקענט. ער איז געווען מיט אַ זעקס יאָר ייִנגער פון מיר — און ווער קוקט זיך עס אום אין די שול־יאָרן אויף אַ ייִנגערן מיט אַזוי פיל יאָר? אָבער זיין עלטערן ברודער, מאָטל, האָב איך גוט געקענט. מאָטל איז געווען אין איין עלטער מיט מיר, געלערנט מיט מיר אין איין קלאַס, אין בית־אולפנה דרכי נועם, אויף דער אַרכידיאַקאָנסקע גאַס. (מיר האָבן געזאָגט אויף דער גראָדזקע, ס׳איז געווען לייכטער אַרויסצוזאָגן). אין דער פרי איז עס געווען אַ „חדר״, ווו מ׳האָט געלערנט תורה, גמרא; אין אָוונט — אַ שול, ווו מ׳האָט געלערנט פּויליש, געשיכטע, געאָגראַפיע און אַנדערע קעגנשטאַנדן. אַזאַ מין שידוך פון „חדר״ און שולע, האָט געהאַט אַ ברירה צופרידנצושטעלן יענע עלטערן, וואָס האָבן געוואָלט אַז זייערע קינדער זאָלן קענען, ווי מען האָט געזאָגט: יידיש און יאַדיש...

אין די שולשעהן איז געווען ווי יעדע שול — לעקציעס, אויפגאַבעס, היים־אַרבעטן, אַפילו — אויספלוגן. אין די אינדערפרי־שעהן — ווי אין „חדר״. גמרא האָט מיט אונדז געלערנט דער רבי מאָטל לאַקס, אָדער דער רבי נח קורלענדער. געלערנט הייסט: דער רבי האָט צום ערשט געלערנט אויף קול אַ דף גמרא, און דער בעסטער פון אונדז האָט נאָך אים איבערגעחזרט. דערנאָך האָט עס געטאָן דער צווייטער בעסטער. אַז ס׳איז געקומען צום לעצטן, האָט ער שוין גוט געקענט דעם „שור שנגח את הפרה״, צי „שניים אוחזין בטלית״, אָדער „האשה נקנית בשלושה דברים״. אַלץ איז אַריין אין אונדזערע מוחות אַזוי, אַז מיר האָבן עס אַפילו נישט באַמערקט. כ׳קאָן נישט זאָגן, אַז מיר האָבן געקנעלט, מ׳איז אָבער געזעסן און נישט איינמאָל זענען די שעהן געווען לאַנגע, שווערע. איז נישט קיין ווונדער, אַז מיר האָבן דערהערט דאָס גלעקל צו דער גרויסער פּויזע, זענען מיר אַרויס אין אַ טייוולאָנישן טומל, געלאָפן צו זיין וואָס פריער. יאָ, ס׳איז געווען ווו צו לויפן — דער „כאָנע״־פּלאַץ! וואָס דאָרט איז אַלץ געווען!

כדי צוקומען צום „כאָנע״־פּלאַץ, האָט מען באַדאַרפט פאַרבייגיין דאָס גלחים־הויז. דאָס הויז האָבן מיר געזען פון אונדזערע פענצטער. אין מוח האָבן זיך איינגעקריצט די גרויסע, גאָלדענע אותיות אין דער לאַטיינישער שפּראַך: „בענע מערענטיבוס פּאַקס״ (די וועלכע האָבן גוט פאַרדינט — מנוחה!) צו דער לינקער זייט פון הויז, גאָר הויך, איז געווען צוגעפעסטיקט אַ סקולפּטור פון אַ קאָפּ. פון וועמען? פון מאַצוך — פון וועמען דען? ווער איז געווען מאַצוך? מיר האָבן געוווּסט, אַז מאַצוך איז געווען פאַרבונדן מיט אַ בלבול, אַז יידן האָבן אומגעבראַכט אַ קריסטלעך קינד, כדי זיך באַנוצן מיט זיין בלוט אויף מצות. אויפן פּראָצעס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער שולדיקער איז גאָר געווען מאַצוך און איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף שווערע תפיסה. דערפאַר טאַקע, ווען שקצים האָבן אויף אונדז געשריגן „בייליס״, האָבן מיר גלייך אָפּגעענטפערט: „בייליס זשיע — מאַצוך גניע״!

איז עס טאַקע געווען מאַצוכ׳ס פיגור אויף דער וואַנט? גיי וויים! ווי איר שטעלט זיך פאָר, האָב איך מאַצוכן פערזענלעך נישט געקענט. אויסער דעם, איז דער קאָפּ געווען צוגעפעסטיקט הויך און גיי פאַרש?! דער כאָנע־פּלאַץ איז דאָך געווען אַזוי נאָענט און גרויס און מען האָט דאָרט געקענט זיך יאָגן, שפּרינגען, שרייען און אויסשרייען דאָס

גאַנצע, אָנגעזאַמלטע שווייגעניש. אַפילו קוקן אויף דער פּאַנאָראַמע פון לובלין, וואָס האָט זיך דאָרט געצייכט, מיטן שלאָס אינדערמיטן, און פעלדער מיט לאַנקעס ביז אַראָפּ, צו פּלאַגע־ליאַשקעוויטשעס פאַבריק, צי ביז קראָזעס מיל אויף דער וואָליע. נאָר וועגן דעם האָבן מיר נישט געטראַכט, נישט געווען קיין צייט דערפאָר. העכסט אַ מעשה — אַזאַ ריזן פּלאַץ צו שפּילן, און היינט דער באַרג אַליין — וואָס מ׳האָט דאָרט נישט געקענט פאַראַרבעטן: באַהאַלטן זיך אין די קוסטעס, קוילערן זיך באַרג־אַראָפּ, אָדער גאָר אונטערלייגן אַ פּאָר ביכער אונטער דעם הינטערן, האַלטן ביים פּאָסעק און אַראָפּפאָרן ביז אונטן — וואָס פאַר אַ תענוג איז דאָס געווען! איר קענט זיך פאָרשטעלן ווי די ביכער האָבן אויסגעזען נאָך אַזאַ „רייזע״. און די הויזן — פרעגט שוין די מאַמע...

.2

טאַקע אין יענע טעג איז מיט מיר אין איין כיתה געווען מאָטל שפּיראָ — גדליה׳ס עלטערער ברודער. גדליה איז געווען אין אַ סך אַ נידעריקערן קלאַס פון אונדז, וואָס האָט ער מיך געקענט אינטערעסירן? מאָטל, זעט איר, יאָ. ער איז געווען אַ חברהמאַן! וואָס ער האָט „פאַראַרבעט״, איז שווער איבערצוגעבן. אין אַ שיינעם טאָג האָט מען אים געמוזט אַרויסנעמען פון קלאַס. דערנאָך האָב איך אים געזען אין אַ באַזונדער שול־היטל אויפן קאָפּ, פון אַ ספּעציעלער שול אין מלאַווע. דער טאַטע האָט זיך געקענט דערלויבן!

דער טאַטע? נו, בענטשע שפּיראָ, ווער האָט דעם נאָמען נישט געהערט אין לובלין? פון די אָנגעזעענסטע גבירים אין שטאָט, אַ תבואה־סוחר, אַ סוחר פון קאָלאָניאַל, פון הייזער — האָט בענטשע שפּיראָ זיך נישט געקענט דערלויבן? אויב נישט די שול — איז אַן אַנדערע. נישט אין לובלין — איז אין מלאַווע. וואָס, ס׳פעלן ערטער?

ווען מאָטל איז אַוועק, האָב איך גדליה׳ן ווייניקער געזען. מיט דער צייט האָב איך אים אינגאַנצן פאַרלוירן פון אויג. אין אַ פּאָר יאָר אַרום, בין איך אַוועק פון לובלין. דער קרייז פון חברים און באַקאַנטע האָט זיך דערווייטערט — אַנדערע ערטער, אַנדערע דאגות, אַנדערע מענטשן.

.3

— דיינער אַ לאַנדסמאַן געפינט זיך דאָ, — האָט מיר ווער אַ זאָג געטאָן.

דאָס איז געווען אויפן הויף פון דער באַזע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע אין שפּאַניע, אין אַלבאַסעטע, וווּ מיר זענען נאָר וואָס אָנגעקומען נאָך אַ גאַנצער נאַכט־רייזע פון וואַלענציע. מיר זענען געווען זייער באַשעפּטיקט, מ׳האָט נאָר וואָס באַקומען אונדזער געווער, מונדירונג, באַדאַרפט מיט איינמאָל אַריבערשפּרינגען פון ציוויל אין סאָלדאַטישן לעבן. ס׳איז געווען אַ סך לויפעניש. אין דער פרעמד, ווערט יעדער נאָענטקייט נאָך מער נענטער. אַ לאַנדסמאַן איז עפּעס אַזוינס וואָס שמעקט מיט היים, קרובים, חברים, — פריינד. כ׳בין אַוועק צו דעם, אויף וועלכן מען האָט מיר אָנגעוויזן.

פאַר מיר איז געשטאַנען גדליה, גדליה שפּיראָ. דער זעלבער ווי כ׳האָב אים געקענט ווי אַ קינד, נאָר אויסגעוואַקסן, גרעסער, די פּנים־שטריכן — בולטער, שטאַרקער. ער האָט אָבער פאַרהיטן זיין קינדערישן בליק — גלייך, דער מאַמעס מילך איז נאָך געווען אויף די ליפּן. ער האָט באַדאַרפט אַלט זיין אַן ערך אַכצן יאָר, נישט מער!

ווייזט אויס, ער איז געקומען מיט אַ טאָג־צוויי פריער. ער איז געווען אין מונדיר. געהאַט אַ לאַנגע, לעדערנע וועסט, אָן אַרבל, אַ גרויסן באַסקישן גראַנאַט־בערעט. האַלטנדיק די ביקס ביים אויבערשטן טייל, איז ער געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט. ער האָט מיך דערקענט, געשמייכלט אַ ביסל פאַרשעמט, ווי נאָכן אָפּטאָן אַ קונדאָס־שטיקל. ער איז געקומען פון פוילן. נישט פון די לייכטע זאַכן, אָבער פאַר גדליה שפּיראָ איז עס אַוודאי נישט געווען שווער. נעבן אים האָט זיך געפּאָרעט לאַנדאַו, אַ סטודענט פון לובלין.

נאָך אונדזער ווערטער־אויסטויש, האָט זיך פאַר מיר געשאַפן אַ בילד וועגן גדליהן. דעם טאַטנס אוצרות האָבן אים נישט געשטערט אַדורכצומאַכן אַ טיפע ראַדיקאַליזירונג. ער איז צוגעשטאַנען צו דער קאָמוניסטישער יוגנט, וועלכער ער האָט געדינט לויט זיינע מעגלעכקייטן. און אַזעלכע, ווי מיר ווייסן, האָבן נישט געפעלט... גדליה האָט געהאַט אַ מאָטאָציקל — נישט אַזאַ שווערע זאַך פאַר בענטשע שפּיראָס זון... מיט דער הילף פון מאָטאָציקל, האָט ער פאַרבונדן צווישן די פאַרשידענע קאָמוניסטישע קעמערלעך. דער עיקר — אויסער לובלין.

ער האָט געפירט דירעקטיוון, אויפרופן, געטאָן אַ ריזן־אַרבעט. געהאַט דערצו אַן ערנסטע און ערלעכע באַציונג. אין דער קאָמוניסטישער יוגנט זענען אָבער נישט אַלע געווען ערנסט און ערלעך — געווען דאָרט אויך פּאָליציי־אַגענטן. גדליה איז „פאַרשיט״ געוואָרן, אַריינגעפאַלן, געשטעלט געוואָרן פאַרן געריכט. קיין סך איז ער נישט געזעסן — אויף דעם איז געווען אַ רייכער טאַטע, בענטשע שפּיראָ...

נישט געווען קיין צייט פאַר אַ לענגערן שמועס. אַ קלאַפּ אויפן אַקסל — „אַבי מען זעט זיך״ — און כ׳בין אַוועק צו מיינע ענינים.

מיר זענען געבליבן אין אַלבאַסעטע אַ טאָג־צוויי און זענען אַוועק אויפן מאַדרידער פראָנט. עס זענען געווען די נאָוועמבער־טעג פון 1936. פראַנקאָ האָט באַדראָט מאַדריד. איינהייטן וואָס ווערן פאָרמירט אויף דער שנעל, זענען בכלל לויזע, צעשיטן זיך, מישן זיך אויס אין אַן אַקציע. גדליה׳ן האָב איך נישט אָפּגעלאָזן פון אויג. כ׳האָב אים געזען אין אונדזער ערשטער, נישט געלונגענער שלאַכט אויף סעררא דע לאָס אַנכעלעס ביי מאַדריד. כ׳האָב אים נאָך געזען בעת דער צווייטער שלאַכט, אויף קאָסאַ דעל קאַמפּאָ, ביי מאַדריד. דאָס איז געווען אַ שווערע שלאַכט, ספּעציעל פאַר אונדז, נישט געאיבטע, כמעט נישט באַוואָפנטע סאָלדאַטן. מיר האָבן געהאַט נאָר ביקסן, עס זענען געווען אַ פּאָר שווערע „מאַקסימס״, צו שיצן פון פלאַנק. גדליה האָט געהאַט אַ בלעכענע פּושקע מיט אַ קנויט — אַ מין האַנט־גראַנאַט, וואָס ביים אויפרייס, האָט ער געמאַכט אַ גרויסן רעש, אָבער אַ קליינעם שאָדן. מ׳האָט דערמיט באַדאַרפט קעמפן קעגן טאַנקען. די פּושקע איז ביי אים געווען צוגעטשעפּעט צום פּאָסעק. גדליה האָט געקוקט אויף דער פּושקע און געשמייכלט מעשה קונדאָס. קיין שטאָל־העלמס האָבן מיר נישט געהאַט, אויך קיין מכשירים צו גראָבן אָקאָפּעס, שוין אָפּגערעדט פון באַזונדערע איינהייטן פאַר דעם ציל.

פון ווייטנס האָט מען געזען ווי פראַנקאָס טאַנקען פאַרמירן זיך צום שלאַכט — נאָר צוליב וועלכער ס׳איז סיבה, זענען זיי צו אונדז נישט דערגאַנגען. אָבער אויך אָן זיי, איז די שלאַכט געווען אַ ביטערע, די פאַרלוסטן — שווערע. מערערע פון אונדזער איינהייט זענען געפאַלן, צווישן זיי — דער קאָמאַנדיר פון דער איינהייט, דער פּאָליטישער קאָמיסאַר און אַנדערע, וועמענס נעמען כ׳האָב נישט באַוויזן צו פאַרהיימישן.

פון דער דאָזיקער שלאַכט אין קאָסאַ דעל קאַמפּאָ, איז גדליה נישט צוריק געקומען. ער איז שווער פאַרווונדעט געוואָרן פון אַ קויל וועלכע האָט אים דורכגעשניטן פון איין זייט אויף דער צווייטער. מען האָט אים עוואַקואירט אין שפּיטאָל אין אַ האָפענונגסלאָזן צושטאַנד און נישט באַוויזן אים אָפּצוראַטעווען.

גדליה איז געגאַנגען אין שלאַכט יונג, אָן מורא, מיט אַ שמייכל פון אַ קונדאָס. אַזוי איז ער אויך אומגעקומען. גאָר שנעל. כ׳האָב נישט באַוויזן אים נענטער צו באַקענען.

# זכרונות פון די קינדער־ און יוגנט־יאָרן

ישראל אייזענבערג
לאָס־אַנזשעלעס

קינדער־יאָרן, זיסע שיינע יאָרן
אייביק בלייבט איר ביי מיר אין זכרון.
ווען איך טראַכט פון אייער צייט
טוט מיר אַזוי באַנג און לייד
קינדער־יאָרן, זיסע שיינע יאָרן!

צום נייעם זמן, ס'רוב צווישן ראש־השנה און יום־כיפור, ווען מען דינגט אָן די יינגלעך צו לערנען אויפן קומענדיקן יאָר, איז דער מלמד געקומען צו מיין טאַטן מיך צונעמען אַלס תלמיד. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט מיט גאָר פיינע רעקאָמענדאַציעס, ממש דער בעסטער מלמד אין לובלין. ער האָט מיך געוואָלט האָבן ביי זיך, כדי זיך קענען באַרימען פאַר די טאַטעס, ביי וועמען ר'האָט געזוכט תלמידים, אַז ר' משהלע אייזענבערגס זון וועט ביי אים לערנען דעם נייעם זמן, וואָס האָט באַדאַרפט הייבן זיין פּרעסטיזש און פאַרבעסערן די געשעפטן. יעדעס מאָל, ווען אַ מלמד איז געקומען מיך פאַרהערן פאַרן טאַטן, צי כ'טויג פאַר זיין חדר, האָב איך דורכגעמאַכט אַ גאַנצן עקזאַמען. טעג און שבתים האָט ביי מיר פאַרנומען דאָס זיצןביים טיש און ריידן פון לערנען, אָנשטאָט זיך שפּילן מיט די יינגלעך אין אַ „יאַגאַלע", באַהעלטעניש, צי אַרויפכאַפּן זיך אויף אַ וואָגן אָדער אַ פּלאַטפאָרמע, געשפּאַנטע צו פערד, ווייל כ'האָב געמוזט זיצן ביים טיש ווי אַ „מענטש", אַ חתן־בחור. פון יעדן נייעם מלמד האָב איך געהערט דעם זעלבן פּזמון: „ביי מיר זענען מיינע תלמידים גאַנצע מענטשן. נאָך אַ האַלב יאָר, קענט איר מיט אים טאָן אַ שידוך. מיינע תלמידים האָבן אַ שם אויף דער וועלט" — האָט ער זיך באַרימט.

פון די לובלינער מלמדים געדענק איך (אָנהייבנדיק פון דרדקי): ברוך פאַרעך, יאָסל טשאָלנט און דער שוואַרצער שייע. דאָן די מלמדים פאַר עלטערע תלמידים: הערש ראובן, וואָס פלעגט שלאָגן די חדר־יינגלעך מכות־רצח מיטן גרויסן קאַנטשיק און חיים יונתן, וואָס בעתן לערנען מיט אונדז פלעגט ער מער שלאָפן ווי לערנען. ביי אַזאַ מלמד האָט מען נישט געלערנט אַ לאַנגע צייט, ווייל דער תלמיד האָט וואָס אַ מאָל מער פאַרשטאַנען די פּרשה חומש, ווען מ'איז 7 יאָר אַלט, אָדער דעם בלאַט גמרא מיט תוספות, ווען מ'איז 10 יאָר אַלט. ווער קאָן פאַרגעסן דעם ערשטן בלאַט גמרא — שניים אוחזים בטלית... דערנאָך שטייגט מען העכער, מ'לערנט אין אַ ישיבה, אַליין, אָדער מיט אַ שותף, אונטער דער אויפזיכט פון אַ תלמיד־חכם, נאָר אין בית־המדרש, מיט אַ ייד וואָס פלעגט זיצן אין כהנס בית־מדרש, אָדער ביים לובלינער רבין, צי גאָר אינעם בוידעם־שטיבל פון בית־המדרש דחברה־נושאים. אַזאַ ייד האָט אונדז געגעבן צו פאַרשטיין אַ האַרבע סוגיה אין דער גמרא.

ווען ס'איז געגרינדעט געוואָרן די „ישיבת חכמי לובלין", האָבן מיר געוואָלט אָנגענומען ווערן אַלס תלמידים — מ'האָט אָבער געדאַרפט קענען אויסנווייניק 200 בלאַט גמרא, מיט אַלע מפורשים, וואָס איז נישט קיין לייכטע זאַך. מיר פלעגן גאַנצע נעכט זיצן אין בית־המדרש און איינחזרן די 200 בלאַט גמרא, ביז די אויגן האָבן זיך גענומען פאַרמאַכן און זענען איינגעשלאָפן אויף די האַרטע בענק ביז 4—5 פאַרטאָג, ווען די ערשטע מתפּללים האָבן אָנגעהויבן קומען דאַווענען שחרית און אונדז אויפגעוועקט. אויפגעשטאַנען, איז מען צו צום קופּערנעם האַנט־פאַס ביי דער טיר, אָפּגעגאָסן די הענט מיט נעגל־וואַסער, אויפגעפרישט דאָס פּנים מיט די פאַרשלאָפענע אויגן און זיך געזעצט ווייטער לערנען און איינחזרן.

דעם גאַנצן פרייטיקדיקן טאָג זיך געגרייט אויפצונעמען די שבת־מלכה. נאָך דער מקוה אין קאַצנעלענבויגנס הויז, אָדער אין דער ביליקער קהל'ס־מקווה אין יידנגאַס, האָט יעדער געפילט, ווי דער שבת קודש קומט אָן. די יידישע געשעפטן — פאַרמאַכט, די גאַסן — האַלב ליידיק. אין די היימען האָבן פרויען, מיט טיכלעך אויף די קעפּ און מיט צוגעדעקטע אויגן, געבענטשט ליכט אין מעשענע אָדער זילבערנע לייכטער, וואָס זענען געשטאַנען אויפן טיש, פאַרשפּרייט מיט אַ ווייסן טישטעך. די חלות, צוגעדעקטע מיט אַן אויסגעהאַפטן טישטעכל, האָבן געוואַרט ביזן צוריק קומען פון שיל.

ביים שבתדיקן טיש האָט מען אויסער דעם עסן, געזונגען זמירות, גערעדט פון דער פּרשה פון דער וואָך און אַנדערע דברי־תורה, וואָס האָט באַטייט דעם אמתדיקן „בא שבת בא מנוחה". נאָך דער סעודה, פלעגן מיר, חסידישע בחורים, אַרומלויפן צו די טישן וועלכע ס'האָבן געפּראַוועט די רביים און זייערע חסידים, הערן תורה וואָס זיי פלעגן זאָגן פאַרן בענטשן מיט מזומן. צומערשט האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן צום קוטנער רבין אויף שעראַקע־גאַס, ביים טייך, און נישט ווייט, אַנטקעגן — צום טריסקער רבין ר' משהלע טווערסקי, זצ"ל, ביי וועלכן מ'האָט אויסער דברי־תורה, אויך געקענט הערן ניגונים פון באַרימטן פראַמפּאָלער חזן און שוחט, וואָס פלעגט קומען צום רבין אויף אַ שבת. פון דאָרט זענען מיר אַוועק צום ביאַלער רבין, הרב ר' יהושע העשל זצ"ל, אויף לובאַרטאָווסקע 30. ער האָט זיך גאַנץ אַנדערש געפירט ווי די רביים ביי אונדז אין שטאָט. זיין תורה האָט ער געזאָגט שטיל, קוים געהערט, אַפילו די וואָס זענען געשטאַנען גאַנץ נאָענט. ער איז געווען אַ הדרת־פּנים מיט אַ ווייסער באָרד, צעשפּרייט אויף זיין זיידענעם, פּילקאָליריקן שלאַפראָק און די גאָלדענע ברילן האָבן אַרויסגערופן דרך־ארץ ביי יעדן וואָס האָט זיך מיט אים געטראָפן. אַז ס'איז נאָך נישט געווען שפּעט, איז מען אַוועק צום לובלינער רבין ר' שלמהלע אייגער, אויף שעראַקע 40. אָפּטמאָל — אויך צו זיין ברודער ר' עזריאל מאיר אייגער אויף לובאַרטאָווסקע, אַנטקעגן דער ישיבת חכמי לובלין. ער האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער לובלינער דינאַסטיע און געפירט אַ מחלוקת מיט זיין ברודער ר' שלמהלע אייגער.

טיילמאָל איז מען אויך אַוועק צום קאָזשעניצער רבין ר' מלכל, ווען ר'איז געקומען קיין לובלין. ער פלעגט יעדעס מאָל איינשטיין ביי אַן אַנדערן חסיד און געהאַט אַ שם, אַז מיט אים איז עפּעס נישט אין אָרדענונג. אינמיטן פון פּראַווען „טיש", האָט ער זיך פּלוצלינג געגעבן אַ שטעל אויף, גענומען גיין איבער דער פּולגעפּאַקטער שטוב מיט חסידים, זיך אָפּשטעלן ביי איינעם פון זיי, לאַנג אַריינקוקן אין די אויגן, און אויב דער חסיד האָט געשמייכלט אָדער געלאַכט, האָט ער אים געגעבן אַ פּליאַסק אין פּנים. געהייסן האָט עס, אַז דער רבי האָט עפּעס דערזען מיט זיין רוח־הקודש, אַז דעם חסיד דראָט אַ צרה — האָט ער דאָס מיטן פּאַטש בטול געמאַכט... טראָץ דער מאָדנער התנהגות, האָבן זיינע חסידים אין אים זיך געקלאַמערט. ביים קאָזשעניצער האָט מען אויך געקענט הערן זינגען מענדעלע קאַמאַשנמאַכער פון בעלזשיץ מיט זיין זון דער משורר. הגם דער קאָזשעניצער האָט נישט געקענט קיין נאָטן, האָט ער אויפן אָרט פאַרפאַסט הערלעכע ניגונים, וועלכע באַרימטע חזנים פלעגן שפּעטער זינגען אין גאַנץ פּוילן. מענדעלע איז געווען אַ גרויסער קאָנקורענט פון מאָדזשיצער רבין, וועמענס מוזיקאַלישע שאַפונגען זענען געווען באַקאַנט אין די חסידישע קרייזן אין דער וועלט. יעדן שבת נאָכמיטאָג האָבן מאַסן חסידים זיך פאַרזאַמלט אינעם הויף ווו דער קאָזשעניצער איז איינגעשטאַנען, כדי זיך צוצוהערן צו די זמירות און אַפילו וואַרטן ביז דער הבדלה און אויך הערן דעם „המבדיל" און „גוט־וואָך" — זייער בעסטע מוזיקאַלישע שאַפונג.

# דאס הויז לובארטאווסקע 21 און זיינע לאקאטארן

(פראַגמענט פון אַ גרעסערער אַרבעט וועגן דער יידישער לובלין)

רוזשקע פישמאַן־שניידמאַן / געטעבאָרג, שוועדן

מיין לובלין האָט זיך אָנגעהויבן אויף לובאַרטאָווסקע 21. וואַרשיינלעך דערפאַר, ווייל דאָרט בין איך געבוירן געוואָרן און פאַרבראַכט מיינע קינדער־ און יוגנט יאָרן, ביז סעפטעמבער 1939, ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען די שטאָט.

## די בעלי־בתים און דער זשאָנדרצע

לובאַרטאָווסקע 21 איז פאַקטיש באַשטאַנען פון 4 הייזער, וועלכע האָבן פאַרמאַכט דעם א. ג. הויף מיטן שמוציקן טואַלעט, וואָס האָט געדינט אַלע לאָקאַטאָרן, אויסער די צוויי בעלי־בתים, ווייל זיי האָבן דאָס געהאַט אין זייערע היימען.

דער בעל־הבית האָט געשפּאָרט געלט צו רייניקן די איינציקע טואַלעט. אַז דער „גליקלעכער" מאָמענט איז געקומען, האָט מען נישט געקענט אַדורכגיין דורכן הויף, ווייל דער ריח פון די פעסלעך איז געווען נישט צו דערטראָגן. די פּראָצעדור האָט מען אַדורכגעפירט ביינאַכט. ווינטער איז נאָך געווען אַ האַלבע צרה, ווייל די פענצטער זענען געווען פאַרמאַכט, אָבער זומער איז דער ריח דערגאַנגען צו די העכסטע וווינונגען.

אין יענעם הויז האָבן לרוב געוווינט אָרעמע מענטשן, מיט אייביקע שוועריקייטן צו פאַרדינען אויף ברויט פאַר זייערע גרויסע פאַמיליעס. זעלטן האָט ווער פון זיי געהאַט אַ רעגולערע הכנסה און דאָס צאָלן דירה־געלט איז געווען אַ ספּעציעל האַרב פּראָבלעם. שטענדיק זענען זיי געווען שולדיק פאַר עטלעכע חדשים.

די בעלי־הבתים האָבן געוווינט אויפן ערשטן און צווייטן שטאָק, אין פראָנט. אַמשווערסטן האָבן געהאַט די, וואָס האָבן געוווינט אין דעם אָפּגאַנג. מיט האַרץ־קלאַפּונג איז מען פאַרבייגעגאַנגען די צוויי טירן. מ'האָט פרייער אָפּגעטעמט, אויב מען האָט נישט געטראָפן קיינעם פון די בעלי־בתים, אָדער צוקערפיינס טריי דינסט־מיידל.

די הויז־אייגנטימערס האָבן געהאַט אויסגעפרוווטע מעטאָדן צו פאַרביטערן דאָס לעבן פון די לאָקאַטאָרן. ביי די בעלי־בתים האָט זיך שטענדיק געפונען דער שליסל צום בוידעם, ווו אַלע האָבן געמוזט הענגען די וועש. און וועש האָט מען געמוזט וואַשן זייער אָפט, ווייל די פאַמיליעס זענען געווען צאָלרייכע — און קיינער האָט נישט געהאַט צו פיל וועש... און אויב מ'האָט נישט געהאַט באַצאָלט קיין דירה־געלט, איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו טריקענען די וועש.

אַ צווייט מיטל צו שיקאַנירן די לאָקאַטאָרן איז געווען — פאַרמאַכן דאָס וואַסער. אין אַזאַ פאַל האָבן אַלע געמוזט גיין צום איינציקן פּלומפּ אויפן פיש־טאָרג אויף דער טאַרגאָוועגאַס, ווו ס'האָבן זיך פאַרמירט לאַנגע רייען און מ'האָט געמוזט לאַנג וואַרטן, ביזן דערשלאָגן זיך צום קראַן. אויסער דעם האָט מען באַדאַרפט צאָלן פאַר יעדן עמער און זיי טראָגן אַ ווייטע שטרעקע. און די איינוווינערס פון פערטן שטאָק, האָבן נאָך געמוזט קלעטערן אויף עטלעכע און ניינציק טרעפּ.

זומער איז געווען עטוואָס לייכטער, אָבער ווינטער, בעת אַ פראָסט מיט אַ גליטש, איז דאָס טראָגן וואַסער געווען אַ געפערלעכע פּלאָג.

פאַרמאַכן דאָס וואַסער איז פאַר די אייגנטימער געווען אויך אַ מיטל צו שפּאָרן געלט, דעריבער האָבן זיי דאָס אָפט אויסגענוצט. אַז ס'האָט אַמאָל געפּלאַצט אַ רער פון דער וואַסערלייטונג, איז אוודאי געווען אַ צרה, ווייל ס'האָט געדויערט וואָכן, ביז מ'האָט פאַרריכט. נישט איינמאָל האָבן די לאָקאַטאָרן געמוזט זאַמלען געלט פאַר דעם צוועק, הגם ס'איז געווען דער חוב פון בעל־הבית צו פאַרריכטן.

דריי בלאָקן זענען געווען צוזאַמען. „מיין" הויז איז געשטאַנען צווישן 19 און 23. גערופן האָט מען עס חיים קאַשעמאַכערס הויז, הגם עס האָט געהערט צו זיינע יורשים — וואָלף צוקערפיין און סילקעלע זייפשטיין. וואָלף צוקערפיין, אין קעגנזאַץ צו זיין דיקער פרוי, איז געווען אַ זייער מאָגערער. ער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט פּראָדוצירן און פאַרקויפן וויין און ליקער. זיין געשעפט אויף שוויענטאָדוסקעגאַס האָט גוט פּראָספּערירט און צוזאַמען מיט די איינקונפטן פון הויז, דערמעגלעכט דער פאַמיליע צו פירן אַ גוט לעבן.

שבת בייטאָג האָבן מיר, חסידישע יונגעלייט, מיט די סאַמעטענע היטעלעך און זיידענע קאַפּאָטעס, זיך פאַרזאַמלט צוזאַמען מיט אַ טייל שוין פאַרגעשריטענע (אָדער ווי מהאָט זיי גערופן „קאַליע־געוואָרענע", ווייל אָנגעטוענע אין אַלפּאַגענע כאַלאַטלעך מיט טוכענע היטלען) אין דער אונטערשטער שטוב ביי חיים ברוכ'ס „סאָדוווקע". קיין געלט האָבן מיר נישט געהאַט ביי זיך, אָבער חיים ברוך, אונדזער עלטערער חבר וואָס האָט חתונה געהאַט און די „סאָדוווקע" באַקומען אַלס נדן, האָט אַלעמען געבאָרגט די „גוטע זאַכן". אין משך פון דער וואָך האָט יעדער פון אונדז אים באַצאָלט דעם חוב. ביי די צוזאַמענטרעפן, האָט מען געפּלאָטקעוועט ווער פון אונדז שטייט אין שידוכים, וווּהין איז דער אָדער יענער געפאָרן אָנקוקן אַ כלה. דערביי האָבן די רייכערע חסידישע יונגעלייט אויסגעבאָרגט די אָרעמע — אַ בעסערן אָנצוג אָדער שיך, הגם טיילמאָל זענען די געבאָרגטע בגדים פון זיי אַראָפּגעהאַנגען...

אויך מיט מיר איז געשען, ווען מ'האָט מיר אַלס חתן־בחור געלאָזט מאַכן אַ נייעם אָנצוג אויף פסח פון ביעליצער סחורה, ביי דעם בעסטן שניידער פון חסידישע מלבושים, יאָסעלע פאַרהאַנג אויף גראָדזקע־גאַס. ווען חול־המועד פסח זענען צו אונדז געקומען געסט פון קראָשניק און מיינע עלטערן האָבן מיך געוואָלט פאַרשטעלן אין נייעם אָנצוג, בין איך צו זייער גרויסער איבערראַשונג און אַנטוישונג אַריינגעקומען אין אַן אַלפּאַגן כאַלאַטל. אויף זייער פראַגע, פאַר וואָס כ'האָב נישט אָנגעטאָן דעם נייעם אָנצוג, האָב איך זיך מודה געווען, אַז כ'האָב אים געבאָרגט מיינעם אַ חבר, וואָס איז געפאָרן קין קאָריוו אָנקוקן אַ כלה. מיין פאָטער איז דווקא געווען צופרידן פון דער גרויסער גמילת־חסדים מצוה. אָבער מיין מוטער האָט מיר פאַרגעוואָרפן, אַז אַ נייעם אָנצוג וועלכן מ'האָט נאָך נישט געטראָגן — באָרגט מען נישט.

אַ גרופּע חסידישע יונגעלייט האָבן זיך שפּעטער אָרגאַניזירט אין אַ פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע און געשאַפן די „צעירי אגודת ישראל" אין לובלין. דער לאָקאַל האָט זיך געפונען אויף שעראָקע 38, אין דער ווייבער־שיל פון די מאָליאַרעס בית־המדרש. מיר האָבן פאַרמאָגט אַ רייכע ביבליאָטעק און געפירט אַ שיינע קולטורעלע און אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט, באַזונדערס בעת וואַלן צום סיים, שטאָט־ראַט אָדער קהילה. די אגודה־קאַנדידאַטן האָבן שטאַרק געלויבט אונדזער הילף בעת די וואַלן...



teatrnn.pl

זיין פרוי האָט זיך מער אָפּגעגעבן דעם הויז, און גאַנץ באַזונדערס — צו מאַטערן די לאָקאַטאָרן. דאָ האָט איר געהאָלפן איר דינסטמיידל, וואָס אין באַצוג צו די לאָקאַטאָרן, האָט זי זיך געפילט ווי אַ שטיקל בעל־הבית'טע פון הויז.

דאָס פּאָרל האָט געהאַט צוויי טעכטער און אַ זון. ווי די שכנים האָבן געשמועסט צווישן זיך, האָט זיי גאָט געשטראָפט מיט די קינדער פאַר די צרות, וועלכע מ'האָט אָנגעטאָן די לאָקאַטאָרן. זייער עלטסטע טאָכטער סימע, האָט לאַנג געמוזט וואַרטן אויף איר זיווג. ווען די עלטערן האָבן נאָך אַ סך מי, געפונען אַ חתן, איז זי שוין געווען אָוואַנסירט אין די יאָרן און ווייט נישט צופרידן מיטן אויסוואַל. די צווייטע טאָכטער, טאָבטשע, האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט דער לערע, אויך ווייל קיינער פון קלאַס און פון הויז האָט זיך מיט איר נישט געוואָלט חבר'ן. איין מיידל פון לובאַרטאָווסקע 22, מאַשע איינשטיין, האָט פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל געהאָלפן איר מיט די לעקציעס, אָבער נאָך איר עולה זיין קיין ארץ־ישראל, איז טאָבטשע געבליבן איינזאַם. די מוטער האָט דעמאָלט אַראָפּגעלאָזט פון טאָן און אָנגעהויבן זוכן פאַר איר חברטעס צווישן די קינדער פון די לאָקאַטאָרן. דער איינציקער זון האָט געהאַט אַ מאָדנעם קול. האָבן אים די עלטערן געשיקט צו אַ ספּעציאַליסט, און נאָך אַן אָפּעראַציע, האָט זיך זיין קול פאַרבעסערט.

צוקערפּיין האָט עטלעכע מאָל געדראָט מיינע עלטערן מיט אַן עקסמיסיע. אין יאָר 1936 (אָדער 1937) האָט ער אונדז אָנגעקלאָגט אין געריכט. פון איין זייט האָבן זיך דאָרט געשטעלט מיינע עלטערן און איך. פון דער צווייטער זייט — וואָלף צוקערפּיין. איך בין דעמאָלט געקומען אין אַ נײַעם פּאַלטן, ווייל דער אַלטער איז זיך פּשוט צעפאַלן. דעם נײַעם בגד האָט מיין מוטער גענומען אויף אויסצאָלן אין ראַטעס ביי דער „גײַערקע“, אויך מלאכה־געלט האָט זי געהאָפט אָפּצושפּאָרן. דער מאַנטל האָט מיינע עלטערן געקאָסט נישט איין שלאָפלאָזע נאַכט, ספּעציעל מיין מוטער. און גראָד דעם פּאַלטן האָט צוקערפּיין געוואָלט אויסנוצן פאַרן געריכט אַלס באַווייז פון מיינע עלטערנס בייזוויליקייט און מעגלעכקייטן. דער ריכטער האָט אים אָבער איבערגעריסן, נאָך דעם פּסק אויף דער עקסמיסיע האָט געוווּנען צוקערפּיין.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך אים געטראָפן, ווען די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט צו לובלין און באָמבאַרדירט די שטאָט. קיינער האָט דעמאָלט נישט געוואָגט צו בלייבן אין די וווינונגען, איבערהויפּט אויף די העכערע שטאָקן. ביי יעדן אַלאַרם האָט מען זיך פאַרזאַמלט אין דער נידער, ביים אַריינגאַנג אין הויז. דאַן האָט צוקערפּיין אַפּעלירט צו די לאָקאַטאָרן, מ'זאָל אים נישט איזאָלירן. קיין נקמה־געפיל האָט קיינער נישט געהאַט, ווייל אַלע האָבן זיך געפונען אין דער זעלבער סיטואַציע.

סילקעלע, די אַנדערע הויז־אייגנטימערין, אַ הויכע, אויסגעדאַרטע ייִדענע, האָט זיך מיט איר חלק הויז קיין עצה נישט געגעבן, ווי אויך נישט געקענט זיך באַגיין אַזוי שלעכט מיט די לאָקאַטאָרן ווי איר קרוב. אַז אירע קינדער זענען אויסגעוואַקסן, האָט זי זיי צוגעטיילט וווינונגען און געוועלבן און אין איר טייל איז נישט געבליבן אַ סך צום פאַרדינגען.

איר עלטסטער זון, חסידיש געקליידעט, מיט זיין אויסגעמאַטערטער און פריצייטיק פאַרעלטערטער פרוי און עטלעכע קינדער, האָט פריער פאַרנומען אַ וווינונג אין דער אָפיצינע, און דערנאָך — אויפן פערטן שטאָק. אויפן ערשטן שטאָק האָט געוווינט סילקעלעס אַ טאָכטער מיט איר מאַן און צוויי קינדער. זיי האָבן זיך מפרנס געווען פון אַן אַפּטייק־סקלאַד (סקלאַד אַפּטעטשני), נאָר פאַקטיש — אַ געוועלב פון קאָסמעטיק אויף לובאַרטאָווסקע. די דייטשן האָבן נאָכן פאַרנעמען לובלין, צעראַבעוועט די סחורה און נאָך געזוכט צו באַשטראָפן פאַרן פאַרמאַכן דאָס געשעפט. די פאַמיליע איז געווען באַקאַנט אין שטאָט צוליב זייער טאָכטער, וועלכע איז אין עלטער פון צען יאָר אַראָפּגעפאַלן פונעם באַלקאָן און געמוזט זיך קורירן אין שפּיטאָל און אין דער היים. די צווייטע טאָכטער האָט נישט געוווינט אין דעם הויז, זי האָט אוודאי גענומען איר טייל אין מזומן־געלט. דער ייִנגסטער זון האָט ביזן אויסברוך פון דער מלחמה, געוווינט מיט דער מוטער און אויך געהאַט אַ סקלאַד אַפּטעטשני אין זעלבן הויז.

סילקעלע האָט אַ געוויסע צייט פאַרדונגען אַ טייל פון איר וווינונג צום דאָקטער גייער מיט זיין פרוי און טאָכטער, אַ סטודענטין. דער דאָקטער האָט נישט געהאַט קיין מזל צו פּאַציענטן. הגם ער איז געווען זייער אַ סימפּאַטישער, גוטער מענטש. זיין סוף איז געווען אַ טראַגישער: ער איז באַגאַנגען זעלבסמאָרד, איינגעמענדיק ציאַנקאַלי. זיין זעלבסמאָרד האָט אויפגעטרייסלט די ייִדישע לובלין. אַ צאָל דאָקטוירים האָבן אָנגעוואָנדן אַלע מיטלען אים צו ראַטעווען — אָבער אָן דערפאָלג. צו דער לוויה זענען געקומען טויזנטער מענטשן, אָבער ער האָט שוין דאָס נישט געזען. זיין פרוי מיט דער טאָכטער זענען געבליבן אָן מיטלען צום לעבן, נאָר ס'האָבן זיך געפונען אייניקע דאָקטוירים וואָס האָבן זיי געהאָלפן.

די בעלי־בתים פון הויז לובאַרטאָווסקע 21, האָבן געהאַט צו הילף דעם זשאַנדצע ציגעלמאַן. זיין באַווייזן זיך האָט שטענדיק אַרויסגערופן שרעק און פּאַניק, ווייל ער איז געווען אומברחמנותדיק. אויב צוקערפּיין איז אַמאָל איינגעגאַנגען צו וואַרטן עטלעכע טעג מיטן דירה־געלט, איז דאָס נישט געלונגען ביי ציגעלמאַנען, וואָס האָט אוודאי געהאַט סאַדיסטישע נייגונגען. מ'האָט געקענט מערקן, ווי צופרידן ער איז געווען ביים אָפּוואַרפן אַ ביטע פון אַ לאָקאַטאָר און אויך באַשווערט ביים איינמעלדן צי וועמען אויסמעלדן. זיין רויט געזיכט געדענק איך נאָך היינט.

די לאָקאַטאָרן האָבן געבילדעט כמעט ווי איין פאַמיליע. ספּעציעל נאָענט זענען זיך געווען דער פערטער און דריטער שטאָק, ווייל די מענטשן האָט פאַראייניקט זייער שווערע לאַגע, די שטענדיקע דאגות פרנסה און שוואַכע אויסזיכטן אויף אַ בעסערן מאָרגן; גלייכצייטיק — אַ טיפע פריינדשאַפט, געבויט אויף קעגנזייטיקער הילף. יעדער באַזונדער און אַלע צוזאַמען האָבן געפילט, אַז ער האָט צו וועמען זיך צו ווענדן, ווען ס'איז שווער אויפן האַרץ. פאַרשטייט זיך, אַז ס'האָבן זיך אויך געשאַפן קאָנפליקטן (און צדדים), וואָס האָבן נישט לאַנג געדויערט, ווייל ס'האָט איבערגעוויגן די באַדערפעניש פאַר קעגנזייטיקע, גוטע באַציונגען. דער דריטער און פערטער שטאָק זענען געווען באַוווינט מיט אָרעמע מענטשן; דער ערשטער און צווייטער — מיט עטוואָס בעסער סיטואירטע. די קאָנטאַקטן צווישן די איינוווינערס פון די אויבערשטע און נידעריקע שטאָקן זענען נישט געווען אַזוי שטאַרק, ווי צווישן די צוויי העכסטע שטאָקן פון הויז.

## דער דריטער שטאָק

די גרעסטע צאָל וווינונגען דאָרט זענען באַשטאַנען פון צוויי קליינע צימערלעך מיט אַ קוך. נאָר איין וווינונג מיט דריי צימערלעך און אַ קוך, האָט זיך געפונען אויפן דריטן שטאָק. דאָרט האָט געוווינט איטשע דער קצב, מיטן ביינאָמען האַלצהעקער. אין דעם לאַנגן, פינצטערן קאָרידאָר, לינקס פון די שטיגן, האָט זיך געפונען אַ צווייטע, גרעסערע וווינונג, וועלכע ס'האָט פאַרנומען די פאַמיליע שוואַרץ. דער ראש פון דער משפחה, אַ גרויסער חסיד, האָט ביי מיר דערוועקט אַ געפיל פון שרעק, ווייל ער האָט נישט געוואָלט קוקן אויף קיין אשה — און צו אַן אשה האָט ער אַפילו צוגערעכנט מיידלעך פון 10 יאָר. ווען מיר האָבן זיך געשפּילט אויף די טרעפּ, האָט ער נישט געוואָלט אַדורכגיין און מיר האָבן געמוזט אָפּטרעטן פון אָרט.

אַנטקעגן די שטיגן, האָט געוווינט די פאַמיליע ניסענבוים.

ער איז געווען אַ תבואה־סוחר. אַז זיינע געשעפטן זענען געווען בעסערע, האָט זיין פאַמיליע זיך נישט געחבר'ט מיט די אַנדערע לאָקאַטאָרן. שפּעטער האָבן זיי זיך געדונגען אַ גרעסערע וווינונג ביי קאַצענעלענבויגן אין הויז, לובאַרטאָווסקע 24, ווו ס'האָבן געוווינט בעסער סיטואירטע.

אויפן זעלבן שטאָק האָט געוווינט די פאַמיליע פּערל. ער — אַן אָנגעשטעלטער אין אַ מאַנופאַקטור־געשעפט. אויך זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר „עפּעס בעסערס". ערשט ווען די עקאָנאָמישע לאַגע און די קראַנקייט פון דער פרוי האָבן זיך פאַרערגערט, האָבן די פּערלס אָנגעהויבן זיך דערנענטערן צו די איינוווינערס פון דריטן און פערטן שטאָק.

נאָך איין פאַמיליע האָט דאָרט געוווינט: עלטערן, צוויי טעכטער און אַ זון. די עלטערע טאָכטער האָט עטלעכע יאָר געלערנט אין שפּערס גימנאַזיע. אַ געוויסע צייט האָט זי מיך צוגעלערנט די פּוילישע שפּראַך, ווייל מיינע עלטערן האָבן געוואָלט, אַז פאַרן אָנהייב פון דער שולע, זאָל איך אַ ביסל קענען פּויליש. דער פאָטער האָט געהאַנדלט מיט היי, אָבער די געשעפטן האָבן זיך כסדר פאַרערגערט. די פאַמיליע האָט פאַרשאַפט צרות די קינדער פון הויז, די יינגערע טאָכטער האָט געהאַט אַ מום, נישט געקענט נאָרמאַל רעדן, און זי האָט אַלע קינדער אָפט געשלאָגן. מיר האָבן זי געמוזט פאָלגן וואָס זי האָט געהייסן, אין קעגנפאַל האָט אונדז קיין צרות נישט געפעלט (אַ סברה, אַז כ'האָב איר צו פאַרדאַנקען, וואָס אויף איין אויג זע איך שוואַך... זי האָט אַמאָל שטאַרק צעשלאָגן מיין ברודער אשר. איך, די עלטערע שוועסטער, האָב געוואָלט באַשטראָפן די שלעגערין, וואָס האָט גראָד געוואַשן די פּאָדלאָגע ביי זיך. ווי נאָר איך האָב זיך באַוויזן, האָט זי מיר דערלאַנגט מיט דער שמוציקער שמאַטע איבערן פּנים — און פון דעם האָט זיך אָנגעהויבן מיין צרה מיטן אויג. אַ גאַנץ יאָר האָב איך אויף דעם אויג נישט געזען. דערנאָך האָט עס זיך עטוואָס פאַרבעסערט, אָבער קיינמאָל נישט צוריק באַקומען די ריכטיקע ראיה).

דער בן־יחיד פון דער פאַמיליע האָט אויך געהערט צו די, פאַר וועמען אַלע קינדער האָבן געציטערט. אויסער שלאָגן און שרייען, האָט ער נאָך געהאַט אַ נייגונג צו קליינע מיידעלעך, וועלכע ער פלעגט פאַרנאַרן אויפן בוידעם. אַלע עלטערן האָבן געוואָרנט זייערע קינדער פאַר דעם תכשיט...

## דער פערטער שטאָק

אויב אַדורכפירן אַ גראַדאַציע פון באַציונגען צווישן די לאָקאַטאָרן אין יענעם הויז, דאַרף מען דעם פערטן שטאָק געבן ס'ערשטע אָרט, ווייל די ייִדן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט שטאַרקער צוגעבונדנקייט, אויב נישט ליבע, גרייט שטענדיק צו טראָגן הילף.

מיר האָבן געוווינט „צענטראַל", אַנטקעגן די שטיגן. די טיר איז תמיד געשטאַנען אָפן. די אַלע וואָס האָבן געוווינט אין די אַנדערע דירות פון די צוויי קאָרידאָרן, רעכטס און לינקס, פלעגן צו אונדז אַריינקומען. מיין מוטער איז געווען די ערשטע, וואָס האָט געמוזט זען די „מציאות", וועלכע די שכנ'טעס האָבן איינגעהאַנדלט אויפן פיש־טאָרג, נישט ווייט פון אונדזער הויז. צו מיין מוטער איז מען אויך געקומען באָרגן אַ גלאָז מעל, אַן איי, אַ פּעטרושקע, אַ מייערל און — אַ פּאָר גראָשן, וועלכע האָבן שטענדיק צוגעפעלט. די מאַמע האָט געבאָרגט, נאָר אָפט נישט צוריק באַקומען די הלוואה. געווען אַ צייט, אַז די מאַמע האָט באַשלאָסן מער נישט צו לייען, אָבער ווען די שכנה איז געקומען מיט אַ בקשה־אָנקלאַגע אַז זי האָט נישט די געוווּנטשענע זאַך, האָט זי נישט געקאָנט אָפּזאָגן.

צו מיין מוטער האָבן די שכנ'טעס געברענגט אויך צו נייען זייערע קליידער. דעריבער האָט מיין מוטער קיינמאָל נישט געהאַט קיין פרייע מינוט. אויף צו געפינען דעם „מאַדעל", איז געווען אַ גרויס פּראָבלעם, דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע מעסטן. אין די פריערדיקע יאָרן, איידער דער שטייער־אַמט האָט צוגענומען אונדזער טרעמאָ־שפּיגל, איז דאָס געגאַנגען לייכטער. אָבער שפּעטער אָן דעם שפּיגל, איז דאָס מעסטן געווען אַ מאַטערניש. אויפנייען זיך אַ ניי קלייד, איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. מ'האָט געמוזט שפּאָרן אַ גראָשן צו אַ גראָשן פון די במילא שוואַכע, נישט גענוגנדע איינקונפטן. איז טאַקע געווען אַ טראַגעדיע אויב דאָס נייע קלייד האָט זיך נישט איינגעגעבן, אָדער נישט געפעלן געוואָרן די שכנים און באַקאַנטע.

מיין פאָטער האָט בעסער פאַרדינט און נישט דערלאָזט די מוטער זאָל נייען און זיין באַשעפטיקט פון די פריסטע שעהען ביז שפּעט ביינאַכט. די קליענטקעס זענען געקומען ווען זיי האָבן געוואָלט — און מיין מוטער האָט זיי געמוזט אויפנעמען. דאָס האָט געקענט געשען אין דער צייט פון עסן, שלאָפן, אָדער אַנדערע געלעגנהייטן. צוליב דעם, האָבן מיר, די קינדער, נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו מאַכן די לעקציעס, נישט געקענט עסן אָדער שלאָפן צו דער צייט. אַלץ צוזאַמען האָט געערגערט מיין פאָטער. אַז ער האָט אָנגעהויבן בעסער צו פאַרדינען, האָט ער באַוויגן מיין מוטער אויפצוהערן נייען. אַ דאַנק דעם האָט מיין מוטער געהאַט מער צייט פאַר די קינדער. דאָס לעבן האָט זיך פאַרבעסערט. ווען אָבער מיין פאָטערס פאַרדינסטן האָבן אָנגעהויבן זיך איינשרומפּן, איז דאָס געווען אַ גרויסער פאַרלוסט. מיין מוטער האָט געטראַכט אָנצוהויבן צוריק נייען, ווייל פאַר אונדז, קינדער, האָט זי במילא געניית, אָבער פאַרדינען מיט שניידעריי, איז איר געווען שווער. פירן אַן אָפענעם וואַרשטאַט, מיט אַ שילד און פּאַטענט, האָט זיך אַוודאי נישט געלוינט, ווייל די שטייערן וואָלטן אַלץ אויפגעגעסן. נאָך דעם ווי זי האָט אויפגעהערט נייען, האָט זי פאַרלוירן די קליענטעלע — און צוריק געווינען, איז נישט געווען אַזוי לייכט צוליב דער גרויסער קאָנקורענץ. אויך איז איר געזונט־צושטאַנד נישט געווען קיין גוטער.

## דעם טאַטנס וואַרשטאַט

איך האָב דערמאָנט די סעזאָנען פון מיין פאָטער. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן עטלעכע וואָכן פאַר פּסח און געדויערט ביז אינמיטן זומער. דער צווייטער סעזאָן האָט געהאַט זיין אָנהייב עטלעכע וואָכן פאַר די יום־טובים — ביז אין ווינטער. נאָר וואָס נענטער צום סוף פון די דרייסיקער יאָרן, זענען די סעזאָנען געוואָרן קירצערע און כמעט ווי זיך נישט אָנגעהויבן. אינעם „ברען" פון סעזאָן, איז דער טאַטע אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט 4־5 פאַרטאָג און זי געענדיקט 11־12 ביינאַכט. ווי אַזוי ער האָט באַוויזן אַזאַ לאַנגען אַרבעטס־טאָג — איז מיר נאָך היינט שווער צו פאַרשטיין. כ'האָב אים קיינמאָל נישט געהערט זיך באַקלאָגן וועגן דעם. ער האָט אַפילו נישט געהאַט צייט צו עסן, וועלכן די מאַמע פלעגט טראָגן אין וואַרשטאַט, ווו ס'איז געשטאַנען אַ סך צייט, ביז מיין פאָטער האָט זיך צו דעם צוגעריירט.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט דער טאַטע זיך איינגעאָרדנט דעם וואַרשטאַט אויף דער פאַקסאַלנע גאַס, נישט ווייט פון דער באַן־סטאַציע. יעדן נאָכמיטאָג איז די מאַמע מיט די קינדער אַוועק אַהין מיטן עסן פאַר אים און דאָרט שוין געוואַרט ביז שפּעט ביינאַכט, ווען דער וואַרשטאַט איז געוואָרן געשלאָסן. נאָר אויב דער טאַטע האָט געהאַט אויסצוענדיקן אַ געוויסע אַרבעט און געבליבן ביז די שפּעטע שעהען, זענען מיר אָן אים אַ היים געגאַנגען.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז דער וואַרשטאַט געוואָרן איבערגעטראָגן אויף רוסקע־גאַס נומער 18, ווו ס'איז אונדז געווען פיל נענטער און באַקוועמער צו ברענגען דעם טאַטן עסן און אויך אים זען אָפטער. מיר, די קינדער, האָבן אויס־

גענוצט דאָס אָרט, געשפּילט זיך מיט חברים פון יענער געגנט און אַרומגערודערט אויפן טאָרג־פּלאַץ, ווו פון פויערישע פורלעך האָבן אָרעמע ייִדישע פרויען איינגעהאַנדלט מציאות, געקויפט ביליקער אייער, עופות, גרינוואַרג, מילך און קעז. אויך דער טאַטע פלעגט אַמאָל איבעררייסן די אַרבעט, אַרויסלויפן אויפן טאָרג און מיט פרייד ברענגען אַהיים פון די פּראָדוקטן און דערציילט דער מאַמען, אַז ר׳האָט געקויפט שפּאָט־ביליק.

דעם טאַטנס קליענטן זענען געווען שוסטערס, וואָס האָבן ביי אים, דעם קאַמאַשנמאַכער, באַשטעלט כאָלעוועס — אַמאָל פון אייגענע לעדער, בדרך כלל — פון טאַטנס לעדער. די שוסטערס, אַליין קבצנים אין זיבן פּאָלעס. האָבן נישט געהאַט צו באַצאָלן ביים אָפּנעמען די כאָלעוועס, ווייל אויך זיי האָבן באַקומען באַצאָלט, ווען מ׳האָט אָפּגענומען די שיך. אויך נאָך דעם ווי דער באַשטעלער האָט באַצאָלט דעם שוסטער, איז ער געשטאַנען פאַר דער האַרבער דילעמע: וועמען פריער אָפּצאָלן די חובות און ווי אַזוי געבן דער ווייב אויף פּרנסה? עסן איז תמיד געווען בילכער — און דעם קאַמאַשנמאַכער האָט מען געלאָזט וואַרטן. זענען די סומען וואָס מ׳איז געבליבן שולדיק דעם טאַטן, אָפּט איבערגעשטיגן דאָס וואָס ער האָט פאַרמאָגט. אַז אויך דעם טאַטן איז געוואָרן שווער, האָט ער אַ פּרייטיק פאַרנאַכט זיך אַ לאָז געגעבן צו אייניקע שוסטערס איינמאָנען געלט. נישט איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז נאָך אַזאַ וויזיט,האָט ער אַליין איבערגעלאָזט עטלעכע זלאָטיס, איבערצייגנדיק זיך, אַז אין יענער שטוב דראָט אַ געפאַר פון אַ הונגעריקן שבת...

איך געדענק, ווי דער טאַטע פלעגט דערציילן מיט איבערגענומענקייט פון זיינע באַזוכן אין יענע היימען און שילדערן דעם קעלער אָדער פּאַציאַטע־שטיבל, ווו ס׳האָט זיך געפונען סיי דער וואַרשטאַט, סיי די וווינונג. אויפן טישל זענען אין שאַכטלען געלעגן פאַרשידענע טשוועקעס, פלעקלעך, העמערלעך, אַלן, קלעבעכץ, שטיקלעך לעדער און אַנדערע צודאַטן. אַנטקעגן דעם שוסטער איז געשטאַנען אַ בענקל פאַרן קליענט, צי פאַרן לערנייִנגל, אויב ר׳האָט געהאַט אַזעלכן. און אין דער „רעשט״ צימער — די בעטן, אַ טיש, בענקלעך, אַ שאַנק און קיך־געשיר. די קינדער האָבן אויף דעם קליינעם שטח געגעסן, געשלאָפן, געמאַכט די לעקציעס, געשפּילט זיך. און אויב ס׳איז געווען מיט וואָס, האָט אין דעם איינעם צימער די בעל־הביתטע געקאָכט אויך עסן אויף אַן אייוועלע, אָדער קיך.

אַנטקעגן די שוסטער־וואַרשטאַטן, איז דער וואַרשטאַט פון טאַטן געווען אַ „פּאַלאַץ״. דעם שמאָלן צימער האָט ער פאַרטיילט אין צווייען: אין פאָדערשטן טייל האָט ער אויפגענומען קליענטן און אַליין געאַרבעט; אין צווייטן טייל האָט אויף דער מאַשין געניייט אַ געזעלן, און שפּעטער — מיין ברודער אשר, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט דאָס פאַך. דאָרט האָט זיך אויך געפונען אַ מין מאַגאַזין מיט אַ ביסל לעדער, פּאָדשעווקעס, קלייסטער. דאָס אָרט האָט אויך געדינט צו עסן די מאָלצייטן, וועלכע די מאַמע האָט געברענגט.

ביזן יאָר 1926 האָט לובלין נישט געהאַט קיין שטאָטישע עלעקטראָסטאַציע. דעם עלעקטרישן שטראָם האָט צוגעשטעלט אַ פּריוואַטע אונטערנעמונג אויף לובאַרטאָווסקע 24 און די תפיסה (אין „זאַמעק״). איז דער רוב ייִדישע היימען און וואַרשטאַטן געווען באַלויכטן אין די נעכט מיט נאַפט־לאָמפּן. אין די זומער־טעג, איז עס געווען אַ האַלבע צרה. דאַקעגן אין די ווינטער־נעכט, איז שווער געווען צוליבן איינשאַפן זיך נאַפט, רייניקן די גלעזלעך און דערנאָך — די שוואַכע ליכט פון אַזאַ לאָמפּ, מיט אַ צוגאַבע פון קאָפּעטש און שלעכטן ריח. אויך די באַהייצונג אין ווינטער האָט באַלאַנגט צו די האַרבע אויפגאַבן צו באַזאָרגן האָלץ, קוילן, רייניקן די אייזערנע אייוועלעך, וואָס האָבן נישט געוואַרעמט ווי ס׳דאַרף צו זיין, נאָר דערפאַר געדראָט מיט אַ שריפה. די פייערלעשער האָבן טאַקע פאַרבאָטן צו באַנוצן זיך מיט אַזעלכע אייוועלעך און ייִדן האָבן זיך געשראָקן פאַר זייערע קאָנטראָלן, ווי פון אַנדערע רעגירונג־באַאַמטע, וואָס האָבן אונטער פאַרשידענע אויסריידן געזוכט אין ייִדישע היימען.

אויף אויסצואַרבעטן כאָלעוועס, האָט מען זיך אויך באַנוצט מיט שמאַטעס, וועלכע מ׳האָט זיך איינגעקויפט אין דער א. ג. „קאַשטשעפּאַלניע״ אויף דער קאַלינאָווטשיזנע. איך פלעג אַמאָל מיטגיין אַהין און געזען בערג מיט אַלערליי שמאַטעס, פון וועלכע מ׳האָט געלאָזט קלויבן די בייטיקע „סחורה״. נאָכן פאַרענדיקן די ערשטע וועלט־מלחמה, זענען דער רוב שמאַטעס דאָרט געווען — די וועש פון זעלנער פון דער צאַרישער אַרמיי, פאַרשמוציקט און פאַרלייזיקט, וועלכע די פּוילישע מאַכט האָט באַפוילן פריער צו דעזינפעקצירן, איידער זי ווערט פאַרקויפט.

אויסער די צרות מיט חובות פון די שוסטערס, איז שטענדיק געווען דער פחד פאַרן שטייער־אַמט. ווי נאָר ס׳האָט זיך געשטעלט דער טאָג, האָט דאָס האַרץ גענומען קלאַפּן האַסטיקער, קוים באַוויזט זיך אַ באַאַמטער צי סעקוועסטראַטאָר פון אוזשאַנד סקאַרבאָווי, וואָס אַ טייל פון זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ באַזונדערן סאַדיזם און ברוטאַלקייט, פאַרשרייבנדיק אַלץ וואָס האָט זיך געפונען אין וואַרשטאַט. נאָך אַזאַ וויזיט, האָט מען, בדרך כלל, אָפּגעשטעלט די אַרבעט, די פאַרשריבענע סחורה און מאַטעריאַלן האָט מען נישט געקאָנט מער באַנוצן, ס׳האָט שוין נישט באַלאַנגט צום אייגנטימער.

איינמאָל בעת אַזאַ וויזיט, האָט מיין פאָטער אַרויסגעוואָרפן אַ שטייער־באַאַמטן פון וואַרשטאַט. עטלעכע וואָכן האָבן מיר אַלע געלעבט אין גרויס שרעק, ווייל פאַר אַזאַ טאַט האָט געדראָט אַ פּראָצעס און שטראָף. צום גליק, האָט מען דעם טאַטן נישט געשטעלט פאַרן געריכט. ער האָט דעם ענין דערלידיקט שטילערהייט. אויף אַ וואָסער אופן — געדענק איך נישט...

אין דער צווייטער העלפט יוני 1981
וועט פאַרקומען אין ישראל אַ

## וועלט־צוזאַמענטרעף
## פון געוועזענע קאַצעטלערס
## און אַנטי־נאַצי־קעמפערס

מיט אַ פאַרשידנאַרטיקן פּראָגראַם.

פּרטים — אין די לאַנד־אָרגאַניזאַציעס פון די געוועזענע אַנטי־נאַצי־קעמפערס און קאַצעטלערס.

## ייִדן פון לובלין אין די תפוצות

וואָס האָבן איבערגעלעבט די דייטשישע טויט־לאַגערן, אָדער אַנטייל גענומען אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, דאַרפן זיך באַטייליקן אין דעם וועלט־צוזאַמענטרעף. ביי דער געלעגנהייט וועט איר זיך באַגעגענען מיט די לאַנדסלייט אין ישראל.

מיר זאָגן אייך צו אַ פריינדלעכע, אינטערעסאַנטע אויפנאַמע.

# יאָשע מוהל פון לובלין

**געווען באַרימט ניט בלויז אין לובלין. ווערט אָפט גע־רופן פאַר מילה'שאַפט אין אַנדערע שטעט. אַן „עקס־פערט" אין דורכפירן דעם „ברית" כהלכה. גרים ווערן געשיקט צו אים. ווערט געלויבט פון רבנים און רביים.**

נ. שמן / טאָראָנטאָ

ווען איך בין נאָך געווען גאָר יונג, פאַר מיין בר־מצוה, האָב איך שוין געהערט פון די צוויי לובלינער יידן, גערופן אויפן נאָמען פון זייערע פּראָפעסיעס, מלאכת הקודש: ר' מאָטל סופר און ר' יאָשע מוהל. ביים ערשטן איז מיר אַמאָל אויסגעקומען צו זיין אַ גאַסט אויף אַ נאַכט. ס'איז געווען שבועות פאַרטאָג, ווען מיר האָבן פאַרלאָזט דעם רבינס בית מדרש נאָכן פראַווען טיש, וואָס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַזאַ התלהבות איז אַוודאי געווען ביי קבלת התורה. ס'איז געווען כעלות השחר און צו גיין צום פעטער חיים יונה אייכנ־טאַל הי"ד, וואָס האָט געוווינט אויף לעוואַרטאָווער (לובאַרטאָוו־סקי) גאַס, איז געווען צו ווייט און פּאָליציי וואָלט אונדז פאַרהאַלטן. זענען מיר נאָך געוואַלטיקע שווערקייטן אַריין אינעם הויף, וווּ ס'האָט געוווינט ר' מאָטל און דאָרט „איבערגענעכטיקט", וואָס האָט געמיינט — ליגן אויפן דיל צוויי שעה אין אַנטועכץ, ביז מיר האָבן זיך געאיילט צוריק צום רבינס בית מדרש אויף שעראָקאַ גאַס.

ר' מאָטל (דוכט זיך, אַז זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען איידל־שטיין) איז געווען אַ גאָר איידעלער מענטש. ער האָט אונדז איני־דערפרי מכבד געווען מיט אַ גלאָז וואַרעמס, און אַזוי ווי קיין משר־תים האָט ער נישט געהאַט, איז ער געווען דער מ ש ר ת. אַן איני־טערעסאַנטער טיפּ געווען!

חסידים וואָס פלעגן קומען קיין לובלין צום רבין אדמו"ר ר' שלמה איגר זצוק"ל, אָדער צו זיין ברודער אדמו"ר ר' אלתר עזריאל מאיר איגר זצוק"ל, פלעגן זיך שאַפן אכסניות. אַוודאי נישט קיין האָטעלן אָדער מאָטעלן ווי ביי אונדז — אָבער ווער האָט גע־דאַרפט די לוקסוריעזע אכסניות, ווען ס'איז קיין צייט נישט געווען אַפילו אָנצוקוקן די שיינע שטאָט לובלין, מיט אירע פּרעכטיקע בנינים און נאָך שענערן גאָרטנס?!

איך, צוזאַמען מיט מיין פאָטער ז"ל, פלעגן איינשטיין ביים פע־טער. אָבער אַז דער „טיש" האָט זיך פאַרצויגן, אין בית מדרש איז נישט געווען קיין פּלאַץ אָפּצורוען דעם קאָפּ, האָט מען געזוכט ער־געץ אַ הויז וווּ מ'זאָל זיך קענען צושפּאַרן... אַזוי ווי ביי ר' מאָטלען זענען איינגעשטאַנען אַ צאָל באַקאַנטע חסידים פון קראַשניק, האָט מען אונדז „פאַרבעטן" צו טיילן זיך מיט די געלעגערס... מיר האָט מען געגעבן אַ ביסל מער שטרוי, ס'זאָל זיין ווייכער אויף דער פאָד־לאָגע.

אינדערפרי, מיט הנץ החמה, האָט מען אָפּגעגאָסן נעגל, זיך געאיילט אין מקוה, כדי אַריבערצוגיין אין כהנס בית מדרש, ווי מ'האָט גערופן דאָס בית המדרש פון אדמו"ר הגאון הקדוש ר' צדוק הכהן, וווּ דער קול תורה האָט אָפּגעקלונגען אין די אַרומיקע גאַסן. פון דאָרט, אַרום 11 אַזייגער, איז מען אַריבערגעגאַנגען אין בית מדרש פון די אייגערס, וווּ מען האָט זיך נאָך אַלץ מפלפל געווען, ביז דער רבי איז אָנגעקומען — און אַ שטילקייט האָט געהערשט, וואַרטנדיק אויפן קלאַפּ אין עמוד — די תפילות האָבן זיך אָנגעהויבן.

פון ר' יאָשע מוהל האָב איך בלויז געהערט און זיך אָנגעהערט לעגענדאַרישע מעשיות, גוזמאדיקע דערציילונגען וועגן מופתים, אַז ער האָט אַ רשימה פון צענדליקער טויזנטער מילות וואָס ער האָט דורכגעפירט; אַז ס'איז אַ זעלטנהייט צו זען ווי אַזוי ער פראַוועט אַ ברית מיט אַלע הידורים, ווי אַזוי ער איז מל'ע גרים און ווי אַזוי ער פאַרהיט די געמלטע, זיי זאָלן ניט ליידן צו פיל; דער צער זאָל נישט זיין מער ווי געוויינלעך, ביזן „שלישי למלתו".

יאָרן זענען געלאָפן. ס'האָט אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה און די מוראדיקע טראַגעדיע מיטן אומקום פון מיליאָנען פוילישע יידן — דער שר פון שכחה האָט זיך געשטאַרקט און וואָס־ווייניקער האָט מען געדענקט אין אַזעלכע יידן.

אין מיין „ספר לובלין", האָב איך יאָ דערמאָנט דעם נאָמען יאָשע מוהל, אַז ער איז געווען דער הויפּטמוהל פון לובלין און אומגעגנט, אַז ער האָט אַריינגעבראַכט אין ברית אברהם דריי דורות, אָבער ווייניק ביאָגראַפישע פּרטים און אַוודאי נישט, צי ס'האָט זיך אומיצער געראַטעוועט פון זיין משפחה. זיין נאָמען איז פאַר מיר אויפגעלעבט געוואָרן דורך אַ צופאַל, און זיין אייביקייט — דורך אַ קליין ספרל, וואָס ער איז דער מחבר. דאָס ווייזט אויף דעם כוח פון געשריבענעם וואָרט, די „אותיות פורחות" אַפילו איבערן ים התיכון, איבערן אָקעאַן. די אותיות האָבן דערגרייכט תל־אביב — און ר' יאָשע לעבט אין ישראל.

מיט אַ צען יאָר צוריק האָט מיין פרוי זיך דערוווּסט אין ישראל, אַז דאָרט לעבט אירס אַ חברטע, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פונעם נאַצי־גיהנום און זי געפינט זיך אין רמת־גן. פאַרשטייט זיך, אַז די צוויי חברטעס האָבן זיך אַרומגעכאַפּט, מיט פרייד באַנייט די פריינד־שאַפט, וואָס האָלט אַן, ווי דער שטייגער, ביי יוגנט־חברטעס וועלכע האָבן זיך „געפונען" און באַנייט די אַמאָליקע יוגנט־ליבע. ווען מיר זענען אין תל־אביב (זיי האָבן זיך אַריבערגעצויגן אין דער שטאָט), זענען מיר געסט אין זייער היים — מיר געפינען זיך זייער באַקוועם ביי עדזיאַ און ברוך ריינערמאַן.

מיר וועלן דאָ נישט דערציילן ווי אַזוי זיי האָבן זיך געראַטעוועט. דאָס איז אַן ענין פאַר זיך. ווי יעדער געראַטעוועטער, האָבן זיי גענוג צו דערציילן פון זייערע ליידן אינעם נאַצי־גיהנום.

טרעפט זיך אַמאָל, מיר שמועסן וועגן יחוס משפחה, דערציילט מיר ברוך, אַז ער פלעגט גאָר אָפט זיין אין לובלין, אַ צייט געווען אַ לובלינער תושב, ביים זיידן ר' יאָשע מוהל. זיין פאָטער מאיר, אַ שוחט אין שטעטל זאַקשאָוויק, האָט אים געשיקט קיין לובלין, ער זאָל זיין ביים זיידן, וואָס זאָל אויף אים אַכטונג געבן, אים דערציען, ער זאָל זיך אָפּלערנען די גוטע מדות פונעם זיידן.

דערהערנדיק אַז איך געפין זיך ביי אַן אייניקל פון ר' יאָשע מוהל, בין איך געוואָרן נייגעריק צו וויסן פּרטים וועגן זיין זיידן, דעם באַרימטן לובלינער מוהל. דערציילט ער מיר, אַז ניט ווייט פון תל־אביב געפינט זיך זיין פעטער אברהם מרדכי, איידעם פון ר' יאָשע פון זיין ערשטע פרוי שיינדל דבורה ע"ה, און אַז ביי אים גע־פינט זיך אַ ספרל פונעם זיידן. ער וויל דאָס ניט אַרויסלאָזן פון האַנט — ס'איז דער איינציקער עקזעמפּלאַר, אַ יקר המציאות און ער היט עס ווי אַן אבן־טוב.

מיר זענען צוגעפאָרן צום פעטער, געזען דאָס ספרל, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1931, געבונדן צוזאַמען מיט אַ סידורל, כדי ס'זאָל זיך האַלטן צוזאַמען.

דער נאָמען פונעם ספר: „ברית יוסף". דער ספר איז געטיילט אין דריי טיילן: 1) ברית יוסף — וועגן זיינע דערפאַרונגען אַלס מוהל; 2) ליקוטי יוסף — דינים ומנהגים ביי מילה־ריטואַל; ברית ד' — דינים אין יידיש, „בלשון אשכנז".

נאָמען פון מחבר: „יוסף בן מאיר, מוהל ראשי דפה לובלין, איש טהור (ריינערמאַן — נ.ש.) יכונה. נסדר בדפוס של ר' נתן נטע קרוננברג. נדפס בדפוס של ר' מנחם מנדיל נ"י שניידמעסער בלובלין (באַוווסטער לובלינער דרוקער און אַרויסגעבער — נ.ש.). שנת מעשי לדיר אל תרף לפ"ק (תהלים קל"ח, ח' וזאת היא שמי ליום הדין (של"ה).

פונעם ספרל, קליין לויט דער מאָס, אָבער גרויס אין כמות און אין איכות, זעען מיר דאָ דעם הויפּט־מוהל, אַז ניט בלויז איז ער געווען גרויס אין אומנות, אַן עקספּערט מוהל, נאָר אויך גרויס אין למדות, אין הוראה, בעיקר — אין הלכות אורח חיים, און ניט ווי־ניק — אַ בקיא אין קבלה־ענינים.

פאַר דער הקדמה קומט אַ וואָרענונג מיט אַ שטרענגן פאַרבאָט איבערצודרוקן דעם ספר, אָדער טיילן פונעם ספר, אַן דעם רשות פונעם מ ל ק ט. „הן מצד התורה הקדושה" און „הן מצד דינא

דמלחותא — אַ „קאָפּירייט", אָדער ווי מען שרייבט עס אין עברית „כל הזכויות שמורות", אויפן שטרענגסטן אופן.

אין דער הקדמה דערציילט ער, אַז ער איז געווען מיטן כהן זצללה"ה ביי הונדערטער בריתן, אַז ער האָט געוויזן דעם כהן פון לובלין אַ טייל פונעם כתב יד און ס'איז דעם כהן זצ"ל געפעלן געוואָרן און אים געווונטשן, ער זאָל זוכה זיין דאָס אַרויסגעבן „לזכות את הרבים". ער דערציילט אויך, אַז ער איז געווען אויף הונדערטער בריתן (זיין לשון — נ.ש.), מיט רבי מאָטעלע קאָזמירער (פון דער טריסקער דינאַסטיע, באַוווּסטער אדמו"ר — נ.ש.) און דער רבי איז געווען שטאַרק צופרידן פון זיין דורכפירן מילה'שאַפט. ווען ער האָט אים געוויזן בלעטער פונעם ספר, האָט ער אים געגעבן ברכות און צוגעזאָגט, אַז אין דעם זכות, וועט ער זיין געבענטשט „בבני חיי ומזוני".

ער גיט אָן מאָטיוון, פאַר וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן זיין ספר „ברית יוסף" (ווייזט אויס, אַז דער נאָמען יאָשע-יוסף וואָלט נישט געווען גענוג), אַז דאָס האָט אַ שייכות, לויט קבלה מיט ברית מילה פון יוסף הצדיק, און ער גיט צו אַ תפילה פאַר יעדן מוהל צו זאָגן נאָכן האָבן דורכגעפירט דעם מילה-ריטואַל.

ווי באַקאַנט, ווערט געזאָגט אין ספרים, אַז יוסף האָט איינגעפירט מילה פאַר די מצרים, וועלכע זענען געקומען צו אים נאָך שפּייז — אָבער דאָס וואָלט אונדז געפירט צו אַ ניי קאַפּיטל אין הלכות מילה.

*

די ערשטע מילה — דערציילט ר' יאָשע, האָט ער דורכגעפירט איבער זיין זון (מסתמא איבער דעם פאָטער פון אונדזער פריינד ברוך, ר' מאיר ריינערמאַן הי"ד), עש"ק נשא, אסרו חג שבועות, תרמ"ב (1882), אין קליינעם שטעטל, ווו ער האָט זיך דאַן געפונען ביים שווער אויף קעסט. דער שטאָטישער שוחט און מוהל האָט קיינעם נישט געוואָלט לערנען די מלאכת הקודש און ע ר האָט געהאַט גענוג פּחד א ל י י ן דורכצופירן מילה. דער שטאָטישער רב האָט אים אַרויפגעצווונגען, ער זאָל עס טאָן אין קעגנוואַרט פונעם אַלטן מוהל — און ס'איז אים געלונגען. אין יאָר תרמ"ד האָט ער שוין אָנגעהויבן דורפירן מילה איבער אָרטיקע קינדער, מיט אַלע חידורים און חומרות, איינער אַליין, אָן דער טובה פונעם שוחט.

יאָשע מוהל באַשרייבט, ווי די עלטערע מוהלים האָבן אים נישט צוגעלאָזן און דווקא די רבנים האָבן אים צוגערעדט און דערמוטיקט זיך צו פאַרנעמען מיט דער דאָזיקער הייליקער פּראָפעסיע. די רבנים האָבן אין אים געזען דעם פּאַסיקן מענטש מיטן מוהל-מעסערל צו „יידישן" יידישע קינדער, בעת די עלטערע מוהלים האָב אין אים געזען אַ „קאָנקורענט", אַ נייער שטערן איבער יידישע ישובים.

די מורא פאַר קאָנקורענץ איז תמיד אָנגעגאַנגען. ער היום איז עס אין דער פּראַקטיק ביי די, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט דער מלאכת הקודש. מיט דער צייט ווערן די מחיצות צעלייגט און דער פּעיקער מענטש, ספּעציעל ווען ער באַווייזט די מומחיותדיקייט אויפן דאָזיקן געביט, ווערט צוגעלאָזן — און עלטערע מוהלים זענען צופרידן און טאָלערירן דעם צוגעקומענעם. ר' יאָשע מוהל איז געקומען קיין לובלין אין יאָר תרנ"ב (1892), געוואָרן אַן אָרטיקער תושב און באַרימט געוואָרן אַלס עקספּערט מוהל. ער האָט מנצח געווען אַלע מוהלים. ווו נאָר ס'איז געווען אַ פּראָבלעם, מורא פאַר אַ סכנה, האָט מען געשיקט נאָך ר' יאָשען און ער האָט באַשלאָסן, צי מ'קען דורכפירן די אָפּעראַציע.

ר' יאָשע האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט, ווייל ער האָט ליב געהאַט די מלאכה, צו „יידישן" יידישע קינדער. ער האָט זיך געפרייט מיט יעדן ברית מילה און גאָר אָפט, ביי אומפאַרמעגלעכע, געבראַכט בראָנפן מיט לעקעך און געטיילט די בעלי-שמחה. אין די גרעסטע סכנות, אין שנייען און זאַווערוכעס, איז ער געפאָרן מקיים צו זיין די מצווה בזמנה — דעם אַכטן טאָג. תמיד האָט ער מיטגעפירט די באַנדאַזשן און מעדיצינען, ווי אַ דאָקטער, און די דאָקטוירים האָבן אים דערפאַר געלויבט. מיט זיינע ליבלעכע אויגן און גוטן הומאָר, מיט זיין הדרת פּנימדיקייט, האָט ער אַריינגעבראַכט אין הויז פון בעל ברית שמחהדיקייט. געטאָן די מצווה האָט ער שנעל און פלינק, מיט וואָס ווייניקער צער פאַר דעם קינד, דעם „רך הנימול".

ווי ער גיט אָן אין זיין ספר „ליקוטי יוסף", האָט ער דורכגעפירט פון יאָר תרנ"ב ביז תרצ"ב 23,901 מילה'שאפטן (מילות) איבער קינדער פון אַכט טעג, ווי דער דין איז („ובן שמונה ימול"). 118 — אין עלטער פון 2 ביז 5 יאָר; איבער אַ יונגערמאַן פון 19 יאָר (פון שטעטל קראָשניק) און אַ מילה איבער אַ גר פון עסטרייך, אין עלטער פון 35 יאָר.

זיבן-און-פערציק יאָר האָט ער געפאָרשט און שטודירט די עניינים פון מילה און מיט התמדה געלערנט די ה ל כ ו ת מילה. אויפן פאַרלאַנג פון מוהלים, האָט ער צוזאַמענגעשטעלט און קלאָר געמאַכט דינים פון מילה, ברכות און תפילות ביים דורכפירן דעם מילה-אַקט מיט אַלע איינצלהייטן און מיט אַלע מנהגים, אין שייכות מיט דער הייליקער מצוה ברית אַברהם, וואָס ווערט דרייצן מאָל דערמאָנט אין דער תורה, לויט דער צאָל שלוש עשרה מידות.

אין זיין מסביר זיין די דינים און מנהגים, אַפּעלירט ער ניט צו איגנאָרירן און ניט האַלטן קליין און מינדערוויכטיק די דינים ומנהגים, ווייל אַלע האָבן אַ מקור אין דער יידישער טראַדיציע און אַז ס'איז דאָ אויך גילטיק דער מאמר אין ירושלמי (סנהדרין, י"א, סוף הלכה ה'): „אם שמעת דבר מפי קטן והנייך, לא יהי' בעיניך כשמעו מפי קטן, רק כשמעו מפי גדול". ער איז באַרעכטיקט צום דאָזיקן פאַרלאַנג, ווייל ער איז געווען אין פּוילן, ווי מיר איז באַקאַנט, דער איינציקער מוהל מיט אַזוי פיל דערפאַרונג. ניט איינמאָל האָט געטראָפן, אַז נאָך אַ מילה פון אַ צווייטן מוהל, איז מען געקומען צו אים, נאָכאַמאָל דורכצופירן דעם אַקט, מתקן צו זיין די מילה, אַזוי אַז ער איז געווען באַרופן צו אָט דער פּראַקטיק און צו לערנען מיט אַנדערע דידאָזיקע דינים.

דאָס ספרל, ווי געזאָגט, איז איצט אין מיין באַזיץ, אַ ספרל פול מיט יראת שמים, אַ חיבורל וואָס דערציילט אַזוי פיל, און איך מיין, אַז דאָס איז די בעסטע ירושה פאַר די ריינערמאַנס פון תל-אָביב. פון יעדן בלעטל שפרודלט אַרויס די ליבע צום אלקי אברהם, צו דער קדושה פון עם ישראל, צו זרע ישראל, געבראַכט אין ברית אברהם מיט דער ברכה „בדמיך חיי, בדמיך חיי..." ווי אַ צוגאָב צום ביכעלע, האָבן מיר די ריינערמאַנס איבערגעגעבן אַ משפחה בילד, אין וועלכן ס'געפינט זיך דאָס פּאַטריאַרכאַלע בילד פונעם זון, דעם שו"ב פון זאָקשעוויק.

איך וועל זיך ניט פאַרנעמען מיט איבערגעבן די דינים פון מילה, ווי זיי ווערן איבערגעגעבן אינעם „ברית ילקוט יוסף". ס'וואָלט כדאַי געווען איבערצודרוקן דעם ספר, ווייל נישט געקוקט אויף די ספרים און דיני מילה אַרויסגעגעבן די לעצטע יאָרן, צו דערמאָנען איין ספר — „נחל הברית" פון הרב ר' אָשר אַנשיל כ"ץ, געטיילט אין צוויי חלקים, אָנווייזנדיק אויף מקורות פאַר יעדן מנהג און חידושי אגדה מיט ביאורים על מצות מילה — זענען אָבער די אַלע ספרים בעיקר טעאָרעטישע אָנווייזונגען. ר' יאָשע מוהל איז דער פּראַקטיצירנדיקער מוהל און ער גיט אַ שיעור די מוהלים מיט דער שטרענגסטער פּרעציזקייט, ווי אַזוי דורכצופירן דעם אַקט ביי פאַרשיידענע קינדער.

ר' יאָשע דערציילט, אַז דער כהן פון לובלין ר' צדוק זצוק"ל איז מיט אים געווען אַ סך מאָל ביי בריתן און איז פון אים געווען שטאַרק צופרידן. איינמאָל, האָט ער זיך באַקלאָגט פאַרן כהן ז"ל, אַז דערפאַר וואָס ער איז פאַרנומען מיט פאַרקויפן ספרים, קען ער נישט ווי געהעריק מכוון זיין כוונות ביי מל זיין קינדער. האָט דער כהן אים געזאָגט, אַז די מצוות מילה, איז אַ מ צ ו ה ד ע ש י ה — אַ מצוה פון טאָן, דער חוב צו טאָן ווי געהעריק דעם חיתוך, די פּריעה ומציצה, דאָס זאָל זיין כדת וכדין. די כוונות זאָלן מאַכן די רבנים, די רבי'ס זיי האָבן צייט...

אין יאָר תרע"א (1901) האָט ער מל געווען אַ קינד ביי אַ לובלינער וואַסערטרעגער, בעת ס'זענען געהערט געוואָרן דונערן און בליצן. האָט דער בעל ברית, זייענדיק צעחושט, אָנשטאָט די ברכה „להכניסו בבריתו של אברהם אָבינו", געמאַכט די ברכה „שכוחו וגבורתו מלא עולם". צוליב דער מעשה, האָט ער זיך נוהג געווען מיטצונעמען מיט זיך דעם ספר „ברית אברהם", וואָס ס'האָט פאַרפאַסט אַ וואַרשעווער מוהל. ער זאָגט אָן, אַז אַפילו די בריאוריון, זאָלן מאַכן די ברכה פונעם סידור. ער האַלט בכלל, ברכות

און תפילות זאָלן געזאָגט ווערן פונעם ספר און ברענגט דערויף אַ צאָל ראיות און מקורים.

אין זיין ספר וועט דער לערנער געפינען אַ גרעסערע צאָל דינים, אַריינגערעכנט אומבאַקאַנטע פאַרן ברייטערן עולם אין די דאָזיקע הלכות.

אין „ברית יוסף״ (ז״ז 32—36) באַהאַנדלט ער אַן אומפּאָפּולער קעגנשטאַנד, צי מעג אַ מוהל מל זיין ניט־יידן. ער ברענגט פון בית יוסף (אין נאָמען פון מהרי״ן, סוף סימן רס״ו) אויב ס'איז נישט די כוונה פונעם גוי זיך מגייר צו זיין, טאָר מען אים נישט מל זיין. פאַר וואָס זאָל מען אים חתמענען מיטן ברית קודש (זע, ט״ז אויפן אָרט וועגן דעם מאָטיוו פון פאַרבאָט)? ער ציטירט פונעם זוהר, אַז יוסף הצדיק איז נענש געוואָרן, ווייל ער האָט געהייסן מל'ע זיין די מצריים, נישט געקוקט וואָס זיין כוונה איז געווען לטובה. ער באַהאַנדלט דעם דין מילה לעכו״ם עטלעכע מאָל (ז״ז 32—36).

ווי איז דער דין, ווען דאָס מל'ע זיין איז צו רפואה? צוליב רפואה איז דערלויבט. דער רמב״ם (מילה, ה' ז') פסקנט: אויב דער גוי טוט עס מיט דער כוונה פאַר מילה — איז דערלויבט, אַפילו צו קריגן דערפאַר באַצאָלט (ש״ך, דמ״ג, ח') און אַוודאי, אויב דאָס קען אַרויסרופן שנאה, מעג מען דאָס טאָן פאַר ניט יידן.

דער דין איז אויך, אַז בלויז אַ ייד, אַ בן ברית, קאָן דורכפירן דעם מילה־אַקט. ווי איז דער דין, אַז דער ניט־ייד האָט מל געווען, ס'איז געווען שוין אַ בדיעבד, אַן אָפּגעטאָענע זאַך? דאַן דאַרף ער נישט דורכמאַכן אַ צווייטע מילה אָפּעראַציע, ווייל ס'איז דאָך נישטאָ אין דער תורה דער פאַרלאַנג אַז מילה דאַרף זיין **ל ש מ ה**, נאָר **ס'זאָל געטאָן ווערן דער באַשנייד**.

דער לובלינער מוהל גיט איבער איינצלהייטן, ווי אַזוי ער האָט דורכגעפירט די מילה איבער דעם עסטרייכישן גר אין לובלינער שפּיטאָל אין אָנוועזנהייט פון צוויי דאָקטוירים; די מילה איז פאָרגעקומען אין אַ דאַנערשטיק, און מאָנטיק, די צווייטע וואָך, ווי ער גיט איבער, אַ דאַנק דעם רופא לכל בשר, איז דער גר שוין אַרומגעגאַנגען אין שפּיטאָל ווי אַ געזונטער מענטש. ס'האָט לאַנג נישט גענומען און דער מענטש איז געווען פולשטענדיק געהיילט און דורכגעמאַכט טבילה, לויט די אינסטרוקציעס פון לובלינער ראַבינאַט.

ס'זענען געקומען צו אים — דערציילט ער — זעקס ערלים פון עסטרייך (פאַר וואָס פון עסטרייך אַזוי פיל גרים קיין לובלין? מעגלעך — צוליב נאָענטקייט, אָדער צוליב אים, ווי דער באַוווּסטער עקספּערט), ער זאָל זיי מל זיין. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, ווייל זייער גרות איז נישט געקומען פון איבערצייגונג. ער גיט איבער זיינע מאָטיוון, פאַר וואָס ער האָט געהאַט אַ נעגאַטיווע באַציונג מקבל צו זיין גרים.

דעם עסטרייכישן גר, וועלכן ער האָט יאָ מגייר געווען, האָט ער אים געהאַט ביי זיך דריי חדשים, מיט אים געלערנט יידישקייט; יעדן טאָג אים מיטגענומען אין שול, ער זאָל זיך באַקענען און צוגעוווינען צו לייגן טלית ותפילין, דאַווענען און לייענען.

איינמאָל, שוין נאָכדעם ווי ער האָט אים באַטראַכט פאַר אַ ייד, שטעלט ער אים אַ פראַגע ווי קומט עס, וואָס אין דער קירכע, ווו ער פלעגט פריער קומען, זענען געווען טויזנטער מענטשן און אַזוי שטיל, אַזוי פיל רעספּעקט, אַזאַ אָרדענונג — און דאָ, ביי יידן, אין בית המדרש, איז ווי אויף אַ יאַריד, אַ כאַאָס, אַ טומל? דאַן, זאָגט ער, האָט ער פאַרשטאַנען דעם מאמר חז״ל: „קשים גרים לישראל כספחת״.

מיטן דאָזיקן גר האָט זיך גראָד גוט אויסגעפירט. ער האָט געוווינט אין אַ דאָרף ביי ראַדאָם און געווען דער אָרטיקער בעל קורא.

אין זיין ספר דערציילט ער וועגן נאָך אַ ריי דערפאַרונגען ביים מל'ע זיין גרים. ער גיט אויך איבער וועגן מאָדנע קראַנקייטן ביי קינדער און ווי אַזוי ער האָט באַוויזן זיי מל'ע זיין, ווי אַזוי ער האָט דורכגעפירט מילות ביי אַנדרוגינוס־קינדער ער האָט זיך מייעץ געווען מיטן ליבלינער רב, ר' אליהו קלאַצקין זצ״ל (מחבר און פוסק), אָדער מיטן באַוווּסטן מורה הוראה ר' נתן רייפמאַן ז״ל (ר' נת'לע, ווי מהאָט אים גערופן, איז געווען דער זון פון באַרימטן משכיל און שריפטשטעלער יעקב רייפמאַן). די צוויי רבנים פלעגן זיך באַטייליקן ביי בריתן, ווען מהאָט זיי מכבד געווען מיט סנדקאות. געוויינלעך האָט דער אדמו״ר ר' לייבעלע איגר זצ״ל פאַרנומען אין לובלין דעם סנדק־שטול כל ימי חייו און אים האָבן נאָכגעפאָלגט די ממלא־מקומו: ר' צדוק הכהן און ר' אברהם איגר זצ״ל.

אין זיינע זכרונות, גיט ער איבער בריוו פון רבנים, פון רביים, פון מוהלים־שוחטים, פון דאָקטוירים — אַ צאָל נעמען זענען מיר גוט באַקאַנט.

ר' יאָשע מוהל ברענגט אַ צאָל ברכות און תפילות **פ אַ ר** און **נ אָ כ ן** ברית־מילה, ווי גרויס די מצוה איז, אַז ס'איז אַ זכיה צו קענען מקיים זיין די מצווה „שנכרתו עליה י״ג בריתות״ (רמב״ם, הלכות מילה, ג', ט').

צום סוף, וועל איך ברענגען די אינטערעסאַנטע פּסוקים אָדער פאַרשלאַגן, וואָס ר' יאָשע האָט פאָרגעשלאָגן:

1. אַ שוחט זאָל נישט זיין קיין מוהל. ער ברענגט אַ מעשה: ס'האָט זיך אַמאָל געטראָפן אַז אַ שוחט־מוהל האָט ביי דער ברכה געמאַכט אַ טעות און אַנשטאָט זאָגן על המילה, האָט ער געזאָגט על השחיטה — און דאָס קינד איז געשטאָרבן.

2. תלמידי חכמים, ווייזט ער אָן, דאַרפן זיך לערנען די דאָזיקע הייליקע מלאכה. די גמרא זאָגט, אַז יעדער תלמיד חכם דאַרף זיך לערנען כתב, שחיטה, מילה (סנהדרין, ס', חולין, ט', ע״א— רש״י „חד גברא עביד לכולהו״).

3. ווען מען איז מל'ע אַן אנדרוגינוס, מאַכט מען ניט קיין ברכה.

4. אַ ממזר געבוירן ביי אַן אשת־איש, מאַכט מען בלויז די ברכה „על המילה״ און מען גיט אַ נאָמען — און די מילה דאַרף געטאָן ווערן אינדערהיים, בצנעה, נישט מיט פרסום... פון אַ פנויה — אַ קינד איז געבוירן געוואָרן ביי אַ מיידל, וועלכע איז נישט פאַרהייראַט, גייט מען אָן מיט אַלע ברכות... ווי מען איז זיך נוהג ביי אַ קינד, געבוירן ביי לעגאַל־פאַרהייראַטע עלטערן (אַזוי האָט געפסקנט דער מהרי״ל).

5. געווען אַ מנהג צו פראַווען אַ סעודה צום דריטן טאָג פון דער מילה'שאַפט און דאָס איז אַ סעודת מצוה, ווי ביי אברהם אָבינו — די מלאכים זענען געקומען ביום שלישי למלתו און ער האָט געפראַוועט מיט זיי די סעודה.

מיר וואָלטן געקענט דאָ אַ סך מאריך זיין — אָבער מען מוז דאָס איבערלאָזן צו די וועלכע וועלן זיך פאַראינטערעסירן און איבערדרוקן דעם „ברית יוסף״.

*

ווען מיר באַרירן דעמדאָזיקן קעגנשטאַנד — מילה'שאַפט — איז כדאַי אָנצוּווייזן אויף די אומצייליקע ווערק וועגן מילה און אויף דער פּאָלעמיק צווישן מעדיקער, צי די באַשניידונג פון מענלעכן אָרגאַן איז אַ היגיענישע נויטווענדיקייט צו פאַרהיטן פון געשלעכט־קראַנקייטן און ראַק־געפאַרן ביי מענער און פרויען.

די מצוה האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַברהם אָבינו. ער האָט זיך מל געווען אין עלטער פון 99 יאָר; זיין זון ישמעאל צו 13 יאָר און זיין בן יחיד פון שרה — צום אַכטן טאָג. עס רעדט זיך נישט וועגן אַ מעדיצינישער וויסנשאַפט. ווי מיר זעען אין דער תורה, איז די מצוה אָנגענומען געוואָרן בלויז צו יידן. אין די ספרים פון תורת אמת און פון כהן פון לובלין, ווערט ביי יעדער געלעגנהייט גערעדט וועגן **ב ר י ת  ק ו ד ש**.

אַ פאַקט, אַז די מצוה איז געהיט געוואָרן בלויז ביי יידן, קען מען זען דערפון, וואָס פרעהס טאָכטער, ווען זי האָט געזען דאָס קעסטעלע אינעם וואַסער, האָט זי געזאָגט „מילדי העברים זה״ — עס איז אַ יידיש קינד! פון וואַנען האָט זי געוווּסט? מסתמא געזען, אַז ער איז געמל'עט.

מילה, ווי מיר ווייסן, ווערט דורכגעפירט ביי די איסלאַמישע פעלקער, אָבער נישט צום אַכטן טאָג. זיי זענען ממשיך די ישמעאל־טראַדיציע.

ווי דער מדרש זאָגט, האָט יוסף הצדיק אין זיין צייט געהייסן די מצריים זיי זאָלן זיך מל זיין. זיי האָבן דאָס אין די שפּעטערע יאָרן נישט נאָכגעפאָלגט. בלויז יידן האָבן מקיים געווען די דאָזיקע מצוה מיט אַלע דינים און פאַרשריפטן.

# לובלינער הכנסת־אורחים אין אייראָפּע

דוד שטאָקפיש

ס׳איז זיכער געווען אַן אויסדרוק פון קעגנזייטיקער פריינדשאַפט, אָנערקענונג און צוזאַמענאַרבעט פון די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן אין פראַנקרייך און אין ישראל, וואָס די ערשטע, גרייטנדיק זיך צו פייערן דעם 50סטן יאָרטאָג פון איר אַנטשטייונג, האָט געפונען פאַר נייטיק איינצולאַדן, אויסער אַלע לובלינער אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט, אויך דעם פאָרזיצער פון ארגון יוצאי לובלין אין ישראל, אַפילו באַזאָרגן אַ פלי־בילעט אויף באַטייליקן אים אינעם פאַריזער יום־טוב. נאָכן באַקומען די פאַרבעטונג, האָב איך געהאַלטן פאַר נייטיק אויסצונוצן די געלעגנהייט און אויך באַזוכן שוועדן, דענעמאַרק און בעלגיע, וווּ עס געפינען זיך „לובלינער קאָלאָניעס״ און כאַפּן אַ בליק ווי עס לעבט זיך אונדזערע בני־עיר אין די דערמאָנטע לענדער.

נאָר פאַר אַלעמען וויל איך אַרויסהייבן די גאַסטפריינדלעכקייט פון גיטעלע און יידל עדעלשטיין אין פּאַריז, פון רושע און ירחמיאל וויעזשכאָווסקי אין בריסל, פון אסתר און אדאם גאָלדמאַן אין קאָפּענהאַגען, פון עווא און נאַטעק אַקערמאַן אין שטאָקהאָלם און פון רוזשקע און יצחק שניידמאַן אין געטעבאָרג. זייער אַלעמענס הכנסת־אורחים האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אייגנאַרטיקער וואַרעמקייט, אויפמערקזאַמקייט, אינטערעס, האַרציקייט און פריינדשאַפט, ווי אויך פון אַנדערע לאַנדסלייט, וואָס זייערע נעמען וועלן דערמאָנט ווערן שפּעטער.

בעת דעם איצטיקן באַזוך, בין איך אויך געווען דער גאַסט פון אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן, פון די קאָמיטעטן פאַר יידיש און יידישער קולטור און פון דער וועלט־באַוועגונג פון מפ״ם. די טוערס פון די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס אויף די ערטער, האָבן זיך באַמיט מיך אויפצונעמען ווי עס פּאַסט פאַר אַ שליח פון ישראל, אַדורכגעפירט קאָנפערענצן, איינגעאָרדנט רעפעראַטן און אַרויסגעוויזן זאָרג פאַר מיין פרוי און מיר. נאָר אַמבעסטן האָבן מיר זיך געפילט מיט די יידן פון דער אַלטער היים. מיט זיי בינדן דיך זכרונות, נאָסטאַלגיע, סענטימענטן און אַ בשותפותדיקע שפּראַך.

## ● אין פּאַריז

איידער כ׳האָב באַקומען די איינלאַדונג צו באַטייליקן זיך אינעם יובל פון די פאַראייניקטע קינדער פון לובלין, האָבן גיטעלע און יידל אונדז פאַרוואָרפן מיט בריוו צו וווינען ביי זיי, ווי נאָר מ׳קומט קיין פראַנקרייך. קאַרגע 2 וואָכן זענען מיר איינגעשטאַנען ביי די עדעלשטיינס — און מיר זענען פול מיט באַוווּנדערונג און דאַנקבאַרקייט פאַר די גאַסטגעבערס, וואָס צו דעם פיינעם נאַכטלעגער און געשמאַקע מאָלצייטן, פירט מען דיך מיטן אויטאָ וווּ מען דאַרף, מ׳גיט אַוועק אַ סך שעהען צו באַזוכן דעם היסטאָרישן, קיניגלעכן פּאַלאַץ אין פאָנטענבלאָ, דעם פּאָמפּידו־צענטער און אַנדערע ערטער. דאַרף מען דיך ברענגען פון עראָפּאָרט אָדער אַהינפירן; איז נייטיק צו פאָרן צום באַן, אָדער קומען פון דאָרט — יידל איז שטענדיק גרייט, מיטן שמייכל, העפלעכקייט, הילף. און גיטעלע, ווי אַן עכטע יידישע מאַמע, זאָרגט פאַר קליינינקייטן, ווי פאַר גרויסע באַדערפענישן, כדי צופרידנשטעלן די געסט.

אין דעם נומער „קול לובלין״, אינעם אַרטיקל פון שמואל שפּיראָ און באַריכט פון משה זאַלצמאַן, ווערט דערציילט סיי די געשיכטע פון 50 יאָר סאָסיעטי אין פּאַריז, סיי דער פאַרלויף פון דער בכבודיקער פייערונג, וואָס פאַרשפּאָרט מיר צו שרייבן אויף דער טעמע. מיין שילדערונג איז אויסן בלויז דערציילן וועגן צוזאַמענטרעפן מיט שטעטישע יידן און זייער הכנסת־אורחים.

דער עצם צוזאַמענטרעף מיט אַ 100 לאַנדסלייט אויפן לובלינער יום־טוב און די שפּעטערדיקע זיצונגען און קאָנפערענצן מיטן קאָמיטעט און אַקטיוויסטן, זענען אַ גאָר באַזונדערע איבערלעבונג. מען באַגעגנט זיך מיט חברים און פריינד, וואָס ווילן דיך געדן זען, שמועסן, פאַרברענגען. פון כמעט אַלע הערט מען די פראַגע: „ווען קומט איר צו אונדז אויף אַ מיטאָג, אַן אָוונטברויט? מיר ווילן אייך האָבן אין אונדזער שטוב״. אויב צופרידנשטעלן אַלעמען, זענען מיר אין פּאַריז פאַרזיכערט מיט „קעסט״ אויף לאַנגע וואָכן און חדשים. כ׳האָב זיך דערמאָנט דעם באַזוך אין טאָראָנטאָ מיט 6 יאָר צוריק, ווען מ׳האָט נישט באַוויזן אָנצונעמען אַלע פאַרבעטונגען צו אַ „דינער״ און „סאַפּער״, זענען אויך די פרישטיקן געוואָרן אַ סגולה צו געסטעריי. אַז מען שמועסט לובלינער הכנסת־אורחים — איז דאָך נישט שייך!

די ווינציקע אָוונטן אין פּאַריז האָט מען באַדאַרפט ווידמען אַ ביקור חולים ביי טעשקע קאַרמאַן־פאַרשטעטער, וואָס עטלעכע טעג פאַר דער יובל־פייערונג, איז זי קראַנק געוואָרן. ס׳איז אויך נישט געגאַנגען אָפּצוזאָגן געניע און שמואל שפּיראָ, ווען דער קאָמיטעט האָט געוואָלט באַגלייטן מיט אַ „צאתכם לשלום״ צו זייער אַרויספאָר קיין דרום פראַנקרייך. בכלל האָבן געניע און שמואל אונדז געווידמעט פיל צייט און אויפמערקזאַמקייט. זאָשע און נומעק פערלמוטער דערלאַנגען „דראָגונגען״ און „אולטימאַטומס״ בנוגע אַ וויזיט אין זייער היים. ווער שמועסט אַן איינלאַדונג פון אסתרל (מיין שכנטע פון וטע מאַי גאַס אין לובלין) און משהלע כץ, וואָס האָבן אויך צוגעגרייט פאַר אונדז אַ סורפּריז: אינעם לעצטן אָוונט פון זיין אין פראַנקרייך, צו באַטייליקן זיך אין „שעראַטאָן״־האָטעל אינעם גרויסן, טראַדיציאָנעלן, יערלעכן ביכער־יאַריד און פייערלעכן מאָלצייט פון וויצ״אָ, אויף וועלכע ס׳איז אויך געקומען סימאָן וויל, פאָרזיצערין פון אייראָפּעישן פּאַרלאַמענט און געוו. מיניסטער אין פראַנצויזישן קאַבינעט, די פרוי פון ישראל־אַמבאַסאַדאָר ראָזען, שרייבערס, קינסטלערס און אַנדערע פּערזענלעכקייטן.

דער שטענדיק פאַרנומענער סעקרעטאַר פון דער סאָסיעטי, משה זאַלצמאַן, געפינט אָבער צייט צו שפּאַצירן מיט אונדז אין פּאַריז און העלפן דערלידיקן ענינים. זאָלן אונדז מוחל זיין די אַלע בני־עיר, וואָס מיר האָבן נישט געקענט אָננעמען זייערע איינלאַדונגען. סליחה און תודה רבה! אַ באַזונדערן דאַנק האָט זיך פאַרדינט די לובלינער אָרגאַניזאַציע אין פּאַריז, וואָס האָט זיך אָפּגערופן אויף אונדזער ווענדונג צו באַגריסן דעם נומער 15 „לובלינער שטימע״, איינגעצאָלט די יערלעכע באַשטייערונג און פאַרשפּרייט אַן אָנגעזעענע צאָל קאָפּיעס פון ישראל אייזענבערגס בוך „פאַר וואָס גראָד איך?״

## ● אין בריסעל און אין קנאָק

פאַראַן אין בעלגיע עטלעכע געציילטע לובלינער משפחות, וואָס ווייזן נישט אַרויס קיין באַזונדערן „פּאַטריאָטיזם״ צו דער אַלטער היים. נאָר מיט די פאַמיליעס וויעזשכאָווסקי און ד״ר ליכטפעלד (אין קאַרניאָ) איז פאַראַן אַ פאַרבינדונג מיט דער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל. אין דער הויפּטשטאָט פון בעלגיע זענען פאַראַן נאָך אַ 3 פאַמיליעס פון לובלין, נאָר מיר האָבן נישט מיט זיי קיין שום קאָנטאַקטן.

אין שטעטל קנאָק, וווּ מיר האָבן פאַרברענגט מיט אונדזער שוועסטער, שוועגערין און שוואָגער, איז אויסגעקומען צו טרעפן

זיך מיט דער פרוי ווישניאַ, וואָס שטאַמט פון די דאָרנפעלדס פון לובלין.

## קאָפּענהאַגען

ס'ווערט גוט אויף דער נשמה און לייכט אויפן האַרץ, ווען נאָך אַ 14 שעה רייזע מיטן באַן פון בעלגיע קיין דענעמאַרק, וואַרטן דיך אָפּ אויפן וואָקזאַל אין קאָפּענהאַגען צוויי ווילע לובלינער יידן: אַדאַם גאָלדמאַן און יונה פיינזילבער. אין זייער זכות איז די שטאָט נישט אַזוי פרעמד, די לאַנד־שפּראַך — אומנייטיק, ווייל זיי וועלן שוין פאַר דיר טאָן, ריידן און דערליידיקן אַלץ אין וואָס מען נייטיקט זיך. דער עיקר — זיי לאָזן נישט גיין אין אַ האָטעל. נאָך זייענדיק אין פּאַריז, האָבן מיר באַקומען טעלעפאָנען און בריוו פון די גאָלדמאַנס, אַז זיי ווילן אונדז האָבן ביי זיך אין דער היים.

פאַר די 4 טעג זיין אין קאָפּענהאַגען, האָבן רבקהלע און איך נישט אויפגעהערט באַוווּנדערן די האַרציקע אַסתּר און גוטמוטיקן אַדאַם, וואָס איז געווען אַ טרייער מורה־דרך אין דער דאָזיקער רייִנער און שיינער שטאָט, וווּ ר'האָט געוויזן אַ סך אינטערעסאַנטע ערטער, אַריינגערעכנט די באַרימטע טיוואָלי און אַפילו אָרגאַניזירט פאַר אונדז, מיט דער שיף, אַ באַזוך אין דער שוועדישער שטאָט מאַלמע.

נאָך מיין רעפעראַט אין פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן וועגן דער אינערלעכער און אויסערלעכער לאַגע אין ישראל, האָט דער פאָרזיצער יונה פיינזילבער געמאָלדן, אַז ס'וועט פאָרקומען אַ צוזאַמענטרעף, מיט מיין אָנטייל, פון יידן אָפּשטאַמיקע פון לובלין און אומגעגנט. ביים טיש האָבן זיך אויסגעזעצט: אסתּר און אַדאַם גאָלדמאַן, מענדל ווייסמאַן (זון פון משה ווייסמאַן ז"ל, ספּעציעל געקומען פון אהרוס, 5 שעה רייזע מיטן באַן אין דער הויפּטשטאָט), משה האָספּיטאַלניק (קאָזלאָוו), יונה פיינזילבער — פון לובלין, ריינמאַן פון כעלם, קופּערמאַן פון פּוכאַטשאָוו און הערשמאַן פון בילגאָריי.

איך האָב די יידן אינפאָרמירט וועגן דער טעטיקייט פון דער ישראלדיקער לאַנדסמאַנשאַפט און אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז צו דער מאָפּע פון אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט, וועט צוקומען נאָך אַ פּונקט — דענעמאַרק.

אַ פּאָר ווערטער וועגן אונדזער בן־עיר יונה פיינזילבער: שוין 11 יאָר וווינט ער מיט זיין פרוי אין קאָפּענהאַגען. ער איז לעצטנס אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון פאַרבאַנד פון יידן אין פּוילן אין דענעמאַרק, אַלס ראַטמאַן אין דער יידישער קהילה אין קאָפּענהאַגן, פירט אָן מיטן קאָמיטעט פון „פריינד פון יידישן וואָרט", וועלכן ס'האָט געהאָלפן גרינדן אַדאַם גאָלדמאַן. פיינזילבער איז דער ריכטיקער שליח ציבור פון די פּוילישע יידן דאָרט, ער זאָרגט פאַר זייערע טאָג־טעגלעכע באַדערפענישן און איז אַריינגעטאָן אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט לטובת הכלל און הפּרט.

## אין שטאָקהאָלם

ביי מיר האָבן זיך געפונען אַדרעסן פון עטלעכע לובלינער פאַמיליעס וואָס וווינען אין דער הויפּטשטאָט פון שוועדן, דעריבער האָב איך נאָך זייענדיק אין פראַנקרייך און אין בעלגיע געבעטן ביי נאַטעק אַקערמאַן, ער זאָל דאָרט אָרגאַניזירן, אויב ס'איז מעגלעך, אַ צוזאַמענטרעף מיט די לאַנדסלייט. נאָר אויסער מיט נאַטעקן, זיין פרוי און שוואָגער זאָרקראָט — איז נישט אויסגעקומען צו זען זיך מיט: חיים אָרסקי (אָרענשטיין), צבי מאַלינאָווסקי (מאַנדעלטראַוב), פּאָלע קוואַשניאַק (זילבערשטיין), שאַפּראַן אאַנ"ד. דאַקעגן איז פאַר אונדז געווען אַן אַנגענעמע איבעראַשונג, אַז די פרוי פונעם פאָרזיצער פון פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין שוועדן, דער לאָדזשער ייד יעקב גאָלדשטיין, שטאַמט פון לובלין. איר פאַמיליע־נאָמען: שאַפּיראָ, געוווינט פאַר דער מלחמה אויף קרוטקאַ־גאַס. אין יאָר 1932, נאָך דער מאַטורע, האָט זי פאַרלאָזט לובלין.

איידער מיר זענען מיט אַ סך וואַרעמקייט און פריינדשאַפט אויפגענומען געוואָרן אין דער מיט געשמאַק איינגעאָרדנטער היים פון די אַקערמאַנס, האָבן מיר גענאָסן פון אַן אינטערעסאַנטן באַזוך אין שטאָט. נאַטעק איז אַ גוטער וועגווייזער און באַגלייטער. גלייכצייטיק האָבן מיר געהערט אַ טראַגיש־רירנדיקע דערציילונג פון עקזאָדוס פּוילן נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, וואָס זיינע קרבנות זענען אויך געווען אַן אָנגעזעענע צאָל לובלינער יידן, לאַנגיאָריקע, פאַרדינסטפולע קאָמוניסטן, ווער מען דער ברוטאַלער, אומדאַנקבאַרער און אַנטיסעמיטישער רעזשים האָט געוויזן דעם וועג, אויס בלויז פאַרדאַכט אַז די דאָזיקע יידן זענען סאָלידאַריש מיט זייער פאָלק און מיט דער יידישער מדינה.

## אין געטעבאָרג

נישטאָ קיין פאַסיקסטער פינאַל צו מיין דערציילונג וועגן לובלינער הכנסת־אורחים אין אייראָפּע, ווי דער 3־טאָגיקער באַזוך אין דער צווייט גרעסטער שטאָט אין שוועדן, געטעבאָרג, ווי די געסט פון רוזשקע (פון דער היים פישמאַן) און יצחק שניידמאַן. זיי ביידע איז ממש „געגאַנגען אין לעבן" מיר זאָלן זיין זייערע געסט און זיך פילן ווי ביי זיך אין דער היים — און אַזוי איז טאַקע געווען! אַ דאַנק יצחקן האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט צו באַוווּנדערן פיל אינטערעסאַנטע ערטער. ער איז אויך געווען דער פאָרזיצער (און אָרגאַניזאַטאָר) פון מיין רעפעראַט אין זאַל פון דער אָרטיקער קהילה און סינאַגאָגע („מאָזאַיסקאָ"). דערנאָך האָבן מיר זיך אויך געטראָפן מיטן לובלינער פאָרפאָלק נח קאַמיען און זיין פרוי. און אויב עס זיצן ביי איין טיש דריי לובלינער משפּחות, איז דאָ פון וואָס (און פון וועמען) צו ריידן. ס'איז נישט לאַנגווייליק...

פון יצחק שניידמאַן, וואָס איז ביז יוני 1967 געווען דער פאָרזיצער פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד אין לובלין און געפירט דאָרט אַן אינטענסיווע טעטיקייט, האָב איך זיך דערוווּסט נאָך אינטערעסאַנטע פּרטים פון אויפשטעלן אויפן טאָרג־פּלאַץ הינטערן מאַגיסטראַט דעם דענקמאָל לזכר די קדושים פון לובלין, דעם 9טן נאָוועמבער 1963. ס'איז געווען די איניציאַטיוו פון פאַרבאַנד, אַז אַן אַנטשפּרעכיקע מצבה זאָל פאַראייביקן די העכער 40 טויזנט קרבנות פון די נאַצישע רציחות. איבער הונדערט באַרימטע אַרכיטעקטן און קינסטלערס האָבן זיך באַטייליקט אין קאָנקורס — און צום פינאַל זענען צוגעלאָזן געוואָרן נאָר פינף. אויף צו באַקומען דעם בראָנז, איז נייטיק געווען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פון די גאָר „הויכע פענצטער" און אויך די פאַרהאַנדלונגען וועגן אָרט, ווו אַוועקשטעלן דעם מאָנומענט, האָט געפאָדערט אַ סך צייט און... נערוון.

איך באַמערק יצחק'ן, אַז דער פאַרבליבענער דאָרט דענקמאָל איז אויך אַ סימבאָל נאָך יענע לעבעדיקע יידן, וואָס האָבן אַזוי שטאַרק זיך געמיט צו לאָזן אַ געדעכעניש נאָך דער יידישער לובלין, אין וועלכער מ'האָט געוווינט אויך נאָך דעם גרויסן חורבן. איצט געפינען זיך די יידן אין ישראל, פראַנקרייך, שוועדן און דענעמאַרק.

יצחק שניידמאַן ווייזט מיר אַן אויסשניט פון דער לובלינער טאָג־צייטונג פון יולי 1967, מיט דער פאָלגנדיקער נאָטיץ:

**„פאַר ציוניסטן איז נישטאָ קיין אָרט אין זבאָוויד"**

פאַרגאַנגענעם פרייטיק איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון פּאַרטיי־עקיפּ פון דער שטאָטישער פאַרוואַלטונג פון פאַרבאַנד פון קעמפערס פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע (זבאָוויד — „זוויאָנזעק באָיאָווניקוו אָ וואָלנאָשטש אי דעמאָקראַציען") און די וועריפיקאַציע־קאָמיסיע, אויף וועלכער ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרפליכטן די שטאָטישע פאַרוואַלטונג פון זבאָוויד און די וועריפיקאַציע־קאָמיסיע אויסצופאָרשן דעם ענין פון דער גרופּע זבאָוויד־מיטגלידער,

וואָס ברענגען צום אויסדרוק זייער אַפירמאַציע פאַר ישראל און פרעדיקן ציוניסטישע אַנשויונגען.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָט די שטאָטישע פאַרוואַלטונג פון זבאָוויד באַשלאָסן צו באַזייטיקן פון אירע רייען: גזשעגאָזש ווייסקאָפּ, מאַרעק קופּערמאַן, אַדאַם דרעווניאַק, משה ווייסבראָט און הענריק דאָרפסמאַן, צוליב זייערע פּראָציוניסטישע סימפּאַטיעס ווי אויך צוליב סיבות, וועלכע באַרעכטיקן נישט זייער אָנגעהעריקייט צום זבאָוויד"...

וועגן באַזייטיקן יצחקן פון דער פּאַרטיי און פון זבאָוויד, האָט ער זיך גאָר דערוווּסט פון דער בי. בי. סי. בעצם, נישט דירעקט פון בריטישן ראַדיאָ, נאָר פון אַ חבר אַ פּאָלאַק, וואָס האָט אים דערציילט, אַז ר'האָט נאָר וואָס געהערט פון לאָנדאָן, אַז „דו, איזאַק, ביסט געוואָרן באַזייטיקט פון דער פּאַרטיי, לויט אַ באַשלוס פון שטאָטישן קאָמיטעט".

*

אויסער די און אַנדערע טרויעריקע דערינערונגען פון אַמאָל, זענען איצט נישטאָ קיין באַזונדערע סיבות צו באַשווערן דאָס לעבן פון אונדזערע לובלינער יידן אין די דערמאָנטע לענדער. זיי זענען איינגעאָרדנט, דאגות פרנסה פאַרנעמען נישט דעם אויבנאָן אין זייערע מחשבות. דערפאַר אָבער טראַכט מען אַ סך און מ'איז באַזאָרגט בנוגע ישראל.

מיינע לובלינער רייזע־איינדרוקן וויל איך פאַרענדיקן מיט אַ קורצער רעזומע: פאַראַן ביי יידן אַ ווערטל, אַז לאָזן זיך אין וועג אַריין מיט אַ ווייב, איז אַ האַלב פאַרגעניגן און דאָפּלטע הוצאות. אָבער באַזוכן פינף אייראָפּעישע לענדער אין פאַרלויף פון אַ חודש — זענען ווערט אַלע הוצאותן. ווער שמועסט נאָך די סאַטיספאַקציע פון אַ דאָפּלטער, אויב נישט צענפאַכיקער הנאה פון זען און פרייען זיך מיט לאַנדסלייט, האַרציקע יידן, וואָס האָבן אונדז אומעטום אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און אויפריכטיקער פריינדשאַפט.

פאַר אַזאַ הכנסת־אורחים קומט זיי אַ האַרציקער יישר כוח און תודה רבה!

---

**ציפורה ריקנטי** — עורכת־דין

**מען: החשמונאים 25, רמת־גן, טל. 719082**

**לכבוד מר דוד שטוקפיש,**
**שד' הצנחנים 14, רמת־גן**

בהמשך לשיחתנו הטלפונית, הריני מוסרת פרטים נוספים בקשר לקרובי המנוחה **טאופיליה רוז'יצקי**:

שמות הוריה של המנוחה היו **גוסטב גליכטר והלנה** מבית **שורצמן**. אינפורמציה זו קבלתי מאחות המנוחה החיה בפולין. מנישואין אלה נולדו 6 בנות. אחות המנוחה, שכאמור נפטרה בישראל, פירטה את שמות הבנות: **דורוטה, טאופיליה, רוז'ה, אסתרה, פאולה ופרנצ'ישקה.**

בזמן המלחמה היו בלובלין ההורים עם האחיות **פרנצ'ישקה, רוז'ה ואסתרה.** לאחר חיסול הגטו של מידן טטרסקי, בו ניספו ההורים, הצליחה **פרנצ'ישקה** להימלט, ואילו שתי אחיותיה **רוז'ה ואסתרה** נכלאו ב„זאמק" בלובלין והועסקו במתפרה שם.

בשנת 1944, W Wielki Piątek הוצאו **אסתרה** ורוז'ה להורג, שכהוצאו השקם בבקר במכונית עם צינור גז רעיל, ואחרי מספר שעות חזר האוטו רק עם הבגדים.

אלו הפרטים הידועים לי. בבקשה ממך לברר האם קיימים יוצאי לובלין שהכירו את המשפחה, ואשר יוכלו להעיד על חיסול האסירים ב„טירה" לובלין באותו תאריך.

הדיון המשפטי בתיק זה אמור להיקבע בהקדם, ולכן ברצוני לבקשך, שבכל מקרה, אפילו לא ימצאו אנשים שהכירו את המשפחה, תואיל להשיב לי בכתב על כך, וזאת על מנת שאוכל להראות לבית המשפט כי פניתי לאירגון על מנת לאתר את הקרובים.

בכבוד רב,
צ. ריקנטי, עו"ד

---

# יובל פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין פאַריז

**שמואל שפּיראָ** / פּאַריז

אין 1979 איז געוואָרן 50 יאָר זייט ס'איז געגרינדעט געוואָרן אין פּאַריז, אין 1929, די אָרגאַניזאַציע פון די לובלינער אָפּשטאַמיקע — היינט אונטערן נאָמען „די פאַראייניקטע קינדער פון לובלין און אומגעגנט".

אייגנטלעך דאַרף מען רעדן וועגן די לובלינער אין פראַנקרייך אין פאָרם פון אָרגאַניזאַציע נאָך פון מיט איבער 70 יאָר צוריק, ווייל די עמיגראַציע פון לובלינער קיין פראַנקרייך דאַטירט זיך פאַר דעם ערשטן וועלט־קריג. אין די יאָרן 1906—1908 האָט זיך אָנגעהויבן אַ צופלוס פון לובלינער קיין פראַנקרייך. די רעפּרעסיעס מצד דער צאַרישער מאַכט אויף דער באַפעלקערונג פון רוסלאַנד און פּוילן, און ספּעציעל אויף דער יידישער באַפעלקערונג נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905, האָט געצוווּנגען פרייהייט־זוכנדיקע מענטשן צו אַנטלויפן פון צאַרישן רעזשים. צווישן זיי זענען אויך געווען לובלינער יידן. שוין דעמאָלט זענען געווען פּרוּוון פון שאַפן אַן אָרגאַניזאַציע ביי די לובלינער אין פּאַריז.

לויט ווי עס גיט איבער דער פאַרשטאָרבענער היסטאָריקער יוסף מילנער ז"ל האָט אין 18־טן יאָרהונדערט געלעבט אין פּאַריז אַ ייד מיטן נאָמען זאַלקינד הורוויץ, געבוירן אין לובלין אין 1740. מען האָט אים טאַקע גערופן „לע זשוויף דע לובלין". און אַזוי איז ער מיט דעם נאָמען פאַרבליבן אין דער ליטעראַטור. ער איז געווען אַ גרויסער און טיפער דענקער. ער האָט אָנגעשריבן אין פראַנצויזיש „די אַפּאָלאָגיע פון יידן", פאַר וועלכן ער האָט באַקומען דעם ערשטן פּרייז (אַ מין גאָנקור־פּרייז) פון דער „קעניגלעכער געזעלשאַפט פאַר וויסנשאַפט און קונסט", אין מעץ.

מיט הונדערט יאָר שפּעטער געפינען מיר אַ צווייטן געלערנטן לובלינער ייד אין פּאַריז, עמיל מייערסאָן, געבוירן אין לובלין אין 1859, וועלכער האָט געשמט אַלס באַקאַנטער פראַנצויזישער פילאָזאָף אין דער ערשטער העלפט פון 20־סטן יאָרהונדערט. ווער פון די לובלינער האָט נישט געהערט, אָדער אפשר גאָר פערזענלעך געקענט זיין שוועסטער אין לובלין, דאָקטאָר אָרנשטיינס פרוי, די באַקאַנטע דיכטערין אין פּויליש?

היינט, ווען מיר פייערן 50 יאָר טעטיקייט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט־משפּחהשאַפט, דאַרף מען געדענקען, אַז אין דעם זעלבן האַלבן יאָרהונדערט האָט דאָס יידישע פאָלק פאַרצייכנט יאָרן מיט גע־

וואַלדיקע געשעענישן און גהינום־ליידן: 1) אומקום פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, פון די מזרח־אייראָפעישע יידישע ישובים און חורבן פון יידישן לובלין; 2) די אַנטשטייונג פון מדינת ישראל, די פאַרווירקלעכונג פונעם אומאויפהערלעכן טרוים פון הונדערטער דורות.

פאַרשידענע עטאַפּן במשך פון די 50 יאָר האָט דורכגעמאַכט די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט. פון אַ צונויפטרעף פון אַ קליינער גרופע לאַנדסלייט מיט די פריינד גאָלדבוים און זאַנדמאַן, וועלכע געפינען זיך היינט מיט אונדז און האָבן געלייגט דעם גרונטשטיין פון דער געזעלשאַפט, ביז דער שאַפונג פון אַ פּאַטראָנאַט וואָס האָט געטראָגן הילף זייערע ברידער, וואָס זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין תפיסה, קעמפנדיק פאַר יושר און גלייכהייט, און די אַנדערע לובלינער פרייהייט־קעמפער אויף די שפּאַנישע שלאַכטפעלדער, — ביז היינט, וואָס נעמט אַרום כמעט אַלע לובלינער אין פראַנקרייך און וואָס טיילט זיך אויס און שיינט אַרויס מיט איר אַקטיוויטעט צווישן אַלע לאַנדסמאַנשאַפטן אין פּאַריז.

די טעטיקייט פון אונדזער געזעלשאַפט טיילט זיך אין צוויי פּעריאָדן: דער פאַרמלחמהדיקער און נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין אָנהייב זענען די אויפגאַבן געווען באַגרענעצט בלויז צו מאָראַלישער און סאָציאַלער הילף. דער אימיגראַנט, וועלכער איז אַריינגעפאַלן אין דעם קאָכיקן פּאַריז, האָט זיך געפילט אינגאַנצן אַ פרעמדער וואָס שייך שפּראַך, געאָגראַפיע, שטייגער־לעבן און אַנדערשקייט פון די אַרבעט־מעטאָדן, האָט אים די לאַנדסמאַנשאַפט פאַרלייכטערט דאָס איבערפלאַנצן זיך אויף דעם נייעם באָדן. דאָ, אין דער סאָסיעטע, איז ער אויפגענומען געוואָרן מיט אַ וואַרעם וואָרט און געהעריקער עצה. די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע וואָס האָט דאַן געהערשט אין פּוילן אין אַלגעמיין, און ספּעציעל די אַנטיסעמיטישע העצע וואָס איז געפירט געוואָרן מצד פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, מיט דער הסכמה פון די פירנדיקע רעגירונגס־קרייזן, האָט שווער געטראָפן די יידישע באַפעלקערונג. די יידן אין פּוילן זענען געווען געצוווּנגען צו זוכן נייע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין אַנדערע לענדער. אין רעזולטאַט פון דעם גרויסן צושטראָם פון יידישע אימיגראַנטן קיין פראַנקרייך, האָט זיך געמערט די צאָל לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן באַשטימט פאַר זייער טעטיקייט־געביט: דערטיילן ערשטע, עלעמענטאַרע מעדיצינישע הילף פאַר די מיטגלידער און לאַנדסלייט; אין אומגליק־פאַלן זיך פאַרנעמען מיט ברענגען אים צו קבורה, אין ספּעציעלע קאָלעקטיווע קברים. (די דאָזיקע אויפגאַבע ווערט אויפגעהאַלטן ביז היינטיקן טאָג).

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט איבערגעריסן אונדזער טעטיקייט אויף גאַנצע פינף יאָר. אַ טייל פון אונדזערע לאַנדסלייט האָבן געקעמפט אין דער פראַנצויזישער אַרמיי, אַנדערע — אין דער רעזיסטאַנץ־באַוועגונג און אַ גאָר גרויסער טייל איז געוואָרן דעפּאָרטירט און אומגעקומען, צוזאַמען מיט די זעקס מיליאָן יידן.

באַלד נאָך דער באַפרייונג, אין יאָר 1945, האָבן אונדזערע אַלטע לובלינער עסקנים, גאָלדבוים און זאַנדמאַן, צוזאַמען מיט די פאַרשטאָרבענע חיים דאַווידזאָן, משה קאָפּ, און דער עיקר, מיט אונדזער אַלעמענס באַליבטן סעקרעטאַר, דער האַרציקער לייבעלע עדעלשטיין ז״ל, פאַרקאַטשערט די אַרבל און גענומען אויפלעבן די לובלינער געזעלשאַפט.

אַ נייע כוואַליע אימיגראַנטן, אָפּגעראַטעוועטע פון נאַצי־גהינום, האָט פאַרפלייצט פּאַריז, צווישן זיי פיל לובלינער, קראַנקע, צעבראָכענע און איבערגעשראָקענע פון די שווערע איבערלעבונגען. אָט פאַר די לאַנדסלייט האָט אונדזער געזעלשאַפט געהאָלפן שאַפן די פעלנדיקע משפחה־סביבה, זיי אַריינברענגען אַ געפיל פון זיכערקייט, ערטיילט די ערשטע מאַטעריעלע הילף, און דער עיקר — אַרויסגעוויזן חברישע באַציונג. קומענדיק אַ ביסל צו זיך און דערוויסנדיק זיך פון דעם שרעקלעכן חורבן, האָבן מיר, די לעבנגעבליבענע, זיך געשטעלט פאַר די ערשטע אויפגאַבע צו שטעלן אַ ווירדיקע מצבה דעם פאַרשניטענעם יידישן ישוב פון אונדזער היים־שטאָט לובלין.

נאָך פיר יאָר אַרבעט, איז „דאָס בוך פון לובלין״ דערשינען אין יאָר 1952. און מיט צוויי יאָר שפּעטער אין ישראל — אין דער העברעישער שפּראַך. מיר האָבן אויך אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט אויפן בית־עולם פון באַניע לזכר די אומגעקומענע און דערשאָסענע לובלינער אין פּוילן און אין פראַנקרייך. יעדעס יאָר צו דער יאָרצייט פון דעם אומגעבראַכטן 700־יאָריקן יידישן ישוב אין לובלין, אָרדענען מיר איין יזכור־אָוונטן, אויף וועלכע מיר באַמיען זיך אַרויסצוברענגען די רייכע, פיל־דורותדיקע געשיכטע פון יידישן לובלין און מאָנען ביי די לעבנגעבליבענע צוזאַמען שפּינען דעם פאָדעם פון דעם וואָס איז בירושה איבערגעגעבן געוואָרן פון אונדזערע עלטערן.

מיטן אָרגאַניזירן צאָלרייכע און אינהאַלטפולע קולטור־אונטערנעמונגען, באַקענען מיר אונדזערע לאַנדסלייט מיט יידישע שרייבער און זייערע ווערק. מיר אָרדענען איין אָוונטן צו אַלע יידישע יום־טובים. צייכענען אָפּ די יאָרצייטן פון די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור. מיר נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די אימפּרעזעס לכבוד הייינטצייטיקע יידישע שרייבער און קינסטלער און העלפן אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן זייערע ווערק. מיר האָבן פּאַראייביקט דעם אָנדענק פון אונדזער בת־עיר, די שרייבערין אַננאַ לאַנגפוס, דורך לאָזן איבערזעצן פון פראַנצויזיש אויף יידיש איר בוך „זאַלץ און שוועבל״. מיר האָבן געהאָלפן דערשיינען און פאַרשפּרייטן די איינדרוקספולע פּאָעמע פון משה שולשטיין „ביים פנקס פון לובלין״, אָנגע־


teatrnn.pl

שריבן מיט 15 יאָר צוריק, ספּעציעל צום 35־יאָריקן יובל פון אונדזער געזעלשאַפט.

זינט דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל, האָבן מיר צוגעטראָגן אונדזער חלק צו פאַרשטאַרקן די פּעדים וואָס בינדן דאָס וועלט־יידנטום מיט זייער אויפגעריכט לאַנד. די פליכטן פון דעם ייד אין דער וועלט אָנצוהאַלטן סאָלידאַריטעט מיט דער יידישער מדינה און זאָרגן פאַר איר קיום און אַנטוויקלונג, זענען אויך די פליכטן און זאָרגן פון די לובלינער אין פּאַריז. מיט גרויס איבערגעגעבנקייט באַטייליקן מיר זיך אין אַלע אַקציעס פאַר ישראל, ווי למשל, פאַראייניקטער אַפּעל, באָנדס, פלאַנצן ביימער. מיר זענען אויך געווען פון די ערשטע פון דער „פאָלקס־אַקציע", וועלכע איז אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסן אָרגאַניזם פון סאָלידאַריטעט מיט מדינת ישראל.

נאָר פונקט ווי אין דער אַלגעמיינער און אין דער יידישער געזעלשאַפט, האָט זיך אויך ביי אונדז געפונען אַ קליינע גרופּע, וועלכע האָט נישט אַרויסגעוויזן פאַרשטענדניש פאַר די נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס פון יידישן פאָלק. זיי האָבן זיך געלאָזט באַהערשן פון די קאָמוניסטישע און לינקיסטישע גרופּן און אָנגענומען אַ פיינטלעכע שטעלונג צום רענעסאַנס פון יידישן פאָלק און אַזוי אַרום זיך געשטעלט מחוץ למחנה. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר. ערשט די זעקס־טאָגיקע מלחמה האָט זיי אויסגעניכטערט.

מיר האָבן אויך שטענדיק אויסגעפירט די פאַרשידענע אויפגאַבן וואָס געהערן צום טאָג־טעגלעכן לעבן פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס איז אין אַ געוויסער מאָס משפּחהדיק. מיר האָבן זיך באַטייליקט אין אַלע שמחות פון אונדזערע לאַנדסלייט און אויך זיי נישט פאַרלאָזט אין מאָמענטן פון טרויער.

אוממעגלעך אין אַ קורצן מאמר אויסצורעכענען די פולע טעטיקייט פון 50 יאָר עקזיסטענץ, אָבער די טיילווייזע אַקטיוויטעטן וואָס מיר האָבן דאָ דערמאָנט, זענען אַ גענוגנדיקער באַווייז, אַז מיר האָבן בשלימות געטאָן אַן אַרבעט לטובת דעם יידישן ישוב אין פּאַריז און לטובת מדינת ישראל. דערפאַר טאַקע איז די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אויסגעוואַקסן צו אַ קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַקטאָר אין פּאַריזער יידישן ישוב.

(איבערגעדרוקט, מיט אייניקע קירצונגען, פון דער ספּעציעלער אויסגאַבע „50 יאָר לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין פּאַריז" און פון דער פּאַריזער יידישער טאָג־צייטונג „אונדזער וואָרט" — מאַי 1980).

## צום לובלינער יום־טוב אין פּאַריז

לובלינער יידן אין דער וועלט און אין ישראל האָבן האַרציק באַגריסט זייערע לאַנדסלייט אין פראַנקרייך צום פייערן דעם ים־טוב פון 50 יאָר עקזיסטענץ פון „די פאַראייניקטע קינדער פון לובלין".

מיר ברענגען ווייטער די באַגריסונג פון ישראל און די נעמען פון אונדזערע אָרגאַניזאַציעס און יחידים אין די תפוצות, דערשינען אין דער ספּעציעלער אויסגאַבע „50 יאָר לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין פּאַריז".

טייערע שוועסטער און ברידער!

צו אייער־אונדזער יום־טוב לכבוד 50 יאָר לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין פראַנקרייך, באַגריסן מיר פון גאַנצן האַרצן די פאַראייניקטע קינדער פון לובלין, וואָס האָבן אין דעם אָפּגעלאָפּענעם האַלבן יאָרהונדערט פאַרשריבן אַ הערלעך בלאַט לובלינער געשיכטע אויף עמיגראַציע — אויפן געביט פון פאַראייביקונג, קעגנזייטיקער הילף, געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, ווי אויך סאָלידאַריטעט און שטיצע פאַר מדינת ישראל. לובלינער יידן אין דער יידישער מדינה האָבן תמיד באַוווּנדערט אייער אַקטיוויטעט, אחריות און איבערגעגעבנקייט לטובת די לאַנדסלייט און פאַרן געדענקען אונדזער פאַרטיליקטע קהילה, וועלכע איר האָט מיט קנאַפּע 30 יאָר צוריק פאַראייביקט אינעם ספר־מאָנומענט **„דאָס בוך פון לובלין"**.

פאַר אַ סך לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס אין די תפוצות, אַריינגערעכנט אויך די אין ישראל, זייט איר אַ לעבעדיקער ביישפּיל פון קאָנסטרוקטיווע אויפטוען און דערגרייכונגען, און גאַנץ באַזונדער — בנוגע דער צוזאַמענאַרבעט מיטן אירגון יוצאי לובלין בישראל.

נעמט צו אונדזערע אויפריכטיקע ברכות פאַר די איבערגעגעבענע טוערס פון דער סאָסיעטע און פאַר אַלע מיטגלידער: אַ סך געזונט, אריכת ימים און ווייטערדיקע, פּרוכטבאַרע אַרבעט לטובת די יידן פון לובלין וואָס וווינען אין פראַנקרייך און דערביי אויך נישט לאָזן אין פאַרגעסנקייט אונדזערע קדושים, די קרבנות פון די היטלעריסטישע רציחות.

שפּאַנט ווייטער מיט דערפאָלג אויף דעם אָנגעצייכנטן וועג פון אהבת ישראל — אין נאַציאָנאַלן, ווי אין מלוכהשן זין.

פאַרן קאָמיטעט פון אירגון יוצאי לובלין בישראל:

לאה קורים — ערן־פאָרזיצערין
דוד שטאָקפיש — פאָרזיצער
מתתיהו האָרן — סעקרעטאַר
טעאָדאָר־הערצל קאַנטאָר — קאַסירער

ת"א, אַפּריל 1980.

אויסער דעם זענען אין דער דערמאָנטער אויסגאַבע פאַרעפנטלעכט געוואָרן די ווייטערדיקע באַגריסונגען: ביוראָ פון פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן, פּאַריז; פעדעראַציע פון די יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך (אונטערגעשריבן: ד. עפּרויקין און מ. לערמאַן); די לובלינער אין בראַזיל (לאָזער גאָלדבוים); כעלעמער לאַנדסמאַנשאַפט אין פּאַריז; לובלינער אין לאָס־אַנזשעלעס (ישראל אייזענבערג); ריאָ־דע־זשאַנעיראָ (סימאָן זיידענווערג); די פּולאַווער געזעלשאַפט (א. שיידענפיש, שמואל ווייסבראָט); פון לאַנס (לייבל מאַנדעלבוים); לאַנדסמאַנשאַפט פון לובלינער און אומגעגנט אין טאָראָנטאָ (מאיר פרידמאַן, יוסף צוקערפיין, חנה בראָם, משה וואַקסבוים, משה אַלספּעקטאָר, סעסיל פּעפּערמאַן. די טאָראָנטער האָבן אויך בייגעטראָגן 50 דאָלאַר פאַר דער אויסגאַבע); לובלינער לאַנדסלייט־פאַריין אין בוענאָס־איירעס (דניאל קלאַוויר, קאָפּל מיזעריצקי); לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין מאָנטרעאַל (סעם ברייטער); געזעלשאַפט קראַשניק אין פּאַריז; אַנעט און מישעל לאָטערשטיין; פאָלקס־אַקציע אין פראַנקרייך.

# לובלינער אויפטועןאין פּאַריז / משה זאַלצמאַן




אַ טייל פון פּרעזידיום. פון לינקס : גיטעלע עדעלשטיין־שילדקרויט, פּאַרזיצערין פון דער פייערונג ; זשאַרזש גורפינקעל באַגריסט אין נאָמען פון די קראַשניקער ; סימאָן זיידענווערג, זשאַק גאָלדבוים, דוד שטאָקפיש. אויפן וואַנט הענגט דאָס בילד פון אלתר זאַבערמאַן ז״ל.

## אימפּאָזאַנטער יום־טוב ביי די לובלינער אין פּאַריז לכבוד דעם 50־יאָריקן יובל פון זייער געזעלשאַפט

דער גרויסער זאַל איז געווען אויסגעפולט איבער די ברעגן. עס ווערט פאַרשפּרייט דער יובל־העפט געווידמעט די דאַטע, די געדעקטע ווייסע טישן מיט פרוכטן־געטראַנקען און היימישע געבעקסן זענען זאָרגעוודיק צוגעגרייט געוואָרן פון די פרויען־אַקטיוויסטקעס און פון דער אונטערנעמונגס־קאָמיסיע : משה׳לע ראָזענבלום און דינה׳לע ראָטשטיין. די סצענע איז דעקאָרירט מיט אַ באַגריסונגס־פּלאַקאַט לכבוד דעם יום־טוב.

אין פּרעזידיום : די צוויי וועטעראַנען־גרינדערס פון דער געזעלשאַפט : זשאַק גאָלדבוים און זאַלצמאַן, פאַרשטייער פון די צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס און שכנישע לאַנדסמאַנשאַפטן, אַ פאַרשטייער פון דער צייטונג „אונזער וואָרט״ און דער פּאָעט משה שולשטיין די געסט פון ישראל — דער פאָרזיצער פון אירגון יוצאי לובלין, דער שרייבער און זשורנאַליסט דוד שטאָקפיש מיט זיין פרוי רבקהלע.

די וויצע־פּאָרזיצערין פון דער געזעלשאַפט, גיטעלע עדעלשטיין, עפנט מיט פרייד און וואַרעמקייט. זי באַגריסט דעם עולם און די געסט וואָס זענען געקומען באַשיינען דעם יום־טוב אָבער גאָר באַזונדערס — די געסט פון ישראל. מיט פיעטעט און כבוד דערמאָנט זי די וואָס זענען אַוועק אין דער אייביקייט און שטרייכט אונטער די צוויי אַרכיטעקטן פון פאַראייניקן די צוויי לובלינער געזעלשאַפטן, וואָס האָבן, ליידער, נישט דערלעבט צו זען די פרוכטן פון דער פאראייניקונג : שרה׳לע גאָלדאדלער און אַלטער זאָבערמאַן. מיט אַ מינוט שטילשווייגן באַערט מען זייער אָנדענק.

דערנאָך לייענט זי איבער אַ באַגריסונג פון מאיר שילדקרויט און פון דער באַליבטער סעקרעטאַרין טעשקע פאַרשטעטער־קאָרמאַן, וואָס האָט אַזוי אומדערמידלעך צוגעגרייט די פייערלעכע אונטערנעמונג און איז, ליידער, קראַנק געוואָרן.

אין נאָמען פון פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן, באַגריסט דער גענעראַל־ סעקרעטאַר פר׳ קאַראָל.

פריינד אייזנבערג באַגריסט אין נאָמען פון דער פעדעראַציע פון די יידישע געזעלשאַפטן און אין נאמען פון קאָמיטעט פאַר יידיש, ווו די לובלינער געזעלשאַפט אַרבעט מיט פערמאַנענט און אירע פאָרשטייער פאַרנעמען וויכטיקע אָנפירנדיקע פּאָזיציעס אין די צענטראַלע קערפּערשאַפטן.

איזאַק אָפּאַטאָווסקי באַגריסט אין נאָמען פון דער פאָלקס־אַקציע ביים פאַראייניקטן אַפּעל, וואָס פירט אָן מיט די זאַמלונגען פאַר הילף פאַר ישראל און פאַר די סאָציאַלע באַדערפענישן פון ישוב.

עס באַגריסן די פאָרשטייער פון די לאַנדסמאַנשאַפטן : כעלעם — שפּייזמאַן, פּילעוו — וויסבראָד און קראַשניק — זשאָרזש גאַרפינקעל. אַלע שטרייכן אונטער די אויסווירקונגראָל וואָס די לובלינער קהילה האָט געהאַט אין דער אַלטער היים און דאָס שטענדיק נאָכפאָלגן די טעטיקייט פון דער לובלינער געזעלשאַפט אין פּאַריז.

דער דיכטער משה שולשטיין לייענט אַ באַגריסונג. דאָס זעלבע איז מיטן אויספירלעכן באַריכט פון פּאָרזיצער שמואל שאַפּירא וועגן דער 50־יעריקער טעטיקייט. מיט אַ סך הייטערקייט און באַגייסטערונג איז אויפגענומען געוואָרן די באַגריסונג פון גאַסט פון ישראל, פּאָרזיצער פון אירגון יוצאי לובלין, דוד שטאָקפיש, וואָס האָט מיט 25 יאָר צוריק געהאַט דעם כבוד, צוזאַמען מיט נ. בלומענטאַל זיין איינגעלאַדן קיין פּאַריז צום סיום־הספר פון גרויסן מאָנומענטאַל־ווערק, דאָס „בוך פון לובלין״. דער רעדנער דערציילט, אַז די לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל געפינט זיך אין אַ כסדרדיקן פאַרמעסט מיט דער פּאַריזער לאַנדסמאַנשאַפט. „מיר האָבן אַרויסגעגעבן אַזאַ מאָנאָגראַפיע אויף עברית. אין משך פון דער 50־יעריקער טעטיקייט, האָט איר פאַרשריבן אַ הערלעך בלאַט לובלינער געשיכטע אויף דער אימיגראַציע און דינט פאַר אַביישפּיל פאַר אַלע לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן אויף דער וועלט. אייער קאָנסטרוקטיווע טעטיקייט רעגט אָן אַפילו די לובלינער אין ישראל. זאָל דער בשותפותדיקער פאַרמעסט זיין געבענטשט, די צוזאַמענאַרבעט מיטן אירגון גיט פרוכטן אַ דאַנק וועלכן עס דערשיינט רעגולער דער יערלעכער ביולעטין דער „קול לובלין״ וואָס פאַראייניקט און גיט אַן אָפּשפּיגלונג פון די לובלינער געזעלשאַפטן אויף דער וועלט, דער עיקר אין מדינת ישראל, וואָס איז דער לעגיטימער יורש און אָרט וואָס שפּינט דעם גאָלדענעם פאָדעם פון דער רומפולער קהילה לובלין״.

אין אַרטיסטישן טייל איז אַרויסגעטרעטן די ישראל־זינגערין חנה בוסק.

מיטן געזאַנג פון דער „התקוה״, איז פאַרענדיקט געוואָרן דער איינדרוקספולער יום־טובדיקער נאָכמיטאָג.

---

## 37־טע יאָרצייט נאָך די דערמאָרדעטע יידן פון לובלין און פון דער אומגעגנט

צאָלרייך זענען די לובלינער יידן אין פּאַריז געקומען צו דער הזכרה אָפּצוצייכענען די טרויעריקע דאַטע פון דער 37־טער יאָרצייט פון דעם אומקום און פאַרפייניקן דורך אַלע בעסטיאַלישע מיטלען די 46 טויזנט לובלינער יידן און די יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך.

נאָכן אָנצינדן די זעקס סימבאָלישע ליכט, האָט דער חזן בערלינסקי געמאַכט אַן אל מלא רחמים און צוזאַמען מיטן חזן האָט דער גאַנצער עולם געזאָגט קדיש.

גיטעלע עדעלשטיין, אין איר רירנדן אַריינפיר־וואָרט צו דער עפענונג פו דער אַזכרה, דערמאָנט דעם גלאָררייכן עבר פון אונדזער געבוירן־ און היים־שטאָט.

גיטעלע דערמאָנט מיט פיעטעט די בויער פון דער פאַריזער לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס זענען אַוועק אין דער אייביקייט : לייבעלע עדעלשטיין, אלתר זאָבערמאַן, און שרה׳לע גאָלדאַדלער. די געוועזענע ווידערשטענדלערין און דעפּאָרטירטע טעשקע קאָרמאַן, וואָס האָט דעם קאַשמאַרן, שרעקלעכן פּעריאָד פון אומקום געפילט אויף זיך זעלבסט, האָט אין איר אינהאַלטסרייכער באַלערנדיקער אַרויסטרעטונג דערקלערט : די געשיכטע פון אונדזער פאָלק איז אַ געשיכטע פון פאַרפאָלגונגען ביז פּאָגראָמען, וואָס האָט נישט אויסגעמיטן די שטאָט לובלין. פון אַלע, וואָס האָבן מיט איר רעגירט : דאָס צאַרישע רוסלאַנד, די כמעל־

ניצקי־אינוואַזיע, פּעטליורע, האַלערטשיקעס. די ענדעקעס און די פּילסודסקי־סאַנאַציע אין די יאָרן צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

37 יאָר זענען אַדורך פון יענעם שרעקלעכן טאָג, דעם 9־טן נאָוועמבער 1942, ווען די עס־עס מערדער האָבן אַרויסגעפירט די לעצטע פאַרבליבענע פאַרפייניקטע, אויסגעמאַטערטע יידן פון געטאָ מיידאַן־טאַטאַרסקי אין דעם שווידערלעכן טויט־לאַגער מיידאַנעק, וואָס האָט זיך געפונען סך־הכל 2 קילאָמעטער פון דער שטאָט.

געטריי דעם אָנדענק פון אונדזערע טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער און ברידער, דאַרפן מיר באַשיצן און שטאַרקן מדינת ישראל, דער גרעסטער צענטער פון די שארית הפליטה, דער לעגיטימער גייסטיקער יורש פון די זעקס מיליאָן אויסגעמאָרדעטע יידן.

מיטן געזאַנג פון פּאַרטיזאַנער־ליד, געזונגען צוזאַמען מיטן חזן בערלינסקי, איז דער איינדרוקספולער יזכור־אָוונט געשלאָסן געוואָרן.

---

# די גרינדונג פון דער לאַנדסמאַנשאַפט אין בוענאָס־איירעס מיט 53 יאָר צוריק

## משה מאַנדלאַייל

נאָך עטלעכע צוזאַמענטרעפן פון איינגעזעסענע לובלינער און פון נייע אימיגראַנטן פון לובלין און אומגעגנט, האָט מען גערופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, מיטן ציל צו גרינדן אַ לאַנדסלייט־פאַריין צו העלפן די ניי־געקומענע וואָס שנעלער און לייכטער זיך איינצואָרדענען. דער אויסגעאַרבעטער פּראָגראַם האָט געלויטעט:

1) העלפן די ניי־געקומענע צו באַקומען אַרבעט.

2) העלפן זיי עקאָנאָמיש.

3) פירן אַ קולטור־טעטיקייט, ביבליאָטעק, אָוונט־קורסן אדג״ל.

מ׳האָט אָנגעהויבן זוכן אַ פּאַסיקע געגנט, ס׳זאָל זיין גרינג צוצוקומען אין דער גרויסער בוענאָס־איירעס. אונדז איז געלונגען צו דינגען אַ הויז מיט אַ סך צימערן און דער פאַריין איז געעפנט געוואָרן דעם 9־טן יולי 1927, ווען ס׳איז אויסגעפאַלן דער נאַציאָנאַלער יום־טוב פון אַרגענטינעס זעלבשטענדיקייט.

צוליב דעם אַנטיסעמיטיזם און דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע אין פּוילן, זענען מאַסן עמיגראַנטן געקומען קיין באָענאָס־איירעס. צום באַדויערן, איז אויך אין אַרגענטינע געווען אַ קריזיס, אַרבעטלאָזיקייט און עקספּלאָאַטאַציע פון די „גרינע״ (נייע) אימיגראַנטן. פיל בעסער איז געווען די לאַגע פון די פאַכמענער — שוסטערס, שניידערס, סטאָליערס, בייטלמאַכערס א״א. ערגער איז געווען ביי די פּאַכלאָזע — און פאַר זיי איז דער פאַריין געווען דער אַדרעס צו העלפן באַקומען אַרבעט, געבן אַ גמילת־חסד און אין די אָוונטן זיך טרעפן אין פאַריין, אַראָפּריידן זיך פון הארץ. אין יענער תקופה האָבן אַ סך געוואָלט צוריקפאָרן — אָבער ווו נעמט מען אויף הוצאות? דאַן איז אַנטשטאַנען אַ נייע באַשעפטיקונג: פּעדלעריי. ד. ה. אַרומטראָגן אין די הייזער שטוב־זאַכן אויף אויסצוצאָלן. אויסגעצאָלט האָט אָבער נאָר דער וואָס האָט געוואָלט, ווייל ס׳איז דעמאָלט נישט געווען קיין געזעץ קעגן די וואָס האָבן נישט געוואָלט צאָלן. דאָך האָבן פיל וועלכע האָבן זיך אויסגעטויגט, גוט אַרויפגעאַרבעט, זיי זענען געוואָרן סוחרים און פאַבריקאַנטן. מ׳האָט דערנאָך

---

## פּורים־יום־טוב ביי דער לובלינער משפּחה אין פּאַריז

דער טראַדיציאָנעלער יערלעכער באַנקעט, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען סוף 1979, איז אָפּגערופן געוואָרן צוליבן אַוועקגיין אין דער אייביקייט פון דער פאָרזיצערין פון דער געזעלשאַפט שרה׳לע גאָלדאַדלער ע״ה און דערפאַר איז ער צושטאַנד געקומען לכבוד פּורים.

אמת, די צייט איז נישט געווען צוגעפּאַסט פאַר אַזאַ גרויסער אונטערנעמונג, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ פינאַנסיעלער ריזיקע. אַ טייל פון אונדזערע מיטגלידער זענען נאָך געווען אויף די ווינטער־וואַקאַנסן, אָבער דאָך איז געקומען אַ שיינער עולם, אַוודאי ווייניקער ווי מיר האָבן אויסגערעכנט.

דער פאָרזיצער פון דער אונטערנעמונגס־קאָמיסיע, משה׳לע ראָזענבלום, באַגריסט דעם עולם און שיקט איבער אַ ברכה פון אַ רפואה שלימה די קראַנקע מיטגלידער מאַטיס זשעלאַזע און קאָפּפער. עס ווערט איבערגעלייענט די צוגעשיקטע באַגריסונג פון פאָרזיצער שמואל שאַפּיראָ, וואָס האָט זיך געפונען אין קאַן.

מיט אַ מינוט שטילשווייגן האָט מען באַערט דעם גרויסן העלד פון ישראל, דעם גענעראַל, מיטגרינדער פון דער ישראל־אַרמיי יגאל אלון, ז״ל, וואָס איז פּלוצים און אַזוי יונג אַוועק אין דער אייביקייט.

נאָכן פיינעם מיטאָג־עסן וואָס איז באַגלייט געוואָרן מיטן אַרטיסטישן פּראָגראַם פון יידישע און העברעישע לידער פון דער טאַלאַנטפולער זינגערין נינאַ באַרלי מיט איר אַנסאַמבל, האָט טעשקע קאָרמאַן געהאַלטן אַ קורצן, אינהאַלטסרייכן רעפעראַט וועגן דעם שיינעם פאָלקס־יום־טוב, ווי אַזוי ער איז געפייערט געוואָרן אין דער אַלטער היים, די שלח־מנות ברענגער און די גרויסע פרייד וואָס עס האָבן אַריינגעברענגט אין יעדער שטוב די פאַרשידענע פּורים־שפּילער, וואָס איז געווען די ערשטע טריט פון דער אַנטוויקלונג פון טעאַטער־קונסט ביי יידן. דער יום־טוב האָט אויך אינספּירירט און אַנטוויקלט די סאָלידאַריטעט און בשותּפותדיקן גורל־געפיל.

מיט אַ ווונטש פון שלום פאַר ישראל און מיטן געזאַנג פון דער „התקוה״, איז פאַרענדיקט געוואָרן דער איינדרוקספולער יום־טוב.

---

## אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַראייניקונג פון ביידע לובלינער געזעלשאַפטן

אָנהויבנדיק פון איינאָרדענען בשותּפותדיק דעם יזכור פון דער אומגעקומענער היימשטאָט לובלין, פון די צוויי עקזיסטירנדיקע לאַנדסמאַנשאַפטן מיט ניין יאָר צוריק, האָט זיך די פריינדלעכע צוזאַמענאַרבעט פרוכטבאַר אויסגעברייטערט ביז צו דער ענדגילטיקער פאַראייניקונג, וואָס איז פאָרגעקומען מיט צוויי חדשים צוריק. מיט לויב און אָנערקענונג דאַרף מען דערמאָנען די צוויי אַרכיטעקטן פאַר דער אמת ברידערלעכער צוזאַמענאַרבעט וואָס האָט אונדז געברענגט דעם ענדגילטיקן רעזולטאַט פון פאַראייניקן זיך. ליידער, האָבן זיי ביידע נישט דערלעבט די רעאַליזירונג. זיי זענען פון אונדז אַוועקגעריסן געוואָרן אין דער אייביקייט: שרה׳לע גאָלדאַדלער און אַלתר זאָבערמאַן.

די וואַל־פאַרזאַמלונג פון ביידע געזעלשאַפטן האָט מיט פרייד אויפגענומען דאָס צונויפגיסן זיך אין איין געזעלשאַפט אונטערן נאָמען „פאַראייניקטע קינדער פון לובלין און אומגעגנט״ דער נייער אויסגעווײלטער קאָמיטעט האָט זיך קאָנסטיטואירט: ערן־פאָרזיצער — האַניגבוים און זשאַק גאָלדבוים. אַלס פאָרזיצער: שמואל שאַפּיראָ, וויצע פאָרזיצערין: גיטעלע עדעלשטיין און דאָנערשטיין, סעקרעטאַרן: טעשקע קאָרמאַן און משה זאַלצמאַן; קאַסירער — פּערלמוטער; אונטערנעמונגס־קאָמיסיע: דינה׳לע ראָטשטיין און משה׳לע ראָזנבלום; סאָציאַלע קאָמיסיע: ׳חוהטשע לאָבערבלאַט, הענער געדאַנקען, טאבער און עסטרייך.

זאָלן מיר מיט באַנייטער ענערגיע פאָרזעצן די אַרבעט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט און מיטהעלפן שטאַרקן דעם יידישן ישוב אין פּאַריז.



קאַמיטעט־מיטגלידער און אַקטיוויסטן פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין בוענאָס־איירעס, אין די דרייסיקער יאָרן.

אראָפּגעבראַכט די פאַמיליעס וועלכע מ'האָט געלאָזן אין דער אַלטער היים.

דער פאַריין איז ביסלעכווייז געוואַקסן און דערגרייכט די צאָל פון אַ 400־500 מיטגלידער. מ'האָט געפּראַוועט ייִדישע און אַרגענטינער יום־טובים, חתונה געמאַכט קינדער און דאָס לעבן איז געגאַנגען כשורה — ביז ס'איז געקומען דאָס שוידערלעכסטע אין אונדזער געשיכטע אין יאָר 1939 — ס'איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. די עמיגראַציע האָט זיך פולשטענדיק אָפּגעשטעלט. די היטלער־רוצחים האָבן באַוויזן צו וואָס זיי זענען פעיִק. צו אונדז זענען דערגאַנגען מוראדיקע ידיעות וועגן אומברענג פון אונדזער פאָלק, אָבער העלפן האָבן מיר נישט געקאָנט. אַזוי האָט אָנגעהויבן זיך איינשרומפּן אונדזער פאַריין, ווי אַלע אַנדערע, ביז די אַליִירטע אַרמייען האָבן דערשטיקט די בעסטיע אין זייער אייגענער נאָרע.

אויך אין אַרגענטינע האָבן די נאַציס באַקומען פיל אָנהענגערס, ווייל ס'איז אויסגעבראָכן אַ גרויסער קריזיס מיט אַרבעטלאָזיקייט. און ווער איז דערין שולדיק? פאַרשטענדלעך, אַז ייִדן. דאָך האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן אויך אין יענער צייט (ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט) געמאַכט קאַפּיטאַלן. אַז די גרויסמאַכטן האָבן צווישן זיך געפירט די קאַלטע קריג — טאָ ווער איז ווידער שולדיק? דער ייִד! אַז מ'האָט אין ראַטן־פאַרבאַנד אויסגעמאָרדעט די ייִדישע שרייבערס, פאַרפירט אַ פּראָצעס קעגן די מערדער אין ווייסע כאַלאַטן — האָבן אויך אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפטן זיך גענומען שפּאַלטן, און צווישן זיי — די לובלינער: רעכטס און לינקס. דער גאַסט פון ישראל, עובדיה פעלד, האָט פּרובירט פאַרייניקן די צעשפּאָלטענע לובלינער פאַריינען, אָבער אָן דערפאָלג. מיט יאָרן שפּעטער, ווען די סכנות פאַרן עקזיסטענץ פון מדינת ישראל זענען געוואָרן גרעסער, האָבן מיר גענומען זיך צוזאַמענריידן וועגן ווידער־פאַרייניקן ביידע לאַנדסמאַנשאַפטן. בעת דעם געלונגענעם באַזוך פון פאַרזיצער פון די לובלינער אין ישראל, דוד שטאָקפיש, מיט זיין פרוי רבקהלע, איז די פאַרייניקונג פון ביידע אָרגאַניזאַציעס, געווען אַ געשעענער פאַקט. לײדער, זענען ווייניק לובלינער פאַרבליבן, דער רוב — אַלטע און קראַנקע, אַז עס קומט אָן שווער צוזאַמענשטעלן אַ נייע פאַרוואַלטונג.

וועט איר פרעגן: ווו איז דער המשך? ווייסט איר דאָך אוודאי, אַז דער יונגער דור, נישט נאָר ביי אונדז נאָר אויף דער גאַנצער וועלט, אינטערעסירט זיך נישט מיט די שורשים און מקורות; פון וואַנען שטאַמען די עלטערן, ווו זענען זיי געבוירן און דערצויגן געוואָרן? אָבער מיר, די ווייניק פאַרבליבענע, ווי לאַנג די כוחות וועלן טראָגן, וועלן אויפהאַלטן דעם נאָמען פון אונדזער עיר ואָם בישראל, לובלין. מיר וועלן זיך באַמיען צו העלפן, אַז דער זשורנאַל „קול לובלין" זאָל זיך אַנטוויקלען. אייך, עסקנים, שרייבערס און טוערס זאָלן זיין די הענט געבענטשט. באַמיט זיך, אַז דער וועלט צוזאַמענפאָר פון די לובלינער זאָל פאָרקומען אַלע דריי יאָר, און נישט אַלע פינף יאָר, ווייל מיר עלטערן זיך און טאָרן נישט אָפּלייגן אויף שפּעטער אַזעלכע ענינים. דאָס איז מיין פּערזענלעכער פאָרשלאָג — און האַלעווײַ זאָל ער ווערן רעאַליזירט!

# ביי די לובלינער אין בוענאס־איירעס

## קאָפּל מיזשעריצקי

מיר האָבן באַקומען 20 קאָפּיעס „קול לובלין" נומער 14, וואָס זענען גוט פאַרשפּרייט געוואָרן. ס'איז געלונגען צונויפצוזאַמלען 225 דאָלאַר, וועלכע מיר שיקן אייך איבער. איך האָב איבערגעלייענט דעם זשורנאַל פון אָנהייב ביזן סוף, וואָס איז געווען פאַר מיר, ווי פאַר דעם רוב לובלינער, אַ שטאַרקע איבערלעבונג. גייט ווייטער אָן מיט דער הייליקער אַרבעט, עס קומט אייך דערפאַר אַ יישר כוח.

אויך מיר דאָ, אין דער הויפּטשטאָט פון אַרגענטינע, פּרובירן ווייטער אָנגיין מיט לובלינער אַקטיוויטעטן, פון וועלכע כ'וועל איבערגעבן בקיצור:

### פייערונג פון 32סטן יום העצמאות ביי די לובלינער

שבת דעם 3טן מאַי האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרעסערע צאָל לובלינער פאַמיליעס, אין הויז פון אונדזער קאַסיר ישראל טעמפּלדינער כדי צו פייערן דעם 32טן יום העצמאות. מיט זינגען דעם נאַציאָנאַלן הימן און התקווה ווערט דערעפנט דער אַקט. דער פּרעזידענט דניאל קלאַוויר רעדט וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער מדינה, איר קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ און רופט שטענדיק באַהילפיק זיין מדינת ישראל.

דער סעקרעטאַר קאָפּל מיזשעריצקי פירט אָן מיט דער מסיבה און דער קולטור־עסקן

און פּרעלעגענט יעקב פּאַלאַטיצקי רעדט אויף דער טעמע „32 יאָר מדינת ישראל". דער וויצע פּרעזידענט ה' יעקב גראָדעל באַגריסט דעם עולם און די דעלעגאַציע פון זאַמאָשטשער ל"ל מיט זייער פּרעזידענט און סעקרעטאַר וואָלף קאַרמוס און אברהם טשייט. אין אַרטיסטישן פּראָגראַם האָט שרהלע פּייפּערמאַן געזינגען ישראל־לידער, וואָלף קאַרמוס רעציטירט שטיינבאַרגס משלים, קאָפּל מיזשעריצקי האָט געלייענט דעם פעליעטאָן „אַ וועטשערע מיט אַ צוועק" פון יעקב פּאַלאַטיצקי. ס'האָבן נאָך אָנטייל גענומען עטלעכע זינגער. עס ווערט באַדאַנקט דעם פּאָרפּאָלק סוסאַנאַ און ישראל טעמפּלדינער פאַר דער שיינער אויפנאַמע אין זייער הויז, אַז דער גאַנצער איינקונפט זאָל גיין פאַר דער קאַסע פון פאַריין.

ראַם זענען אויפגעטרעטן די זינגערין רבקה קליניצקי, מיט מוזיק־באַגלייטונג פון קאָמפּאָזיטאָר לעאָן ווײַנער. דער אָוונט איז געוואָרן איינגעאָרדנט פון צענטראַלן קולטור־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן, צוזאַמען מיט דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט.

## גוט פאַרשפּרייט „קול לובלין"

אויף אַ זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג, אונטערן פאָרזיץ פון ה' דניאל קלאַוויר, האָט דער סעקרעטאָר קאָפּל מיזשעריצקי באַריכטעט וועגן דעם פאָרגעקומענעם געזעגענונגס־אָוונט פאַר אונדזער וויצע־פּרעזידענט יעקב גראָדעל און זיין ברודער יואל, צו זייער באַזוך אין מדינת ישראל.

עס זענען אָנגעקומען אַ גרעסערע צאָל עקזעמפּלאַרן פון דער יערלעכער אויסגאַבע „קול לובלין", וואָס זענען פאַרטיילט געוואָרן צווישן דער מיטגלידערשאַפט. עס ווערט אויך געלייענט אַ בריוו פון ארגון יוצאי לובלין אין ישראל, וועגן דער צוזאַמענאַרבעט פון לובלינער אין די תפוצות מיט דער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל.

עס איז באַריכטעט געוואָרן וועגן דעם רעזולטאַט פון דער זאַמלונג פאַר דעם זשורנאַל „לובלינער שטימע", אַרויסגעגעבן פון „ארגון יוצאי לובלין" אין ישראל. עס ווערט אויך באַשטימט צו באַזוכן אָפּשטאַמיקע פון לובלין און אומגעגנט, כדי זיי

(סוף אויף זייט 44)

## אָנדענק־אָוונט פאַר יעקב גלאַטשטיין

אַן אָנדענק־אָוונט געווידמעט דעם שרייבער און דיכטער יעקב גלאַטשטיין, וועלכער איז באַקאַנט מיט זיינע לידער און עסייען, ווי אויך פון זיינע ביכער „פון מיין גאַנצער מי", אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט דער מיטהילף פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, „ווען יאַש איז געפאָרן", אַרויסגעגעבן פון צענטראַלן פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע און „אין תוך גענומען" פון פאַרלאַג „קיום", — איז פאָרגעקומען אין בוענאָס־איירעס, מיטן אָנטייל פון אַ גרויסן עולם.

דער שרייבער פון די שורות האָט אין זיין דערעפענונג־וואָרט גערעדט וועגן יעקב גלאַטשטיין, געבוירן אין לובלין, ווו ער האָט פון זיין פריסטער יוגנט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט. שפּעטער איז ער אָנגעקומען אין די פאַר. שטאַטן, ווו ער האָט זיך אַנטוויקלט און פאַרנומען זיין אָרט אין דער מזרח־וואַנט פון דער יידישער ליטעראַטור. דער שרייבער און לעקטאָר יוסף האָרן האָט רעפערירט וועגן „יעקב גלאַטשטיין — דער דיכטער און וואָרטזאָגער". מיט אַ צוגעפּאַסטן אַרטיסטישן פּראָג־

# די אזכרה אין לאָס־אַנזשעלעס

פאַר די 34 יאָר וואָס איך וווין אין ישראל, האָב איך נישט פאַרפעלט קיין איין אזכרה פאַר די קדושים פון לובלין, צו זי איז פאָרגעקומען אין אַ זאַל, צי אויפן בית־הקברות אין נחלת־יצחק. נאָר אין נאָוועמבער 1979, באַזוכנדיק לאָס־אַנזשעלעס, איז פאַר מיר געווען אַן אַנגענעמע איבערראַשונג צו דערהאַלטן אַן איינלאַדונג אין יידיש און אין ענגליש, צו באַטייליקן זיך אין יערלעכן יזכור־אַקט פון דער אָרטיקער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט.

ווי אַ רעליגיעזער אָדער נאַציאָנאַלער יידישער יום־טוב, וואָס ווערט געפייערט אויף דער גאַנצער וועלט אין דער זעלבער צייט, אַזוי אויך ווערט נאָך דעם גרויסן חורבן, אָפּגעמערקט דער טאָג פון אומקום, די יאָרצייט נאָך די פאַרשניטענע קהילות, די קרבנות פון די דייטשישע רציחות. די דאָזיקע טרויער־ און אָנדענק־דאַטע ווערט אויך זאָרגפעליק אָפּגעהיטן דורך דער לובלינער שארית־הפליטה אין דער צווייט־גרעסטער אַמעריקאַנער שטאָט.

אין אַ שיינער סינאַגאָגע, האָט ישראל אייזענבערג געעפנט די אזכרה און זיך אַנטשולדיקט פאַרן עולם, וואָס דער חזן און דער גאַסט־רעדנער, אַן אַדוואָקאַט, זענען נישט געקומען, וואָס האָט אָבער נישט משפּיע געווען אויפן ערנסטן פאַרלויף פון דער אזכרה. אין רירנדיקע ווערטער האָט אייזענבערג געשילדערט דעם אומקום פון די יידן אין לובלין, זייער מאַרטיראָלאָגיע און העראָיזם, ווי אויך זיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען אין היטלעריסטישן גהינום.

דעם רעליגיעז־טראַדיציאָנעלן טייל פונעם יזכור האָט אַדורכגעפירט אונדזער בן־עיר, דער עלטסטער זון פון שוחט, וואָס האָט געוווינט אויפן זאַמד. ער איז היינט רב, עמיגרירט קיין אַמעריקע פאַר דער מלחמה. זיין „אל מלא רחמים" און „קדיש" האָבן אַרויסגערופן טרערן ביים פאַרזאַמלטן עולם.

מיך, ווי דעם גאַסט פון ישראל, האָט דער פאָרזיצער אויסגערופן אָנצוצינדן איינעם פון די זעקס ליכט לזכר די זעקס מיליאָן קדושים.

נאָך דעם יזכור־אַקט, האָט דער עולם זיך אונטערגעהאַלטן מיט דעם זייער פיינעם כיבוד, וועלכן ס'האָט צוגעגרייט, ווי יעדעס יאָר, באַלטשע אייזענבערג.

ס'איז געווען אַן איינדרוקספולע אונטערנעמונג, פול מיט יראת־הכבוד פאַר אונדזערע קדושים.

פרידאַ האָכבוים / פּתח־תקווה



אַ טייל פון עולם אויף דער אזכרה אין לאָס־אַנזשעלעס

# אונטערנעמונגען און צוזאַמענטרעפן אין ישראל

## פון נאָוועמבער 1979 ביז אָקטאָבער 1980

אויך אין פאַרגאַנגענעם יאָר, אויסער די צוויי יזכור־אַקטן, האָבן מיר אַדורכגעפירט עטלעכע וויכטיקע אונטערנעמונגען, צוזאַמענטרעפן, ליטעראַרישע אָוונטן, געפייערט געבורט־דאַטעס פון אייניקע בני־עיר און אויפגענומען געסט פון אויסלאַנד.

### דער יערלעכער אזכרה־אַקט

אַ גרויסער עולם איז דעם 22.11.79 געקומען זיך מתייחד זיין מיטן אָנדענק פון די קדושים פון לובלין, די קרבנות פון די היטלעריסטישע רציחות. אין דעם איבערפולטן זאַל פון בית העמלין אין תל־אביב, ווערן אָנגעצונדן די זעקס ליכט לזכר די זעקס מיליאָן. נאָך דער דערעפענונג פון פאָרזיצער ד. שטאָקפיש, האָט הרב מלאכי געזאָגט „קדיש" און דער חזן יעקב סאַמעק האָט געזונגען מיט זיין „אל מלא רחמים". די קינדער פון דער חיפה'ער גימנאַזיע א"נ פון לעאָ בעק, אונטער דער אָנפירונג פון דער לערערין רות ליפאַ, האָבן אין וואָרט און געזאַנג, באַגלייט מיט מוזיק, אויסגעפירט אַן אַנטשפּרעכיקן פּראָגראַם.

נאָכן איבערייס, האָט דער סעקרעטאַר מתתיהו האָרן מספּיד געווען די בני־עיר, וואָס זענען אין לעצטן יאָר אַוועק אויפן עולם האמת. הרב מלאכי האָט רעפערירט זיין פּראָיעקט צו פאַראייביקן די יידישע לובלין.

### אין טאָג פון אומקום און גבורה

אַ צווייטער יזכור־אַקט איז אַדורכגעפירט געוואָרן אין „יום השואה והגבורה", ביים מאָנומענט לזכר די קדושים פון לובלין אין מיידאַנעק אויפן בית הקברות אין נחלת יצחק, כ"ז ניסן תש"ם (13.4.80). נאָכן דערעפענונג־וואָרט פון מתתיהו האָרן, האָט צפורה דסקל־ווייסעלפיש געלייענט איר ליד „אזכרה", ת. ה. קאַנטאָר האָט געזאָגט „קדיש" און דער חזן יצחק ראַקאָווסקי — אַנטשפּרעכיקע קאַפּיטלעך תהילים און „אל מלא רחמים". וועגן דער אומגעקומענער יידישער לובלין האָט גערעדט ד. שטאָקפיש און דערנאָך פאָרגעלייענט יעקב גלאַטשטיינ'ס אַ פראַגמענט וועגן לובלין.

אינעם טרויער־אַקט האָבן זיך אויך באַטייליקט לובלינער יידן פון פאַריז, סידני און מעלבורן.

### אָוונט לכבוד 4 לובלינער מחברים און זייערע 4 ביכער

צום דערשיינען פון: דוד איידלמאַנס „געווען אַמאָל אַ יידיש לובלין"; יחיאל גראַנאַטשטיינס „פרעמדע וועלדער — אייגענע ערד"; שיע טשעבעווערס „נשמה־ליכט" (היים און חורבן) און שלמה שטאָקפישס „במעגל הזעם" — די העברעיש־איבערזעצונג פונעם בוך אין יידיש „אין ראָד פון צאָרן" — איז דעם 12.2.80 פאָרגעקומען אין תל־אביב אַ ליטעראַרישער אָוונט, אויף וועלכן דער שרייבער, דיכטער און עסייאיסט, ד"ר י. ח. בילעצקי האָט געהאַט אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטן רעפעראַט וועגן דער חורבן־ליטעראַטור. אין נאָמען פון די פיר מחברים האָט גערעדט שלמה שטאָקפיש. אויפן אָוונט איז אויך באַגריסט געוואָרן דורכן פאָרזיצער די מחברין פון בוך „בידי טמאים" אונדזער בת־עיר שרה ערליכמאַן (סויקה) און די נייע עולה פון די פאַראייניקטע שטאַטן, רוז ווין.



פון לינקס:
יוסף זאַבערמאַן,
פייגעלע זאַבערמאַן,
מרדכי חלמיש,
יצחק קאָרן,
יונה בערקמאַן,
שלמה וואַרזאַגער

### פאַרטיילונג פון דער ליטעראַטור־פּרעמיע א.נ. פון אלתר זאָבערמאַן

דעם 2טן אַפּריל 1980 איז אין תל־אביב, אין גרויסן זאַל פון פאַרבאַנד פון פוילישע יידן, פאָרגעקומען די צווייטע, יערלעכע פאַרטיילונג פון וועלט־ראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור, די פּרעמיע א. נ. פון אלתר זאָבערמאַן ז"ל, עטאַבלירט פון דער אלמנה פייגעלע זאָבערמאַן — דעם דיכטער יונה בערקמאַן און דעם פּראָזאַיקער, עסייאיסט און פּאָעט שלמה וואַרזאַגער. דעם פאָרזיץ האָט געפירט י. סטאָלאַרסקי; די מאָטיוון פון דער זשורי האָט געלייענט מרדכי חלמיש; באַגריסט אין נאָמען פון יידישן שרייבער־פאַראיין האָט עובדיה פעלד; וועגן אלתר'ן האָט גערעדט משה ראָזענבלום פון פאַריז. מיט אינטערעסאַנטע רעדעס זענען אַרויסגעטרעטן די צוויי פּרעמירטע פּען־מענטשן.

אויף דעם אָוונט זענען אויך באַגריסט געוואָרן די פאָלגנדיקע געסט פון אויסלאַנד:

פון פראַנקרייך — באַלטשע און זשאַק גאָלדבוים, געניע און שמואל שפּירא, ראַשעל און משה ראָזנבלום, מאַניע, יוסף און פייגעלע זאָבערמאַן, זאָשע פערלמוטער, אלי קיסקע; בראַפמאַן און בלומענבערג.

פון שוועדן — פיליפּ בוימאייל.

פון מעלבורן — וואַנדאַ און שמחה שטיפעל.

פון דייטשלאַנד — לובאַ און משה קאָרן, יצחק גאָלדשטיין.



די אזכרה אין תל־אביב, נאָוועמבער 1979



האזכרה בתל־אביב, נובמבר 1979

## געפלאַנצט וועלדלעך א.נ. פון לאָלאַ און משה וואַגנער און אלתר זאָבערמאַן

דעם 2טן טאָג חול־המועד פסח איז אין יער בן־שמן פאָר־געקומען די צערעמאָניע פון פלאַנצן אַ וועלדל א.נ. פון די אין ניו־יאָרק נפטר געוואָרענע: משה וואַגנער פון לובלין און זיין פרוי לאָלאַ, פון שעלישטש.

ביי דער געלעגנהייט האָט מען אויך אַדורכגעפירט די פלאַנ־צונג פונעם וועלדל א.נ. פון אלתר זאָבערמאַן, וואָס איז צוליב אַן אויטאָ־פאַרפאַל ניט צושטאַנד געקומען אין פאַרגאַנגענעם יאָר, מיטן אָנטייל פון פאָרשטייער פון קרן־קיימת.



משה קאָרן פלאַנצט אַ בוים אין יער בן־שמן, חול־המועד פסח, תש״ם.

מיטן אַקט האָט אָנגעפירט ד. שטאָקפיש. נאָך דעם אַרויסטריט פון קרן־קיימת־פאָרשטייער, ה׳ סגול, האָבן פון דער שעלישטשער לאַנדסמאַנשאַפט גערעדט: בנימין חרובי און יואל קליינמאַן. די פלאַנצונג פונעם וועלדל א.נ. פון די וואַגנערס איז צושטאַנד גע־קומען אַ דאַנק לובאַ קאָרן, די שוועסטער פון לאָלאַ ז״ל, זייער ברודער און קינדער.

צום פאַרפלאַנצן די ערשטע 10 ביימער אין וואַגנער־וועלדל, זענען פאַרבעטן געוואָרן: דאַני און לעאָ וואַגנער, זוזו און הערי וואַגנער, דזשאָ וואַגנער און פרעדי קאָרן, חדוה און יואל אריכא, מאַרישאַ און שלמה קאָרן, מרים און דניאל קאָרן, משה האָרן און משה זאַלצמאַן, מייק און ניקאָל וואַגנער, בנימין חרובי און פרוי, אביבה און יואל קליינמאַן, לובאַ און משה קאָרן.

אין זאָבערמאַן־וועלדל: מענדל געווערץ, מאַניע און יוסף זאָבערמאַן, גוסטאַוו גראַנאַט, געניע און שמואל שפּיראָ, רחל און משה ראָזענבלום, לובאַ און משה קאָרן, זאָשע פערלמוטער, באַל־טשע און זשאַק גאָלדבוים, פייוול גראַנאַטשטיין, באַשע האַלפּערין, רבקה׳לע און דוד שטאָקפיש, פייגעלע זאָבערמאַן.

ס׳איז געווען אַ בכבודיקע פאַראייביקונג פון אונדזערע בני־עיר און אַן איינדרוקספולער אַקט, אין וועלכן ס׳האָבן זיך באַטייליקט פיל לאַנדסלייט.

## קבלת־פנים פאַר יוסף צוקערפיין פון טאָראָנטאָ

דעם 10טן מערץ ה. י. איז אין „לובלינער ווינקל״ אין תל־אביב פאָרגעקומען אַ חברישער צוזאַמענטרעף לכבוד דעם וויצע־פרעזידענט פון דער לובלינער און אומגעגנט־אָרגאַניזאַציע אין טאָראָנטאָ — יוסף צוקערפיין, וואָס האָט דערציילט וועגן די אויפ־טוען פון דער אָרטיקער לאַנדסמאַנשאַפט און וועגן דער הילף זייערע פאַר ישראל, ווי אויך פאַר נויטבאַדערפטיקע לאַנדסלייט.

## אַ צוזאַמענטרעף מיט פאָלע מאַרגוליס־דרייבלאַט פון ניו־יאָרק

דעם 28סטן מאַי ה. י. איז אויף שנעל, אין משך פון איין טאָג, אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קבלת־פנים פאַר אונדזער בת־עיר, פאָלע דרייבלאַט־מאַרגוליס, צו וועלכן סזענע׳ן אויך געקומען אירע אידעען־חברים פון לינקע פועלי־ציון אין פאַרמלחמהדיקן לובלין מאיר שילדקרויט, וואָס האָט געפירט דעם פאָרזיץ, פרידא האָכבוים־שטאָקפיש, אפרים אַיינשטיין, לייבל מאַנדעלבוים, צעשע און לייבל אָבליגענהאַרץ, שמחה שולדינער און אַנדערע. זיי אַלע האָבן אין האַרציקע ווערטער באַגריסט דעם גאַסט, וואָס האָט געדאַנקט פאַר דעם צוזאַמענטרעף, און גאַנץ באַזונדערס — לייבל מאַנדעלבוים, וואָס האָט אים אָרגאַניזירט.

## צפורה שפייזמאַן צו גאַסט אין ישראל

אין חודש מאַי ה. י. האָט געוויילט אין לאַנד די באַרימטע אַקטריסע פון דער ניו־יאָרקער „פאָלקס־בינע״, אונדזער בת־עיר צפורה שפייזמאַן־טענענבוים, וואָס איז אויך געקומען אין שליחות פון דער עלטערן־היים אין ניו־יאָרק, ווו זי אַרבעט — מיט אַן אינוואַלידן־וועגעלע אַ מתנה פאַר אַ קינד אין ישראל. די דער־מאָנטע עלטערן־היים אין דער גרויסער אַמעריקאַנער שטאָט האָט גענומען אויף זיך די זאָרג פאַר אַ צאָל קראַנקע, דעפעקטיווע קינדער און באַזאָרגט זיי מיט די נייטיקע מכשירים.

אין דער ישראלדיקער פרעסע, ווי אויך אין צייטונגען פון ניו־יאָרק, איז אַ סך דערציילט געוואָרן וועגן דעם אויפטו, באַגלייט מיט בילדער, ווי צפורה גיט איבער דאָס וועגעלע דעם קינד. (זע די ידיעה פון „מעריב״, אויף ז׳ 31).

ביי דער געלעגנהייט פון דעם באַזוך אירן, איז אויך פאָרגע־קומען אַן אויפנאַמע פאַר צפורה שפייזמאַן אין „לובלינער ווינקל״, ווו זי איז באַגריסט געוואָרן פון מ. האָרן, ישראל אייזענבערג אאַנ״ד.

## אַ היימישע ליל העצמאות מסיבה

אין דער וווינונג פון רבקהלע און דוד שטאָקפיש איז אין דער נאַכט פון 32סטן חג העצמאות פאָרגעקומען אַ היימישע מסיבה לכבוד אַ ריי לובלינער געסט פון אויסלאַנד, מיטן אָנטייל פון איניקע קאָמיטעט־מיטגלידער און אַקטיוויסטן. ביי געדעקטע טישן, מיט געזאַנג און זכרונות פון דער אַלטער היים, האָט דער עולם פאַרברענגט עטלעכע גוטע שעה.

פון די טוריסטן זענען געווען אָנוועזנד: גיטעלע און יידל עדעלשטיין, באַלטשע און ישראל אייזענבערג, רוזשקע און יצחק שניידמאַן, סימאָן זיידענווערג און די נייע עולה פון פראַנקרייך — סאַבי מיטעלמאַן.

## אָוונט צום דערשיינען פון ישראל אייזענבערגס בוך

דעם 6טן מאַי ה.י. איז אין גרויסן זאַל פון פאַרבאַנד פון פוילישע יידן פאָרגעקומען דער „סיום הספר״ פון „פאַר וואָס גראָד איך״ פון ישראל אייזענבערג, דערשינען אין פאַרלאַג „ישראל־בוך״, מיט אַ פאָרוואָרט פון נאָבעל־פרייז טרעגער יצחק באַשעוויס־זינגער.

אויסער דער גרויסער צאָל לובלינער יידן פון ישראל, זענען אויך געווען אָנוועזנד אַ צאָל געסט פון אויסלאַנד, וועלכע ס׳האָט אין וואַרעמע ווערטער באַגריסט דער פאָרזיצער פון אָוונט, דוד שטאָקפיש: באַלטשע און ישראל אייזענבערג פון לאָס־אַנזשעלעס,



פון לינקס: עובדיה פעלד, באַלטשע אייזענבערג, ישראל אייזענבערג (רעדט), דוד שטאַקפיש, גיטל עדעלשטיין־שילדקרויט, מתתיהו האָרן.

רוזשקע און יצחק שניידמאַן פון שוועדן, גיטעלע און יידל עדעלשטיין, סימע און ביירעך וועבערמאַן, חוה לעווינבוים — פון פּאַריז.

וועגן בוך און מחבר האָבן גערעדט ד. שטאָקפיש, מ. האַרן, עובדיה פעלד, גיטעלע עדעלשטיין, אסתר אידעלסאָן. דער אַרויסטריט פון מחבר, ישראל אייזענבערג, האָט איבערגעלאָזט אַ טיפן רושם אויף אַלע אָנוועזנדיקע, סיי לויט דער פאָרם, סיי לויטן אינהאַלט.

### געזעגענונגס־מסיבה פאַר פּאָלע און סוכער פּאַכטשאַש

אין דער צווייטער העלפט אָקטאָבער ה. י. איז פאָרגעקומען אַ געזעגענונג מיט די קאָמיטעט־מיטגלידער פּאָלע און סוכער פּאַכטשאַש, צוליב זייער אָפּפאָרן קיין מאָנטרעאַל, ווו עס געפינען זיך זייערע צוויי זין, שנורן און אייניקלעך. אין די רייד פון די חברים וואָס האָבן געזעגנט פּאָלען מיט סוכערן, איז געקומען צום אויסדרוק די אנערקענונג פאַר זייער אַקטיווער טעטיקייט לטובת די לובלינער אין ישראל, אין משך פון די 7 יאָר פון זייער וווינען אין לאַנד.

די פאַמיליע פּאַכטשאַש האָט צוגעזאָגט אויך אין קאַנאַדע ווייטער צו זיין טעטיק אין דער לאַנדסמאַנשאַפט און דערביי אויפריכטיק באַדויערט, וואָס צוליב פאַמיליע־אַנגעלעגנהייטן מוזן זיי פאַרלאָזן ישראל, ווו זיי האָבן אַזוי פיל פריינד און לאַנדסלייט.

**א. זאַמדער**



פון לינקס: איטקעלע פעלדמאַן און צעשע אַבליגענהאַרץ — די טרייע קאַסירערינס ביים אַריינגאַנג אויף לובלינער אונטערנעמונגען

# לובלינער יידן שרייבן אונדז

אין לעצטן יאָר האָבן מיר דערהאַלטן צענדליקער בריוו פון אונדזערע לאַנדסלייט אין דער וועלט און אין ישראל, און וועלכע ס'ווערט דערציילט וועגן פּערזענלעכע, פאַמיליאַרע און אַלגעמיינע ענינים, ווי אויך ווערטער פון אָנערקענונג פאַר אונדזער טעטיקייט.

צוליב מאַנגל אין אָרט, איז אוממעגלעך צו פאַרעפנטלעכן אַ גרעסערן אויסוואַל פון דער אינטערעסאַנטער קאָרעספּאָנדענץ. מיר וועלן זיך דעריבער באַגנוגענען מיט אָפּדרוקן אייניקע בריוו.

## ערב מלא חוויות

לדוד, שלום!

ברצוני להודות לך בעד ההזמנה לערב הסיפרותי. עפולה היא רחוקה. עם ריחוק הגיאוגרפי, קטן הקשר. חנותכם ברחוב 1 במאי בלובלין זכורה לי היטב. לא ידעתי „שאנחנו מאותו הכפר", „אויפן זאַמד". גם בלובלין הייתי ילדה שקטה, כך שלא רבים זוכרים אותי.

ליהדות „פּיאַסקי" (זאַמד) היה קצב שלהם, שונה מהקצב של לוברטובסקה וסביבתה, למרות זאת, כל הזרמים של חיים יהודים היו מיוצגים בה.

הרצאתו של י. ח. בילצקי היתה עמוקה, מקיפה, דברי קשר עשירים. הייתי מוקסמת מהשפה יידיש. זאת לא היתה הרצאה, זאת היתה שירה! לכן, כשבקשת לאומר כמה מילים, הרגשתי שכל מילה נוספת תגמד את הרושם של ההרצאה.

מתחת הרושם הזה, החלטתי להתחיל לקרא יידיש! התחלתי בספר „נשמה ליכט". חיפשתי את השפה של בילצקי, מצאתי את סיפורו של שיע...

בשנת 1942 היתי בלובלין. פה ושם מצאתי שם מוכר... איך היו אומרים אצלנו? „פון די וואָליע ביז די קאָליע"...

ולבסוף — כל הכבוד לצוות המתמידים, אשר בעקשנות מעלים את זיכרה של עיר ילדותנו המשותפת, לובלין.

סויקה ארליכמן

★

## 35 יאָר טעטיקייט פון לובלינער אין ישראל

דורכבלעטערנדיק דעם יזכור־בוך פון לובלין, אַרויסגעגעבן אין פּאַריז, האָב איך אין דער אָפּטיילונג „לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן אין דער וועלט" זיך אָנגעטראָפן אויף דער ידיעה, אַז אין ישראל האָבן לובלינער אָנגעהויבן זייער טעטיקייט אין יאָר 1945.

איך ווענדע זיך צום לובלינער קאָמיטעט אָנצוהויבן צונויפזאַמלען מאַטעריאַלן פון אַרכיוון (אויב אַזעלכע זענען דאָ), און צוגרייטן אַ פייערונג לכבוד 35 יאָר לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל.

## אויפשריפטן פון 2 בילדער אין פאַריקן „קול לובלין"

דאָס בילד אויף זייט 7 פון פאָריקן נומער „קול לובלין", איז אַ ראָוועריסט פון ארץ־ישראל, געקומען קיין פוילן אין יאָר 1930 און געווען צוגאַסט אין לובלינער „הפועל", אין הויף סטאַשיצאַ 22, ווו ס'איז געווען אין יענער צייט דער לאָקאַל פון „הפועל".

אויף זייט 23, פון פאָריקן נומער — דאָס בילד פון יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט נאָך דער באַפרייונג. אין דעם קאָמיטעט זענען געווען פאַרטרעטן (לויטן בילד), צווישן אַנדערע, פינף לובלינער געזעלשאַפטלעכע טוערס: מאיר שילדקרויט, יצחק רייכענשטיין, לייזער פייערטאָג, ריינמאַן, עלקע מיטעלמאַן.

מיט אַכטונג, יצחק רייכענשטיין

★

רעדאַקציע „קול לובלין",
תל־אָביב, ישראל

איך האָב נאָר־וואָס דערהאַלטן „לובלינער שטימע" — זייער אַ געלונגענער נומער: גוטע, פאַסיקע מאַטעריאַלן און גוט רעדאַקטירט. באַזונדערס האָט מיך אינטערעסירט די באַשרייבונג ווי אַזוי ר' משהל אייזנבערג איז געבראַכט געוואָרן צו קבורת ישראל.

איך האָב ר' משהלן גוט געקענט, געהערט אים לערנען דעם „דף יומי", דאַכט זיך אין „לייפערס שול"; אים געהערט דאַווענען אין מהרש"ל שול; אים געזען אין דער ישיבה צוזאַמען מיט שטשעראַנסקין, בעת מיין רבי מרן אדמו"ר ר' שלמה איגר האָט מיך מיטגענומען. און איך בין געווען אין זיין געשעפט אויף לובאַרטאָווסקע.

איך שיק אייך זיינס אַ דאָקומענט וואָס פאַרזיכערט מיך, נאָכן פאַרהערן, אַריינגענומען צו ווערן אין ישיבת חכמי לובלין. מען האָט געדאַרפט קענען צוויי הונדערט בלאַט גמרא און ס'ווייזט אויס, אַז נאָכן „פאַרהער" האָט ער זיך איבערצייגט אויף מיין וויסן און קענטעניש. דער דאָקומענט איז געשריבן געוואָרן פון אים, זיין האַנטשריפט!

פאַר וואָס בין איך נישט אַריין אין ישיבה?

ס'איז אַרויס אַ גזירה, אַז אין עלטער פון נאָך 17 יאָר וועט מען נישט אַרויסלאָזן פון

פוילן. האָב איך זיך געמוזט צעשיידן... 

# ווער און מיט וויפל האט זיך באשטייערט פאר דער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין ישראל

(פון אָקטאָבער 1979 ביז סעפּטעמבער 1980)

לובאַ און משה קאָרן (פאַר נויטבאַדערפטיקע לובלינער משפחות) — 50,000 ל״י

מאָטל גאָרטענקראַוט, ניו־יאָרק — 20,000 ל״י

## אין דאָלאַרן

| | |
|---|---|
| לובלינער און אומגעגנט לאַנדסמאַנשאַפט, טאָראָנטאָ | — 500 דאָלאַר |
| לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַרגענטינע | — 430 ″ |
| איזאַק עהרענבערג (געזאַמלט אין 4 בענק אין ל. אַנזשעלעס) | — 275 ″ |
| פאַמיליע פישמאַן, לאָס־אַנזשעלעס | — 200 ″ |
| לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט, מאָנטרעאָל | — 175 ″ |

**צו 100 דאָלאַר**

ישראל אייזענבערג, לאָס־אַנזשעלעס; ראובן ראָסעט, סאַן־פּאַולאָ; עדזשאַ דאַך, ווענעצועלאַ; סימאָן זיידענווערג, ניס; לעאָ מיטעלמאַן, ב.־איירעס.

**צו 78 דאָלאַר**

לובלינער אין מעלבורן (געזאַמלט: ש. זילבערשער).

**צו 70 דאָלאַר**

יוסף שנור, לאָס־אַנזשעלעס; צפורה און יוסף שפּייזמאַן, ניו־יאָרק.

**צו 55 דאָלאַר**

סעם ברייטער, מאָנטרעאַל.

**צו 50 דאָלאַר**

מינטשע און מאָטל דינער, סאַן־פּאַולאָ; פאַמיליע גיטגליק, לאָס־אַנזשעלעס; יוסף פּאַכטשאַש, סידני (55 אויסטראַלישע דאָלאַר); אברהם קאָרענבליט, מאָנטרעאַל; פאַמיליע נאַש, סידני; פאַמיליע אָבער, לאָס־אַנזשעלעס; פאַלע מאַרגוליעס־דרייבלאַט, ניו־יאָרק.

**צו 45 דאָלאַר**

זעליג וואַסערשטרום, ניו־יאָרק.

**צו 38 דאָלאַר**

יעקב ווייצענפעלד, מיאַמי.

**צו 30 דאָלאַר**

שמואל זילבערשער, מעלבורן.

**צו 25 דאָלאַר**

בערנאַר פריפּ, לאָס־אַנזשעלעס; פאַמיליע קראָנבערג, לאָס־אַנזשעלעס; פאַמיליע לעדערמאַן, לאָס־אַנזשעלעס; בעטי עלבאום, לאָס־אַנזשעלעס; פאַמיליע שערמאַן, לאָס־אַנזשעלעס; רוזשקע און אברהם צווייקאָפּט, מאָנטרעאַל; ה. האַלבער, מיאַמי; נ. זימעלשטערן, מאָנטרעאַל; העלען קאָסאָוו, מיאַמי; משה שטיינשטאָק, פּילאַדעלפיע; דאָבע צוקערמאַן, אויסטראַליע.

**צו 20 דאָלאַר**

מענדל מילשטיין, סאַן־פראַנציסקאָ; רעי ראָזענבערג, לאָס־אַנזשעלעס; מ. ווייסמאַן, דענעמאַרק; ישראל און אידאַ קאָהען, לאָס־אַנזשעלעס; מאָריס און בעלאַ ראָסענזאָן, לאָס־אַנזשעלעס; מ. זילבערבערג, דייטאָן; באַלטשע און זשאַק גאָלדבוים, פּאַריז.

**צו 15 דאָלאַר**

שרה און שמואל סעגאַל, מיאַמי.

**אין פראַנצויזישע פראַנק**

פאַראייניקטע קינדער פון לובלין אין פראַנקרייך — 1,000 פראַנק; שמואל שפּירא, פּאַריז — 500 פראַנק; משה זאַלצמאַן, פּאַריז — 200 פראַנק; פייגעלע זאָבערמאַן, פּאַריז — 200 פראַנק.

**צו 100 פראַנק**

טעשקע קאָרמאַן; עסטרייך; גאָלדשמידט; דאָנערשטיין; ראָזענבלום; פערלמוטער; ראָטשטיין; גאָלדבוים; עדעל גיטעלע און יידל.

**אין בעלגישע פראַנק**

רוזשע און ירחמיאל וויעזשכאָווסקי — 1,500 בעלגישע פראַנק.

**אין ישראלדיקע לירות**

(נאָר פון 200 ל״י און מערער)

**צו 5,000 ל״י**

מ. ש. (תל־אביב).

**צו 3,000 ל״י**

זאָשע און יוסף ראכמאן.

**צו 2,000 ל״י**

סאָבי מיטעלמאַן; רות און יהושע גאָלדבערג; יהושע ווייספּיש.

**צו 1,200 ל״י**

עוואַ און אַרטור ווירצער.

**צו 1,000 ל״י**

אסתר חכמוב; אסתר בראָווערמאַן ז״ל; פישל און פאַני ראָזענבוש; אנרי טראַכטענבערג, פּאַריז.

**צו 800 ל״י**

יוסף אַכטמאַן; גולדשוועלד יוסף; זילבערטאַש ישראל.

**צו 500 ל״י**

חיים שביט; יצחק רייכענשטיין; יצחק זהבי; רידעלניק העלאַ; ד״ר בן־טובים.

**צו 300 ל״י**

צורג.

**צו 200 ל״י**

שינדעלמאַן אברהם; עדעלשטיין אברהם.

מיר דאַנקען האַרציק אונדזערע בני־עיר אין לאַנד און אין אויסלאַנד, פאַר זייערע שפּענדונגען.

---

מיר ווילן גלויבן, אַז די רשימה פון די שפּענדערס אין נומער 16 „קול לובלין״, איבעראַיאָר, וועט זיין אַ פּיל־פּיל גרעסערע, מיט באַדייטנדיקע באַשטייערונגען, כדי מיר זאָלן ווייטער קאָנען שטיצן נויטבאַדערפטיקע לובלינער משפחות, אַרויסגעבן אונדזער זשורנאַל, העלפן פען־מענטשן, באַזונדערס פון לובלין, צום דערשיינען פון זייערע ביכער, אויסהאַלטן דאָס „לובלינער ווינקל״ און קאָנסערווירן דעם מאָנומענט.

**נאָר פאַר אַלעמען שיקט אַריין דעם באַטרעף פאַר דער צייטונג:**

**אין לאַנד — 25 שקלים** (צוזאַמען מיט מיטגלידס־אָפּצאָל);

**אין אויסלאַנד — 15 דאָלאַר.**

אויך גרעסערע סומען וועלן מיר צונעמען מיט דאַנק.



teatrnn.pl

# נחת פון לובלינער

## צפורה שפייזמן

על מטרת ביקורה האחרון בישראל של בת-עירנו **צפורה שפייזמן-טננבוים** מניו-יורק, כותבת דיאנה לרנר בעתון ב„מעריב" (16.6.80):

„אוי וי — זו הקריאה ששמעו בלא הרף האחיות שחורות העור, הפורטוריקניות והטייואניות, העובדות במכון היהודי לטיפול גריאטרי בניו-יורק. במהרה הצליחו להבחין היטב בין „אוי" שמבטא רצון לשמיכה נוספת, לבין „אוי" המושמע מפי חולה הזקוק לרופא. זאת, בזכות האחראית, ציפורה שפייזמן, שהעבירה להן קורס באידיש בסיסית, „כדי שיוכלו להבין מה רוצים החולים".

צפורה שפייזמן, שחקנית ממוצא פולני, שילדה את בנה במחנה ריכוז נאצי והיגרה אחר-כך עם בעלה לארצות-הברית, משלבת את שתי אהבותיה בקריירה שלה: היא עובדת במשרה מלאה במכון לגריאטריה ובימי סוף השבוע מופיעה בקבוצת תיאטרון האידיש הוותיק בארצות-הברית „פולקסבינה".

„המשחק סייע לי להשאר בחיים", היא מספרת על עברה הטראגי. המשחק ממשיך לעזור להם גם כיום, בעבודתה במועדון „ההחלמה והאושר" שהקימה במרכז לגריאטריה.

לפני שנתיים אימצו 75 חברי מועדון זה, שגילם בין 75 ל־100 שנה, את חנה'לה, ילדה ישראלית נכה, שלה הם נוהגים לשלוח מתנות. ואכן, כאשר יצאה ציפורה לבקר בישראל, נטלה עמה מתנה לחנה'לה — כסא גלגלים שיסייע לילדה, בת 8, הסובלת משיתוק מוחין, לנוע בחופשיות יותר מאשר על קביים, ולהגיע לשעורי הפיזיותרפיה ולשעורים אחרים בבית ספר „און" לילדים הסובלים ממומים מולדים ברמת-גן.

★

## צפורה הרשטיין

**במסגרת „תערוכת 1980" שאורגנה ע"י המחלקה לתרבות של עירית רמת-גן למשתתפי החוג לציור ב„בית צבי", בהדרכת הצייר יוסף, הוצגו גם 5 תמונות של בת-עירנו צפורה הרשטיין: נוף, פרחים, דומם, פירות (שמן) ודוגמנית (פסטל).**

**התערוכה נפתחה בשבת 5.7.1980, ב„בית צבי" ברמת-גן. בירך ראש העיר, ד"ר ישראל פלד.**

★

## „האב הרוחני" של חקלאים

**ב„הארץ" כותבת אריקה עוזרמן, במאמרה „פירות וירקות", על בן-עירנו מ ש ה ז ל צ מ ן, וחבר ועד ארגון יוצאי לובלין בישראל:**

„האדם העומד במרכזו של מפעל ההיפרשוק, הוא **משה זלצמן**. לדבריו, חלם כל ימיו כיצד לעזור לחקלאי וכיצד לשווק את תוצרתו במישרין לצרכן. הוא ה„אב הרוחני" של חקלאים רבים באזור הנמשך בין תל-אביב, ירושלים, והוא נערץ עליהם, לדבריהם: „את תנובה אנחנו לא מכירים. אנו מכירים את מוישה זלצמן..." מר זלצמן מעניק אשראים והלוואות לנזקקים, אך בתנאי אחד: עליהם לגדל ירקות רק בשביל ההיפרשוק. החקלאים מרגישים שעליהם להיענות להזמנותיו לאלתר. זה יתרונו של ההיפרשוק: תוצרת חקלאית מסוג מעולה משווקת הישר מהחקלאי אל השוק. אומר משה זלצמן: „החקלאים נהנים לא רק מהמחיר הטוב שמקבלים הם בעד יבולם (מחיר טוב מהמחיר הרגיל של תנובה), אלא אף נהנים לבקר בהיפרשוק ולהיווכח שתוצרתם נמכרת במחיר הגבוה רק ב־2—3 ל"י מהמחיר שהם עצמם קיבלו".

...יש לציין שהסחורה בהיפרשוק היא באיכות טובה יותר מזו המוצעת בשוק הפתוח בהתקווה."

★



**שלמה זינשטיין דריקט די האנט פון פרעזידענט קארטער, וואס האט אויפגענומען דעם אמעריקאנער קאמיטעט צו פאראייביקן די זעקס מיליאן קדושים. לינקס פון קארטערן — דער שרייבער אלי וויזעל.**

## יחיאל גראנאטשטיין פרעמירט מיטן מסדה-פרייז פאר זיין בוך „פרעמדע וועלדער — אייגענע ערד"

**אונדזער בן-עיר, דער שרייבער יחיאל גראנאטשטיין, האט באקומען דעם מסדה-פרייז פאר זיין ווערק „פרעמדע וועלדער — אייגענע ערד", וואס איז אויסגעקליבן געווארן צווישן צענדליקער מאנוסקריפטן און ביכער דורך א ספּעציעלער זשורי: ד"ר אליהו שולמאן (פארזיצער), ד"ר עזריאל נאקס, דער דיכטער מאיר שטיקער, אפרים פאגעל, שלמה זינשטיין און ד"ר בערל פרימער.**

**דער פרייז איז עטאבלירט געווארן דורכן מסדה-ברענטש פון ציוניסטישן ארבעטער-פארבאנד און ווערט פארטיילט יעדעס יאר אויף א פייערלעכן אופן. אינעם אוונט צו באערן די זעקס מיליאן קדושים, האבן אנטייל גענומען הונדערטער מענטשן. דעם לאורעאט האבן באגריסט: יצחק פּאלוואר-מאכער, חיים צוקער און שמעון בייקער. דעם פארזיץ האט געפירט שלמה זינשטיין. יחיאל גראנאטשטיין האט אויף א רירנדיקן אופן באראנקט די אנוועזנדיקע.**

## אויפנאמע פאר לאזער גאלדבוים אין בוענאס-איירעס

**אן אויפנאמע פאר דעם דעלעגאט צום צוזאמענטרעף פון די קאמיטעטן פאר יידיש און יידישער קולטור, לאזער גאלדבוים פון סאן פאולא, איז פארגעקומען אין בוענאס-איירעס. עס האט דערעפנט דער פארזיצער הערש קוויאטקאווסקי, וועלכער האט דערמאנט אז לאזער גאלדבוים שטאמט פון לובלין, ווו ער האט זיך איינגעזאפט די גייסטיקע ווערטן פון פוילישן יידנטום און זיי איבערגעפלאנצט אין בראזיל, ווו ער האט זיך איינגעארדנט און פירט זיין געזעלשאפטלעכע טעטיקייט אין סאן פאולא אין ווארט און שריפט. דער סעקרעטאר קאפל מיזשעריצקי, א בן-עיר פון גאסט, באטאנט, אז רעדן וועגן לאזערן הייסט פאר אים זיך צוריקקערן צו זייערע קינדער- און יוגנט-יארן. לאזער איז געווען זיין מורה-דרך אין דער קינדער-ארגאניזאציע „יונגבאר" און אין דער באראכאוו-יוגנט. גאר יונג האט שוין לאזער געטראגן דעם יאך פון זיין א פארוואלטונגס-מיטגליד פון דער באראכאוו-שול אין לובלין און זארגן צו קענען באצאלן דירה-געלט פאר דער שול-וווינונג, אדער אויסצאלן די לערער פאר א מאנאט געהאלט, אבער דערמיט זיך אויך פארשאפן פרעסטיזש אין געזעלשאפטלעכן לעבן אין לובלין. אין 1935 קומט ער אן קיין סאן פאולא, בויט אויף א פאמיליע אין דער נייער היים, אבער צוזאמען דערמיט ווארפט ער זיך אריין אין דער געזעלשאפטלעכער טעטיקייט.**

אין דער צייט פון דער מלחמה פיבערט ער מיט אקטיוויטעט פון קולטור- און הילפס-ארבעט פאר די מלחמה-געליטענע. היינט צו טאג פארנעמט ער זייער א חשובן פלאץ אין דעם געזעלשאפטלעכן לעבן אין בראזיל און איז אויך מיטארבעטער אין די וואכן-צייטונגען: דער נייער מאמענט, פון סאן פאולא; אין דער יידישער פרעסע, אין ריא.

מארק טורקאוו שטעלט זיך אפּ אויף דער באדייטונג פון דער שטאט לובלין אין דער פארגאנגענהייט, די שטאט ווו עס האט געווירקט דער ועד ארבע הארצות, דאס איז

געווען אַ יידישער פאַרלאַמענט וואָס האָט אַרויסגעגעבן געזעצן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג פון פוילן, ליטע, רייסן און גאַליציע. גאונים און גייסט־מענטשן, וואָס די שטאָט האָט אַרויסגעגעבן, אירע אינסטיטוציעס מיט דער ישיבת חכמי לובלין, אין דער שפיץ. ער שילדערט זיינע באַזוכן אין לובלין אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם קאַמף פאַר אויפהאַלטן געזעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון יידן אין פוילן און באַציט זיך צום גאַסט, ווי איינער וואָס שטאַמט פון דער דאָזיקער שטאָט און היינט טראָגט ער אויף זיך דעם עול פון געזעלשאַפטלעכן לעבן פון יידישן ישוב אין סאַן פּאָולאָ.

עס קומען אויך צום וואָרט די ה"ה לעבענדיקער, בראָנשטיין, שלאַפּאָטשניק און לעווינטאַל.

לאָזער גאָלדבוים באַדאַנקט די אַלע וואָס זענען געקומען זיך באַטייליקן אין דער מסיבה, ער דאַנקט „די פּרעסע", מיט איר רעדאַקטאָר משה קויפמאַן וואָס האָט אים אויפגענומען, און אַלע רעדנער וועלכע האָבן באַהאַנדלט געזעלשאַפטלעכע ענינים אין צוזאַמענטרעף פון די קאָמיטעטן פאַר יידיש און יידישער קולטור. ער רעדט וועגן יידישגעזעלשאַפטלעכן לעבן אין סאַן פּאָולאָ און דערמאָנט, אַז אויף זיין איניציאַטיוו איז געבראַכט געוואָרן די אורנע אַש און ביינער פון די מאַרטירער פון מאַידאַנעק, וואָס זענען באַערדיקט געוואָרן אויף דעם בית־עולם פון סאַן פּאָולאָ און אויף דעם אָרט איז אויפגעבויט געוואָרן דער מאָנומענט פאַר די קדושים. ער גיט־צו, אַז ניט נאָר מיר דאַרפן געדענקען אונדזער גלאָררייכע פאַרגאַנגענהייט אַלס פאָלק, נאָר ווייטער בויען דאָס יידישע לעבן אין אַלע תפוצות און אין אונדזער טייערער מדינת ישראל.

# למר ישעיהו הורביץ — בן ה־90

.1

לרב־סבא הורביץ, רב הפעלים,
מלאו היום 90 שנים
שנים יפות, שנים פוריות,
שנים מלאות תהפוכות — —

מפולין הרחוקה, מלובלין הידועה,
בה מסר מחצית מחייו ביצירה,
שם לחם ללא חת לממוש ערכיו.
להם מסר את ימיו ולילותיו,
שם עבד ללא גבול, וללא הפוגה,
ובלי לשים לב לצרכי פרנסה — —

לטובת הקהילה, המגבית, התרבות,
לתנועות הנוער — והכל ללא ליאות,
הקים דור גאה של נוער ציוני,
נוער דובר עברית, ולא פשרני — —

ובביתו — עם אשתו וחמשת ילדיו,
אין נושא אחר זולת פעולותיו,
ואין רגע משעמם, והיצרים משתלהבים,
ואין ארוחה בלי וכוחים,
שהרי אין לילדיו דעות אחידים!

דוברים שם עברית
ומדברים בלהט ומרץ,
ובלילות ששי — שרים „שירי ארץ"
ומטים אוזן, השכנים הגויים,
מה שפת המנגינה, זו היפה והמלהיבה?

ובבואו לישראל, בשלהי השלושים וחמש,
מסרב לקבל משרה עם יש,
לא רוצה חיי נוחיות לממש,
ובזיעת אפיים את מקומו כובש — —

ושוב עם גרינבוים ממשיך ללחום,
לציונות כללית — ללא רבב של אדום,
בעבודה צבורית, בהתנדבות ללא גבול,
כי המפלגה קודמת לכל — אין צורך בגמול!
ועם רעיה, שמבינה וסובלת הכל,
אפילו מכות של בריטים, בימי חול.

ובינתים הולכת המשפחה וגדלה,
בנות ובנים מתחתנים ויולדים,
ומתמלא השבט נכדים ונינים,
וכולם לבית סבא הורביץ נוהרים,
ואין חג, ואין שמחה ללא הדגשה,
של המסורת היפה, מלאת הנוי והידע,
כי הורביץ זה לא רק שבט — זה גזע.

.2

ולכן אין כל פלא, שזה האיש, עם הגבות,
גם לאחר צאתו לפנסיה ממשיך לעבוד,
ולאחר עבודתו, מדי יום ביומו,
יורד לו הימה, לשחות במימו;

והערבים, כקודם, מקדיש לציבור,
לעירית חולון, לקופות הגמול,
לגמילות חסדים, להכנסת כלה,
וגם בבית־הכנסת כוחו לא רפה.

והסתכלו נא בו — איך זוהר הוא הערב,
איך מקשט שולחננו בלי הרף,
איך שופע שמחה, ועצמה, וטובין,
חתן השמחה, פאר כל המסובין!

ובמה נברכו, כשנרימה הכוסית,
עם כל ילדיו, נכדיו, ושלש עשרה ניניו,
אם לא בפסוק, שנתפר כמו עליו:
„עוד ינובון בשיבה,
דשנים ורעננים יהיו"

אמן ואמן
כן יהי רצון!

הבת **יהודית סהר־הורביץ**

תל־אביב, כ' בשבט תש"ם — 6.2.80



פון לינקס: לאה קוריס, שיע גאָלדבערג, זשאַק גאָלדבוים, דוד שטאָקפיש.

## 90 – איינער
## 80 – דריי

אַ סך יידן פון לובלין זענען געקומען דריקן די הענט און באַגריסן פיר „יובילאַרן" צו זייער געבוירן־דאַטע, וועלכע איז געפייערט געוואָרן אין זאַל אויף דיזנגאָף 158 אין תל־אביב:

ישעיהו האָרוויץ, צום 90סטן געבוירנטאָג.

יוסף אַכטמאַן, שיע גאָלדבערג און זשאַק גאָלדבוים (פון פאַריז) — צו זייער 80סטן געבוירנטאָג.

דער פאָרזיצער פון אָוונט, דוד שטאָקפיש, האָט אין אַ האַרציקער באַגריסונג אין נאָמען פון די לובלינער אין ישראל, דערציילט וועגן דעם געזעלשאַפטלעכן, ציוניסטישן און ישראלדיקן „באַגאַזש" פון די בעלי־שמחה, זייער טעטיקייט אין לובלין פאַרן חורבן און זייער צוגעבונדנקייט צו דער לאַנדסמאַנשאַפט אין דער יידישער מדינה. ישעיהו האָרוויץ האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיין אַקטיוויטעט אין לובלין אין די ראַמען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. יוסף אַכטמאַן איז געווען זייער טעטיק אין דעם ארגון יוצאי לובלין, ווי זשאַק גאָלדבוים אין דער פאַריזער סאָסייטי. שיע טשעכיווער האָט אין זיין בוך באַשריבן דעם חורבן פון דער יידישער לובלין.

פרוי לאה קוריס האָט איבערגעגעבן די בעלי־שמחה ביכער־מתנות פון קאָמיטעט פון די לובלינער אין ישראל. די טאָכטער פון ישעיהו האָרוויץ, אַדוואָקאַטין יהודית סהר, האָט פאָרגעלייענט אַ ספּעציעל ליד צו דער געשעעניש.

יוסף אַכטמאַן און ישעיהו האָרוויץ האָבן באַדאַנקט דעם עולם פאַר דעם אינטימען, פריינטלעכן אָוונט.

# ספר מיוחד במינו על השואה

## משולם הלוי

**ארליכמן שרה — בידי טמאים, מהדורה ב׳. תירגם מכתב־יד פולני: נחמיה רבן, ערך: אהרון מאירוביץ, תל־אביב, בית לוחמי הגיטאות — הקבוץ המאוחד, תשל״ו. 261 ע׳.**

ספר מיוחד במינו בין הספרים על השואה, שרוב תוכנו חוויות ב„עורף" מכונת ההשמדה הנאצית, מעבר לגיטו ולמחנות הריכוז, בייחוד בתוך גרמניה. תעודה של עוז רוח ותושיה ותיאורים מרתקים. גוף הספר כולל 32 פרקים ב־5 מדורים: עלה הכורת; בארגון היהודי הלוחם; בחסות השמות הבדויים; על אדמתם השנואה; אל מול תבוסתם. בראשו: פתח דבר, מאת העורך, ובסופו: דיתה (יד לבת המחברת שנגדעה — במחלה).

הספר, שיצא לאור לראשונה בש׳ תש״ו, ניתן במהדורה זו בעריכה מחודשת ובתוספות; הוא סדרת מכתבים של המחברת מפאריס, בקיץ 1945, לאחותה בארץ (ההורים ו־4 אחיות אחרות נספו בשואה), שבהם היא משחזרת את האירועים מאז הפצצה הגרמנית הראשונה על לובלין, עיר מולדתה, ועד הפלגתה לארץ בספטמבר 1945. — בזכות 3 דברים הצליחה המחברת להישאר בחיים בגיהנום הנאצי: חזותה הארית, מקצועה כחובשת, תבונה והתמצאות עם רוח התנדבות ומסירות לתפקידה האנושי. תיאור מצב היהודים בלובלין לאחר כניסת הגרמנים רצוף זוועות.

כחברה ב„גורדוניה" עוברת המחברת לווארשה לפעילות במרכז התנועה. בגיטו היא משתתפת בעבודת חינוך והכשרה ובניהול קשרי מכתבים עם ערים אחרות, תוך כדי מגיפות, חטיפות, שעות עוצר, וכנגד זאת — כרוזים אסורים, קונצרטים, דאנסינגים, חתונות וחגיגות לידה, גילויי הוללות והפקרות. במארס 1942 חוסל בית החולים שבו עבדה, והיא נשארה ללא מקום מחבוא. היא צובעת שערותיה בצבע בלונד, ובתילבושת ארית פועלת כמבריחה פולנית. בסוף 1942 היא מצטרפת לארגון לוחמי הגיטו, שבו משתתפים יצחק צוקרמן וצביה לובטקין, בתפקיד של מילוי שליחויות. מתיאור ראשית ההתנגדות: הגרמנים נכנסים לבית ומוצאים בחורים הקוראים בנחת ספרים. התוצאות — 7 גרמנים הרוגים. היא מתחמקת מן הגיטו, ויחד עם מבריחות פולניות אחרות נכלאת בבית הסוהר (תיאור הוויי).

בין עבודות הפרך, שהיא מועסקת בהן — תחליף לסוס: 7 נשים נרתמות למחרשה בשדה. כשנודע שהיא חובשת, היא משתחררת מעבודה פיסית ונשלחת למנזר (3 פרקים מענינים במיוחד). כאן היא רואה כמה תופעות: תוכן תפילות קלוש; עבודת אלילים של קדושי הכנסיה — סחר־מכר במקומות בגן־העדן; צניעות ואהבה נוצרית, בצד העסקה אכזרית בעבודות פרך, ללא רגע של מנוחה (גם לילדה בת 13 חולת שחפת); נטייה ברורה לבלום את ההתפתחות השכלית של החניכות (הנזירות — משכילות ונבונות). יוצא מן הכלל זה — הכומר המפקח, המוצג באור חיובי־אנושי.

בעקבות התנדבותה לעבוד למען מאמץ המלחמה הגרמני, היא נשלחת לבית החולים הגרמני בפרנקפורט, ועם התגברות ההפצצות על העיר, היא מועברת לבית חולים אחר במרחק של 65 ק״מ מפרנקפורט. היא מצטיינת כאחות, כמורת דרך, כמתווחת ומתרגמת ויועצת לרופא גרמני צעיר. היא תובעת בתוקף — ומשיגה — שיפורים במצבן של חולות רוסיות ואוקראיניות שבטיפולה, ובמתן תרופות (זריקות חיסון) להן. היא מציינת טיפוסים חיוביים בקרב הגרמנים הממונים. במשך כל תקופת עבודתה המשיכה בחשאי בפעולות חבלה, וזכתה לראות את אדוני העולם מושפלים ועלובים.

בספר — תמונות של המחברת ובני משפחתה, וביניהן — של אישה פולניה ובנה, מחסידי אומות העולם.

(מתוך מבחר ספרים (ל״א—ל״ב) מטעם הוועדה להמלצה על ספרים לקריאה למורים — משרד החינוך והתרבות, ירושלים, ניסן תשל״ז).

# טאקע פאַר וואָס?

## נחמן בלומענטאַל / תל־אביב

**ישראל אייזענבערג: פאַר וואָס גראָד איך? קאַפּיטעלן פון פּיין, גבורה און האָפענונג. מיט א בריוו צום מחבר פון יצחק באַשעוויס־זינגער. פאַרלאַג „ישראל־בוך", תל־אביב. ז״ז 320, מיט בילדער.**

צוריק מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט, בין איך צום ערשטן מאָל געקומען קיין לובלין און תיכף זיך גענומען באַקענען מיט דער שטאָט גופא, וועגן וועלכער כ׳האָב שוין נישט ווייניק געהאָט געהערט און געלייענט. ביז דעמאָלט איז דאָך לובלין געווען אַ שטאָט מיט אַ לאַנגן היסטאָרישן עבר, פון דער גאָר ווייטער פאַרגאַנגענהייט, ביז דער נייעסטער תקופה.

אין לובלין, דערמאָן איך זיך, איז אין די יאָרן 1918 אַנטשטאַנען די ערשטע רעגירונג פון נייעם פוילן, בראש מיט איגנאַצי דאַשינסקי. נאָר דאָס איז שייך דעם כלל פון פוילן. פאַר אונדז, יידן, איז לובלין געווען אַ עיר ואם בישראל. האָב איך איצט, אין 1929, אַ מעגלעכקייט צו זען מיט די אייגענע אויגן, נישט דאַרפן לייענען פון טויטע ביכער, נאָר אוממיטלבאַר זען די רעזולטאַטן פון אַמאָל, זען וואָס ס׳איז געבליבן פון דעם עבר.

פון שוויענטאָדוסקע־גאַס בין איך אַריין אין דער לאַנגער, גלייכער לובאַרטאָווסקע גאַס. פון איינעם פון די ערשטע בניינים אויף דער לינקער זייט, דערגייט צו מיר אַ הויך קול וואָס לערנט און איז מסביר אויף ייִדיש. וואָס איז דאָס? איך גיי אַרויף: אַ „שטיבל" פון אַ גרויס חדר, אַ בית־המדרש. יידן זיצן אויף בענק אין רייען און פאַר זיי שטייט אַ הויכער ייד מיט אַ שוואַרצער באָרד. ער רעדט באַטעמט און דער עולם הערט זיך צו מיט קאָפּ. נאָך יאָרן, האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם עפּיזאָד, דערזעענדיק די פאָטאָגראַפיע פון דעם יידן. דאָס איז געווען משה׳לע אייזנבערג, דער פאָטער פון ישראל, מחבר פון ספר „פאַר וואָס גראָד איך?", וואָס איז אָקאָרשט דערשינען און אַנטהאַלט די פאָטאָגראַפיע. דאָ געפין איך דעם נאָמען פון אָרט, וואָס כ׳האָב אַמאָל געזען: בית המדרש דחברת נושאים (ז׳ 34—55). דאָס האָט דער זון פון יענעם אייזענבערג איבערדערציילט זיינע איבערלעבענישן בימי היטלער, וואָס אין רעזולטאַט פון וועלכער ער, זיין פרוי און זיין גאָר יונגער זון, געבוירן אין לובלין שוין נאָכן אויסברעכן פון דער מלחמה, בימי הגעטאָ, אונטערן דייטש — זענען געבליבן לעבן. געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט איז בלויז דער פאָטער. באמת, נישט קיין געוויינלעכע געשעעניש פון יענער צייט — אַ גאַנצע משפחה זאָל בלייבן לעבן. און דער מחבר פרעגט, מיט רעכט: „פאַר וואָס גראָד איך?" פאַר

וואָס האָט גראָד ער זוכה געווען צו דעם? ער שטעלט זיך די פראַגע אַ פּאָר צענדליק יאָר נאָך דער פּאַסירונג, אָן אָנצוגעבן אויף דעם אַן ענטפער. אונטערשטרייכנדיק בלויז איינציקע מאָל די שטאַרקע אמונה פון זיין פאָטער און גאַנצע משפחה, איז ער פּטור צו געבן אַ ראַציאָנעלן ענטפער. דער שטאַרקער גלויבן איז פאַר אים דער איינציקער און פולשטענדיקער ראַציאָנעלער ענטפער. צווייטנס, איז דען פאַראַן, איז דען מעגלעך אַן ענטפער אויף דער פראַגע „מפני מה ירחה נשמה", וואָס נישט פון היינט פּלאָגט זי דעם מענטשלעכן געדאַנק. דער מחבר ענטפערט נישט דעריבער אויף דער פראַגע וואָס ער שטעלט זיך אין נאָמען פון בוך. ער באַשרייבט נאָר זיינע פּאַסירונגען, וואָס זעען אויס אין די אויגן פון לייענער ווי ווונדער. און אין דער אמתן, ווי אַזוי איז עס געווען מעגלעך? די טרוקענע פאַקטן ווירקן פשוט אומגלויבלעך — פון דעסטוועגן זענען זיי אמתדיקע. אַזוי, למשל, דער פאַקט:

דער מחבר ווערט דערשאָסן בעתן אַן אַקציע, צוזאַמען מיט אַנדערע יידן. ער פאַלט אַ טויטער אויף דער ערד, דאָך שטייט ער דערנאָך אויף אַ שווער פאַרווונדעטער. נישט אומזיסט רופט ער אָן דאָס קאַפּיטל „תחיית המתים" (ז' 81). מיט דער ווונד אין פּנים, האָט ער געאַרבעט אין דייטשע לאַגערן. אַ קויל איז אַדורך די באַק, פון דעסטוועגן האָט ער אין דעם מעמד אויסגעהאַלטן עטלעכע יאָר אין די לאַגערן, פון נאָוועמבער 1942 ביז דער באַפרייונג אין מאַי 1945, געאַרבעט אין שרעקלעכע באַדינגונגען, באַקומען קלעפּ, אָן געהעריקער באַשפּייזונג. ערשט נאָך דער מלחמה באַקומען מעדיציניש הילף, געקענט אַריינגיין צו אַ דאָקטער און זיך היילן. דאָס איז זיכער אַן אויסערגעוויינלעכער פאַקט: אין יאָר 1940 ווערט געבוירן זיין זון. אַ געבורט אין געטאָ דראָט מיט אַ געפאַר סיי דער מוטער, סיי דעם ניי־געבוירענעם. פון דעסטוועגן געלינגט דעם פאָטער אַדורכצופירן אין געהיים אין געטאָ אַ ברית־מילה כדת משה וישראל (ז' 32).

אין יידישן לובלין איז אַ רעליגיעזע ברית־מילה, אין נאָרמאַלע צייטן, אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. אָבער אין יענע צייטן — אַ זעלטענער, אומגלויבלעכער פאַקט. פון דעסטוועגן איז דאָס געשען, ס'קינד איז געבליבן לעבן און דערלעבט דעם סוף פון דער מלחמה. אַ ווונדער! דאָס קינד ווערט דורך דער פּוילישער פרוי ביי וועמען די מוטער (וואָס איז געבליבן אין געטאָ), האָט עס איבערגעלאָזט אויף דער אַרישער זייט, פשוט געלאָזט עס אויף הפקר, אונטערגעוואָרפן נישט ווייט פון סאַסקי גאָרטן אויף אומקום. דאָך ווערט דאָס געמל'עטע קינד אָפּגעפונען פון אַ פּוילישן („גראַנאַטאָווע") פּאָליציאַנט און איבערגעגעבן אין אַ קריסטלעכן אַנשטאַלט, וואָס נעמט אָן דאָס יידישע קינד, טראָץ די פאַרפליכטנדיקע היטלער־געזעצן. פאַר וואָס? ווייל די נאָנע, וואָס נעמט אָפּ דאָס קינד ביים פּאָליציאַנט — איז פון יידישער אָפּשטאַמונג, אַ געשמדטע. עס דערוועקט זיך אין איר אַ יידיש רחמנות־געפיל פון ייד צו ייד. דאָס האַלביאָריקע קינד ווערט אָנגענומען און אויפגעהאַלטן ביז נאָך דער באַפרייונג. ווידער אַ נס! אַזוי גייט דער סיפור־המעשה ווייטער און ווייטער ביז צום סאַמע סוף.

ווער קאָן דאָס אַלץ אויסטייטשן מיטן שכל־הישר?! ווונדער אויף ווונדער! דער מחבר, פון אַ רעליגיעזער היים, נעמט דאָס אויף ווי אַ נאָרמאַלע זאַך. ער דאַנקט גאָט פאַר יעדער זאַך. אין די ערגסטע באַדינגונגען, אין נאַצישן לאַגער, דאַוונט ער אַפילו מיט אַ מנין, אויב עס געלינגט אַמאָל צונויפשטעלן די צאָל יידן. איז דאָס מעגלעך, זאָגט ער די ברכות אויף האַלב הויך, און זיין חבר, מיט וועלכן ער הויזט צוזאַמען אין בלאָק, זאָגט נאָך אמן...

אַזוי גייט אַ פּאַסירונג נאָך אַ פּאַסירונג, נאָרמאַלע און אַנאָרמאַלע צייטן־פּאַסירונגען. אָבער אין יענע צייטן, איז עס פלא פלאים, ווונדער אויף ווונדער, ווי אַזוי זיי פאַרשטיין? אויסטייטשן? יעדער אויף זיין סטיל.

מיר פון אונדזער זייט, נעמען צו קענטעניש די פאַקטן. „אויסטייטשן" זיי זענען מיר נישט אומשטאַנד. מיר וועלן דאָ, ווי אַ געלערנטער האָט זיך אַמאָל באַנוצט מיט דעם פשוטן וואָרט וואָס דערקלערט אַלץ: „Ignorabimus". מיר וועלן קיינמאָל נישט וויסן, נישט קאָנען געפינען קיין ראַציאָנעלע תשובה.

צום סוף — אַ קליינע באַמערקונג: אָנהייב ספר לייענען מיר אַ הקדשה: „געווידמעט דעם הייליקן אָנדענק פון מיין גאָטזעליקן פאָטער, דעם עסקן און מרביץ תורה, נפטר געוואָרן אין לובלינער געטאָ דעם 31־טן מאַי 1942". אַלץ קלאָר און פאַרשטענדלעך. נאָר פאַר וואָס נישט דערמאָנט די מוטער, וואָס אינאיינעם מיטן זון, האָט זי דורכגעמאַכט דעם לידנסוועג פון אָנהייב ביזן סוף, בפרט, וואָס אין בוך ווידמעט דער זון נישט ווייניק אָרט די מעשים טובים פון זיין מוטער. גענוג צו דערמאָנען איר באַטייליקונג אין דער געהיימער לוויה פון איר מאַן. (זע דאָס קאַפּיטל „די מסירת־נפשדיקע קבורה"). אמת, זי איז נישט קיין מרביץ תורה, אָבער אירע פליכטן פון אַ פרוי און פון מוטער דערפילט זי אין אַלע מאה אחוז — און די תורה לערנט אונדז „כבד את אביך ואת אמך".

# אַ בוך וואָס לייענט זיך ווי אַן עפּאָס

אפרים איינשטיין / תל־אביב

שיע טשעכעווער — נשמה־ליכט (היים און חורבן). פאָרוואָרט: י. ח. בילעצקי

לובלינער יידן האָבן געוווּסט אַז ס'עקזיסטירט אַ „טשעכיוו", אָבער נישט אַלע האָבן געוווּסט ווו זי געפינט זיך. נאָך ווייניקער האָבן דאָרט ווען ס'איז באַזוכט. איך בין זיך מודה, אַז כ'בין איינער פון זיי. פאַר מיר איז טשעכיוו געווען פאַרבונדן מיט גרינע לאָנקעס, הויכן גראָז, ווו יידישע יוגנטלעכע, הונגעריקע נאָך אַ ביסל „נאַטור", זענען געקומען איינזאַפּן פרישע לופט און דעם ריח פון גראָז, ווייל דאָס יידישע לובלין האָט נישט געהאַט קיין איין סקווער אָדער גאָרטן, צו באַפרייען זיך פון די טעגלעכע זאָרגן. די טשעכיווער לאָנקעס האָבן געדינט אַלס אַפּרו־אָרט, אויך דער מקום ווו אונדזער יוגנט האָט געקענט געבן אַן אויסדרוק זייערע ראָמאַנטישע געפילן...

נאָכן איבערלייענען שיע טשעכיווערס בוך, האָב איך ערשט „אַנטדעקט אַמעריקע": אַז טשעכיוו איז אַ גרעסערער יחוס ווי לובלין, ווייל דער געבורט פון לובלין האָט זיך אָנגעהויבן פון... טשעכיוו, וועלכע איז געווען אַ זעלבשטענדיקע קהילה, מיט אַן אייגענעם רב, דיינים, שעכטהויז, מקוה, אַ בית־עולם. נאָך האָב איך אַנטדעקט, אַז טשעכיווער בעלי־הבתים האָט מען נישט גערופן ביי זייערע פאַמיליע־נעמען, נאָר אויף דער מאַמעס, טאַטנס אָדער זיידנס נאָמען. אַמאָל אויך — אויף אַלע דריי נעמען... אַזוי האָט אונדזער מחבר געהייסן שיע חיה'לע לייב ברוכס — ד"ה, ביזן דריטן אָדער פערטן דור. אַזאַ איז געווען דער לעבנס־שטייגער ביז דעם חורבן.

אײדער איך האָב געעפנט שיע טשעכיווערס בוך, האָב איך געטראַכט: „מילא, נאָך אַ בוך". אָבער נאָכן איבערלייענען, האָב איך איינגעזען דעם טעות. ס'איז טאַקע נאָך אַ בוך, אָבער אינגאַנצן אַנדערש. פון דעם בוך טריפט בלוט. אַ סך יידיש בלוט.

דער מחבר פירט אונדז נישט גלייך אַריין אין דער חורבן־תקופה, נאָר שילדערט אין אַ ברייטן פאַרנעם זיין שטאַם. מיט

אַ פּשוטער פאָלקס־שפּראַך שילדערט ער זיין היים מיטן ליימענעם דיל, ווו דער דלות האָט געפייפט אין אַלע ווינקלען. און קינדער, ב"ה, זענען געווען „מיינע, דיינע און אונדזערע". ניין קינדער האָבן זיך געהאָדעוועט אין אָט דער אָרעמקייט. אַז דער טאַטע האָט „אָפּגעטאָן אַ שפּיצל" און אַוועקגעשטאָרבן, איז שיע אַלט געווען 6 חדשים און די מאַמע האָט באַדאַרפט מפרנס זיין 9 קינדער, האָט זי גענומען האַנדלען מיט דרויב אין אָפּפאַל פון בהמות. פאַרשטייט זיך, אַז פון אַזאַ מסחר, האָבן די 9 קינדער נישט געקענט זאַט ווערן. די מאַמע גיט אַוועק שיען צו אַ סטאָלער. ער האָט דאָרט געפּטרט עטלעכע יאָר אויף צו באַדינען דעם מייסטער מיט זיין גרויסער משפּחה, ביז ער זאָגט אָן דער מאַמען קאַטעגאָריש: „איך וויל נישט זיין קיין סטאָלער!"

ער קומט אָן אין שעכטהויז, ווו ס'עפנט זיך פאַר אים אַ נייע וועלט פון אָקסן, קעלבער, שעפּסן, שוחטים, קצבים, טרייבערעס, שינדערס, בודקים סירכות, רבנים, דיינים, כשרות, סוחרים, פעלהענדלער, באַלעגאַלעס — אַ וועלט מיט פאַרשידענע טיפּן, ווו יעדער היט זיינע אינטערעסן און וויל אויך אַנדערע איינשלינגען. אָט אין דער חברותא האָט דער יונגער שיע באַדאַרפט זיך אַדורכשלאָגן אַ וועג, און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז געבאָרן געוואָרן מיט סוחרישע פעיקייטן, מיט אינטואיציע און בליק אויף אַ ווייטערע מעטע. ער ווערט שנעל זעלבשטענדיק, ביזן דערגיין צו אַ פאַדריאַטשיק פון פלייש פאַרן פוילישן מיליטער וואָס סטאַציאָנירט אין לובלין. ער ווערט אַן איינגייער אין די „הויכע פענצטער", אַ בן־בית ביי אָפיצירן. דער גענעראַל אַליין פאַרבעט אים צו זיך. ער ווערט ראַטגעבער פאַר פלייש־ענינים ביים מיליטער און פרעזעס פון יידישן צעך ביי דער אַלגעמיינער פליישגילדע. ער האָט געמוזט זיין אַ בעל־המצאה אָפּצושלאָגן די אַטאַקעס פון אַנטיסעמיטן, וואָס האָבן געגראָבן אונטער אים.

אין דער זעלבער צייט בויט ער אַ הויז אין טשעכיוו, כמעט אָן געלט, נאָר מיט דער מיטהילף פון צוויי אָפיציעלע וואַלוטעסוחרים: מאַריינע און אָפּאַטאָווסקי. שיע גאָלדבערג ווערט אַן אָנגעזעענער באַלעבאָס און סוחר אין לובלין, דערביי פאַרדרייט אים נישט די הצלחה דעם קאָפּ. פאַרקערט, אויף יעדן שריט שטרייכט ער אונטער, אַז ר'איז אַ פּשוטער ייד פון אַ פּשוטער היים.

אַלץ איז גוט און ווויל, ביז סעפּטעמבער 1939, ווען היטלערדייטשלאַנד פאַלט אָן אויף פוילן. לובלינער יידן ווערן אַריינגעטריבן אין געטאָ — ביזן אומקום אין מיידאַנעק. שיע טשעכעווער זאָגט קאַטעגאָריש: „מען וועט נישט לעבן!". ער האָט אָפּגעשאַצט, לויט דעם כסדרדיקן אַדערויף וואָס דער דייטש האָט געפאָדערט אויפן חשבון פון דער טאָטאַלער פאַרניכטונג, אַז מען מוז זיין וואָס ווייטער פון די רוצחים. ער איז שוין דעמאָלט אַ בעל־משפּחה מיט אַ ווייב און טאָכטער. די פרוי פאָדערט אויסדריקלעך, ער זאָל זיך ראַטעווען, ווייל זי האָט געמיינט, אַז ווייבער און קינדער וועט מען שוינען. שיע הייבט אָן דעם גראַנגל פאַר זיין לעבן, וואָס האָט געדויערט קנאַפּע 5 יאָר.

מען דאַרף זיין אַ דאַנטע צו באַשרייבן זיין יסורים־וועג. יעדער טאָג איז נישט איין נס, נאָר צענדליקער נסים. אומעטום לויערט דער טויט. ער ווייסט נישט, וועלכער „גוטער גוי" וועט אים פאַרקויפן פאַר אַ קילאָ צוקער, אָדער סתם דערהרגענען, ווייל ביי אַ דערהרגעטן ייד קאָן מען נאָך צונעמען אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט. שיע קעמפט פאַר זיין לעבן, הגם אָפּגעריסן, אָן אַ העמד, אָפּטמאָל אָן הויזן, פאַרלייזיקט, פאַרשמוציקט, מיט אַ פאַרוואונדעטער האַנט, נישט דערעסן און נישט דערשלאָפן. ער אָבער פאַרלירט נישט דעם מוט.

אינטערעסאַנט, אַז אים באַפאַלט אַ יאוש, גראָד נאָך דער באַפרייונג, ווען ער קומט צוריק קיין לובלין. ער זעט ווי די פאָלאַקן ווילן אויסמאָרדן די רעשטלעך יידן, וואָס היטלערס רוצחים האָבן נישט באַוויזן אומצוברענגען, ווי דאָס איז אַמבולטסטן געקומען צום אויסדרוק אינעם פּאָגראָם אין קעלץ. אויסער דעם נעמט מען אַראָפּ יידן פון די באַנען, מען שיסט זיי, וואָס איז שוין צו פיל אָפילו פאַר שיען. ער שרייבט אין גרויס פאַרצווייפלונג:

„אַז כ'בין געווען אַ פּאַרטיזאַנער, די ווערים האָבן מיך געגעסן, האָב איך זיך מיט די ציין געהאַלטן ביים לעבן, איך האָב געזאָגט: איך מוז לעבן! כ'בין געקומען אַ היים, כ'קוק אָן לובלין, טשעכיוו — בין איך אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעטומלטער, כ'האָב ממש געזוכט דעם טויט".

ווען ס'איז אָנגעקומען די בשורה, אַז די רוסן זענען שוין אין לובלין, לאָזט זיך שיע אַהיים. אויפן וועג טרעפט ער אָן אויטאָ מיט רוסישע זעלנער. ער בעט זיך ביי זיי אים אויפנעמען, ער זאָגט אַז ר'איז אַ פּאַרטיזאַנער. זיי גלויבן נישט, ביז איינער אַ רויטאַרמייער שרייט אויס: „יאָ, ער איז אַ פּאַרטיאַזנער, ער שטינקט" (ז' 223).

פיל ביכער־זכרונות, אויך פון לובלינער, האָב איך געלייענט פון די וואָס האָבן איבערגעלעבט די מלחמה אין רוסלאַנד. נישט פאַרמינערנדיק מיט אַ האָר זייער יסורים־וועג אויך דאָרט, קען מען אָבער נישט פאַרגלייכן זייערע איבערלעבונגען צו די וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט אין די דייטשישע לאַגערן, ווי סויקע ערליכמאַן („בידי טמאים"), ישראל אייזענבערג („פאַר וואָס גראַד איך?") אָדער שיע גאָלדבערג („היים און חורבן"). אַוודאי האָט מען אין רוסלאַנד געאַרבעט שווער, דער פּאַיאָק ברויט איז נישט געווען גענוג — מען האָט אָבער נישט געהאַלטן דעם טויט אין די הענט. נאָך דער שווערער האָרעוואַניע, איז מען צוריק געקומען אויף דער נאָרע, מ'האָט געקענט, אָן טויט־קאָשמאָרן, איבערשלאָפן די נאַכט. פיל האָבן געקענט אָרום זייערע כאַטעס פאַרזייען קאַרטאָפל, מייערן, אַ ציבעלע, אייניקע (אין פּאַשאָלעק), האָבן געהאַלטן אַ ציג, געהאַט אייגענע מילך (זע „5 יאָר אין סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד" פון עובדיה פעלד).

איצט לאָמיר זען שיע טשעכיווער, וועלכער לאָזט נישט אויף איין מינוט פאַרגעסן אַז ער איז אַ פּשוטער מענטש, ווי אַזוי שפּיגלט זיך אָפּ דער פּערזאָן אין זיינע זכרונות. איך וועל אים ציטירן, וואָס וועט אַמבעסטן כאַראַקטעריזירן דעם מענטש:

„נאָכן גרויסן חורבן, ווי דער מבול האָט זיך איינגעשטילט, און קומענדיק „אַהיים", האָט מען ערשט דערזען די גרויסע בראַך. טויזנטער זענען געבליבן איינזאַם, ווי אַ שטיין אין פעלד. די איינזאַמקייט און עלנטקייט האָט געברענט אין געבראַטן דעם גוף מיט דער נשמה, יעדער האָט געוואָלט זיך טולען צו וועמען. האָט מען אָנגעהויבן חתונה האָבן — און ס'זענען אַרויסגעקומען משונהדיקע פּאָרלעך, וואָס אין נאָרמאַלע צייטן האָט עס נישט געקענט צושטאַנד קומען. און די רעזולטאַטן פון אָט די מעזיאַלאַנסן, זענען אין אַ סך פאַלן געווען טרויעריקע. אויך שיע גאָלדבערג וויל אויפשטעלן אַ משפּחה־לעבן און רבקה'לע לערמאַן פון קאַריוו געפעלט אים זייער, ער האָט איר גוט באַטראַכט און געזען אין איר אַ סך שיינע און גוטע מידות, אָבער ער האָט מורא, ווייל זי איז פון אַ העכערן שטאַנד. זאָגט אים זיינער אַ פריינד: „כ'לעבן, וואָלסט זיך אין יאַנקען (איר פּאַרטיזאַנישער נאָמען) נישט אָפּגענאַרט".

און דער מחבר דערציילט ווייטער:

„רבקה איז קראַנק געוואָרן און איך בין איר געקומען באַזוכן. דער אמת איז, אַז טראָץ די אונטערשיידן צווישן אונדז, האָב איך געטראַכט פון איר, געזען איר איידלקייט און דאָס האָט מיך גענומען. עפּעס האָט אונדז אונטערגעזאָגט, אַז מיר קענען בויען אונדזער לעבן צוזאַמען, מיט אַ סך ספיקות, אָבער מיט אַ סך גלויבן".

שיע טשעכעווערס בוך איז אַ פליכט געלייענט צו ווערן פון יעדן לובלינער ייד. דאָס בוך לייענט זיך ווי אַן עפּאָס, די שפּראַך — פאָלקסטימלעך, די שפּראַך פון יאַרידים און מערק, פון הענדלערס און בעלי מלאכות. גערעכט איז בילעצקי, וואָס פאַרגלייכט אין זיין פאָרוואָרט שיע טשעכיווערס לשון צו דער שפּראַך פון זלמן שניאורס גבורים, ווי „נח פּאַנדרע" און „אנשי שקלאָוו". איך וואָלט נאָך צוגעגעבן: שיע'ס שפּראַך דערמאָנט מיך אין ריימאָנטס „כלאָפּי" („פּויערן"). דעם יסוד פון יעדער קולטור־

שפּראַך שאַפט צוערשט דאָס פאָלק, זיי גיבן חיונה אַלע שפּראַך־אַקאַדעמיעס.

רירנד, ביז טרערן, איז דער סיום הספר:

„פאַרוואָס האָב איך דערציילט און געשריבן? כדי באַפרייען זיך פון די קאָשמאַרן וועלכע לאָזן נישט צומאַכן אַן אויג. און ווער קאָן זיך באַפרייען פון מיידאַנעק? נאָך אַ סך ביטערע זכרונות ליגן באַגראָבן טיף אין האַרצן. איך שרייב, דערצייל, נאָר אַלץ ווערט באַגלייט מיט אַ קוואַל פון טרערן... איך בין אין מדינת ישראל, אַ לעבעדיקער ייד מיט מיידאַנעק אין האַרצן, אַנטקעגן — פוס־צו־פוס דער מיידאַנעק־מצבה אין נחלת־יצחק, האָב איך צוויי ערטער — פאַר מיר און מיין פרוי. אויך נאָכן טויט קען איך זיך נישט שיידן פון מיידאַנעק. אויך דעם ספר מיינעם „שיע טשעכעווער דערציילט" זאָל מען אַוועקלייגן אויף מיין קבר, איך וועל אויפשטיין און אים לייענען טויטערהייט, אויך דאָרט טאָר מען נישט פאַרגעסן".

צו שיע טשעכעווער וויל איך זאָגן: יישר כוח, ר' שיע, פאַר דעם וויכטיקן צושטייער צו אונדזער חורבן־ליטעראַטור. אייערע צוויי ערטער אין נחלת יצחק קאָנען וואַרטן ביז 120 יאָר — און זאָל דאָס לעבן אין ישראל, — כאָטש אין אַ געוויסער מאָס, זיין פאַר אייך און אייער פרוי אַ באַלוינונג פאַר דעם בלוטיקן יסורים־וועג וועלכן איר האָט אַדורכגעמאַכט.

# א רעליגיעז־ציוניסטישע נאָוועלע

ד״ר אליהו שולמאַן

**יחיאל גראַנאַטשטיין: „פרעמדע וועלדער—אייגענע ערד", פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אָביב, 1979, 215 זייטן.**

יחיאל גראַנאַטשטיין האָט אָנגעהויבן שרייבן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער האָט דאַן געהאַט פאַרעפנטלעכט דערציילונגען און מיניאַטורן אין דער אָרטאָדאָקסישער יידישער פּרעסע אין וואַרשע און לאָדזש. אין די מלחמה־יאָרן איז ער געווען אַ פּאַרטיזאַן אין די ביעלאָרוסישע וועלדער. נאָך דער מלחמה האָט ער אַרויסגעגעבן אין פּאַריז אַ בוך דערציילונגען אונטערן נאָמען „איך האָב געוואָלט לעבן", וווּ ער האָט געשילדערט די פּאַרטיזאַנען־קאַמפן. ער האָט זיך באַזעצט אין ישראל, וווּ ער באַטייליקט זיך אין די העברעישע אָרטאָדאָקסישע צייטונגען און אויך זיך געדרוקט אין דער טעגלעכער יידישער צייטונג „לעצטע נייעס". אין ישראל האָט ער אַרויסגעגעבן דריי זאַמלונגען אויף העברעיש. איינע „שמש בענן" איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון מוסד הרב קוק.

לעצטנס, כמעט דריי צענדליק יאָר נאָך דעם ווי ער האָט געהאַט אַרויסגעגעבן זיין איינציקן בוך אויף יידיש — איז אַרויס זיין ראָמאַן אָדער נאָוועלע אויף יידיש: „פרעמדע וועלדער—אייגענע ערד", דערשינען מיט דער הילף פון תל־אָביבער פאָנד פאַר ליטעראַטור און קונסט, פאַראיין פון יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן אין ישראל און דעם אליעזר פּינעס ליטעראַטור־פאָנד. אַזוי אַרום האָט דאָס בוך די הסכמה פון דריי חשובע אינסטיטוציעס.

יחיאל גראַנאַטשטיין האָט זיין נאָוועלע געשריבן אין אַ טראַדיציאָנעלן נוסח פון דער יידישער ליטעראַטור. עס זענען דאָ שטייגער־שילדערונגען, באַשרייבונגען פון שבת און יום־טוב, פון משפּחה־לעבן און עס זענען דאָ קינדער וואָס מען דאַרף חתונה מאַכן. עס זענען דאָ בילדער פון ווי מען פּראַוועט חסידות, מען פאָרט צום רבין כדי אויסצורעדן זיך דאָס האַרץ, כדי צו באַקומען אַ ברכה, און בכלל כדי דערמוטיקט צו ווערן. און אפילו די שוועריקייטן, די ראַנגלענישן פאַר פּרנסה, די שנאה מצד די גוייִשע שכנים, ווערט דערציילט אין אַ מינאָרן טאָן, ווייל ס'איז דאָ בטחון און דער טיפער גלויבן, אַז גאָט וועט העלפן. דער מחבר באַציט זיך מיט טיפער סימפּאַטיע צו זיינע יידן און צו זייערע פּראָבלעמען, הגם ער מישט זיך אַריין און ווייזט אָן, אַז מען האָט געדאַרפט, אין געוויסע צייטן, אַנדערש האַנדלען, אָבער אין אַלגעמיין האָט דער אויטאָר ליב זיינע געשטאַלטן און אָפט פילט זיך אַ סענטימענטאַליזם. מען שפּירט אויך אין בוך די השפּעה פון שלום אַשן און פון דעם אופן ווי שלום אַש האָט כאַראַקטעריזירט געוויסע פיגורן אין זיינע ווערק.

גראַנאַטשטיין איז, ווי מען קען עס פון זיין ביאָגראַפיע און פון דעם ראָמאַן גופא, אַ רעליגיעזער ייד און אַ ציוניסט. זיין ראָמאַן איז, אין אַ געוויסן זין, אַ טענדענץ־ראָמאַן, וווּ עס קומט אַרויס בולט זיין אידעאָלאָגיע. אָבער הגם מען פילט די טענדענץ, שטערט עס אָבער נישט דעם גאַנג פון דער נאָוועלע, ווייל די טענדענץ איז כמעט ווי אינטעגרירט און איז קינסטלעריש אויסגעדריקט. אָבער אין דער זעלבער צייט פילט מען, אַז דער מחבר ווענדט אָן באַוווּסטזיניק גאַנץ אָפט מיטלען אַרויסצוברענגען וואָס בולטער די טענדענץ, בשעת אַנדערע עלעמענטן אין ראָמאַן ברענגט ער אַרויס אויף אַ ווייניקער קענטיקן אופן.

די טעמע וואָס גראַנאַטשטיין באַהאַנדלט, איז אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי געזאָגט, נישט קיין נייע. די אַלע געשטאַלטן, די סביבה, די מנהגים, די ראַנגלענישן, קענען מיר שוין פון די ווערק פון די פריערדיקע דורות יידישע שרייבערס וואָס זענען געשריבן געוואָרן מיט 15—50 יאָר צוריק, טאַקע דערהויפּט אין די יאָרן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. מיר האָבן אָבער דאָ אויך בילדער פון די געשעענישן אין צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, פון חורבן און פון דער נאָך־מלחמהדיקער תקופה.

גראַנאַטשטיין באַשרייבט אויך ווי אַזוי די דייטשן זענען זיך באַגאַנגען מיט די יידן, אָבער ער טוט עס אויף אַ גאָר שטילן, רויִקן אופן, מיט קינסטלערישן קאָנטראָל און אָפט מאַכט די דאָזיקע רויִקייט אַ טיפן איינדרוק. גראָד די דייטשע מערדערייען און די מעשים תעתועים פון די פּוילישע שכנים ווערן איבערגעגעבן פון אַ מין אָביעקטיוון אָבסערוואַטאָר, וואָס אַ סך וועלן האַלטן אַז עס איז אַ חסרון און אַנדערע וועלן עס גראָד האַלטן פאַר אַ מעלה.

דער מחבר הייבט אָן זיין נאַראַטיוו אין אַ רויִקן, כמעט עפּישן טאָן. ער שרייבט: „אַ בייזער רעגן האָט געגאָסן פון דער פרי אָן, און אַ טאָג פון פּדיון אויף דער לעווערטאָווער גאַס איז געגאַנגען פאַרלוירן. אַפילו די אָרעמע גאַסן־הענדלערקעס וואָס יעדן טאָג זיצן זיי אָפּ פון פרימאָרגן ביז שפּעטן אָוונט אויף די שוועלן פון די הייזקעס אַרום דער לעווערטאָווער גאַס און פאַרקויפן אין גלעזלעך געקאָכטע צוקער־באָבעס פון פאַר־סאָלשעטע, אייזערנע טעפּ אַרויס... אַפילו זיי זענען פאַרבליבן אין דער היים מיט זייער סחורה אין די ווילגאָטנע שטיבער פון יאַטקע־געסל, נישט ווייט פון טויטן־בריקל וואָס פירט צום אַלטן בית־החיים — אַ מקום פון שפּעדיקער, דורותדיקער אָרעמקייט". און ווי אַ קאָנטראַסט צו דער אָרעמקייט — שטעלט פאָר דער נאַראַטאָר — אַ ייד אַ גביר, אַ באַלעבאָס פון איינער פון די גרעסטע הייזער אויף לעווערטאָווער גאַס און אַ גרויסער וואַלד־סוחר, ר' מרדכי־פייוול צווייגרייך, וואָס איז אי אַ נגיד, אי אַ חסיד — און וואָס איז אַ באַקאַנטע פיגור אין דער יידישער ליטעראַטור. עס ווערט באַשריבן די וווינונג וואָס איז געווען פול מיט ליכט. זיין פרוי, וואָס איז געזעסן מיט אירע „עלטערע גבאי'טעס נשים צדקניות" און האָבן אויסגעאַרבעט פּלענער צו העלפן אַ נויט־באַדערפטיקע משפּחה. עס ווערן באַשריבן די גרויסע געשעפטן וואָס מרדכי־פייוול צווייגרייך פירט אָן, זיינע באַציונגען מיט אַ פּוילישן פּריץ מיט וועלכן ער האַנדלט, אָבער אין דער זעלבער צייט האַלט ער זיך גאָר נאָענט מיט זיין רבי'ן צו וועמען ער פאָרט אָפט. עס איז דאָ אַ פיינע קינסטלערישע סצענע ווי אַזוי ר' מרדכי־פייוול קערט זיך אום פון אַ נסיעה צום רבי'ן, און דער עולם חסידים קומט צו אים אין הויז וווּ ער גיט איבער וואָרט ביי וואָרט דעם רבי'נס תורה־שמועס, וואָס ער האָט געהערט. דער מחבר, שפּירט מען, איז דאָ אין דער התלהבותדיקער מסיבה און צוזאַמען מיט אַלע חסידים האָט ער „געטרונקען מיט דורשט דעם רבינס תורה־רייד". די שטימונג ווערט צעשטערט, ווען אַ פּוילישער פּריץ קומט צו פאָרן, כדי צו זען

זיך מיט רב מרדכי־פּייוולען און אַ חסיד דריקט זיך אויס, אַז די שכינה איז צוזאַמען מיט אַלע ייִדן אין גלות. „אָט קומט אַ גוי, אַ טמא, און דו דאַרפסט גלייך אָפּטרעטן דיין פּלאַץ פאַר אים... אַזאַ געהויבנקייט אין מיטן דער וואָך און אַזוי צעשטערט". אָט די קאָנטראַסטן צווישן אַ וועלט פון רוחניות און טאָג־טעגלעכקייט, ווערט אָפּט באַוויזן. מען קען גרייִלער זאָגן אַז די עצם טעמע פון בוך איז אי די אויסגעפאַנטאַזירטע ייִדישע וועלט, אי די רעאַליטעט פון דעם לעבן אין גלות, אין פּוילן, צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

גראַנאַטשטיין אַנטוויקלט בהדרגה אַ סיפּור־המעשה. ער מאָלט גאַנץ רעאַליסטישע בילדער און גיט אייך באַשרייבונגען פון דער גרויסער אָרעמקייט, פון דער רשעות פון דער פּוילישער רעגירונג און פון דער שנאה פון די פּאָלאַקן צו די ייִדן — טאַקע אַן אומזיסטע שנאה — אָבער אַ ביטערע. דער נאַראַטאָר מישט זיך אויך אַריין און זאָגט מוסר, פאַר וואָס ייִדן וואָס זענען שוין געווען אין ארץ־ישראל, קערן זיך צוריק קיין פּוילן.

אין איינעם פון די אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן, האָבן די פּאָלאַקן צעשלאָגן דעם גבירס טאָכטער. די ייִדישע עדה איז אויפגעבראַכט, די ייִדן זאָגן תהילים, מען רייסט איין וועלטן, מען בעט די הילף פון רבין, אָבער נקמה נעמען זענען גרייט די יונגעלייט פון יאַטקעגעסל. דאָס דערמאָנט זייער שטאַרק אַן שלום אַשס „קוילער־געסל", ווו די „ווילע יאַטן" זענען גרייט צו געבן אַ ווידערשטאַנד און די פרומע ייִדן פילן זיך דעמאָלט זיכערער.

דער מחבר דערציילט, ווי אַזוי דער נגיד רב מרדכי־פּייוול באַזוכט ארץ־ישראל, ווו ער האָלט ביים אָפּקויפן אַ גרויסע געביידע. אָבער נאָך לאַנגע חשבונות באַשליסט ער נישט צו קויפן און קערט זיך אום קיין פּוילן, פּונקט ווי פריער האָט עס געטאָן בערל דער שענקער. דאָ ברענגט אַרויס גראַנאַטשטיין קלאָר זיין טענדענץ, ווען ר' מרדכי־פּייוול בלייבט אין ארץ־ישראל, ברענגט זיין משפּחה און קויפט די געביידע אויף אַלענבי — ווי אַנדערש וואָלט געווען זיין גורל און דער גורל פון זיין פאַמיליע. ער קערט זיך אום קיין פּוילן. עס ברעכט אויס די מלחמה און דעמאָלט באַנעמט ער דאָס וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. זיין משפּחה ווערט אומגעבראַכט פון דעם פּוילישן פּאַן, ביי וועמען ער האָט געהאַט אָפּגעקויפט אַ וואַלד, אָבער גראָד ווערט ער געראַטעוועט פון אַ פּאָלאַק וואָס האָט געאַרבעט ווי אַן אויפזעער פון זיין וואַלד. די הריגה פון זיין הויז־געזינד און זיין בלייבן לעבן דורך אַ צופאַל און זיינע איבערלעבענישן אין אַ גרוב, ווו זיין אויפזעער באַהאַלט אים, ווערן גראָד באַשריבן קורץ און כמעט ווי נישט־דערזאָגט. ר' מרדכי פרעגט די גאָר וויכטיקע קשיא: פאַר וואָס? און פאַר וואָס איז ער געבליבן לעבן, בשעת די אַנדערע ייִדן זענען אומגעבראַכט געוואָרן? זיין אויפזעער שטעלט איין זיין לעבן און גייט אין שטאָט און ברענגט אים אַ טלית און תפילין, וואָס האָבן געהערט צו זיינעם אַ ידיד און ער האָלט אין איין פרעגן: פאַר וואָס איז זיין פריינד אומגעקומען און ער באַנוצט זיך מיט זיין טלית און תפילין? אָבער אין דער זעלביקער צייט האָט ער גרויס בטחון און האָט נישט קיין תרעומות צו גאָט.

גאָר רירנדיק איז די באַשרייבונג ווי נאָך דער מלחמה גייט אַרויס רב מרדכי־פּייוול פון זיין באַהעלטעניש. ער קען נישט פאַרטראָגן די רייד פון די פּאָלאַקן וואָס זענען געקומען זיך פרייען מיט אים, וואָס ער האָט איבערלעבט די מלחמה. ער באַזוכט דעם מאַסן־קבר פון זיין הויז־געזינד, ער געזעגנט זיך מיטן פּאָלאַק וואָס האָט אים געראַטעוועט. ר' מרדכי־פּייוול באַשליסט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און דאָרטן האָט ער אויסטערלישע באַגעגענישן: ער באַקומט אַ הויז, אַ שטיקל ערד און ער באַאַרבעט זיין נחלה. מען וווּנדערט זיך, פאַר וואָס אַזאַ פרומער ייִד האָט זיך גאָר פאַרקליבן קיין רמלה, ווו ער אַקערט די ערד. אָבער דאָס האָט ער געוואָלט, און דאָס האָט ער דערגרייכט. ער געפינט שלווה אין ישראל ביי ערד־אַרבעט. די בלעטער — שרייבט גראַנאַטשטיין — „האָבן מיטגעדאַוונט, מיטגעבויגן זיך און צעטראָגן זיין תפילה — מודים אנחנו לך". אַזוי פאַרענדיקט גראַנאַטשטיין זיין רעליגיעז־ציוניסטישע נאָוועלע. ער האָט אָבער אויך נישט פאַרגעסן דעם חורבן און ער דערציילט, אַז ר' מרדכי־פּייוולס בליקן האָבן אים צוריקגעפירט צו דער לאָפּעטע וואָס האָט געשטעקט „אין דער ערד אַ ביסל קרומלעך, ענלעך צו אַן איבערגעבראָכענער מצבה אויף אַ פאַרוואַרלאָזטן בית־הקברות". דאָס איז אַ דערמאָנונג, און די איבערגעבראָכענע מצבה אויף אַ פאַרוואָרלאָזטן בית־עולם — איז אַ מין סימבאָל פון דער קאַטאַסטראָפע פון מזרח־אייראָפּעישן ייִדנטום.

„אונדזער וואָרט", פּאַריז 12.4.80

„פאָרווערטס", 20.1.80

## אַ בריוו פון אַ לייענער

# ביכער און „ביכער" / יצחק רייכענשטיין

(אַ פּאָר ווערטער וועגן „געווען אַ מאָל אַ ייִדיש לובלין")

כ'בין נישט קיין ליטעראַטור־קענער און נעם זיך נישט אונטער צו זאָגן מבינות אויף לובלינער מחברים וועגן זייער היימשטאָט לובלין. נאָר נאָכן איבערלייענען דאָס בוך „געווען אַמאָל אַ ייִדיש לובלין" פון דוד איידעלמאַן, קום איך צום אויספיר, אַז ווען דער צוקונפטיקער היסטאָריקער וועט וועלן עפּעס וויסן פון אַמאָליקן ייִדישן לובלין און וועט זיך אָנטרעפן אויפן דערמאָנטן ספר, וועט ער באַקומען דעם איינדרוק, אַז די ייִדישע לובלין ביזן חורבן איז באַשטאַנען בלויז (אָדער כמעט בלויז) פון אונטערוועלט, גנבים, אַלפאָנסן און נאָך אַזעלכע שיינע „פּערזענלעכקייטן". (דאָ וויל איך אויסטיילן די בכבודיקע פּערזאָן פון מחבר'ס פאָטער, וועלכן ער דערמאָנט אין בוך און באַצייכנט אים, מיט רעכט, אַ בכבודיקער לובלינער ייִד).

איז טאַקע די אַמאָליקע ייִדישע לובלין באַשטאַנען פון די גאָלדע מאַליס, שמאַי אַלפאָנס, די בוטשעס, קיילער־יונגען, ווילע יונגען וואָס ווערן דערמאָנט, כמעט 90 פּראָצענט, אין בוך?

האָט טאַקע מיין פריינד דוד איידעלמאַן נישט געזען קיין שענערע ייִדישע לובלין? קיין מער בכבודיקע און פיינע ייִדן? און ווו איז די טייערע ייִדישע יוגנט, וואָס איז אַוועק אין די תפיסות פאַרן אידעאַל פון אַ בעסערן מאָרגן; די יוגנט, וואָס האָט זיך געווידמעט פאַר גאולת הארץ; די ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן געקלעטערט אויף די שטאַקן, כדי אין ייִדישע היימען אויסצולײדיקן די פּושקעס פון קרן־קימת; די יוגנט וואָס האָט געשפּילט פוטבאָל לשם ספּאָרט — און נישט פאַר פּעטע לוינען; די יוגנט, וועלכע האָט פאַרפולט די פּאַרטיי־קלובן און געפירט דיסקוסיעס וועגן וועלט־פּראָבלעמען? — וועגן דעם אַלעם — קיין וואָרט נישט אין בוך!

און ווו זענען די העוסקים בצרכי ציבור, די געזעלשאַפטלעכע טוערס פון אַלע שאַטירונגען און ריכטונגען, פון רעכטס און לינקס, רעליגיעזע און וועלטלעכע; טוערס לא על מנת לקבל פרס?! — וועגן דעם אַלעם — קיין וואָרט נישט! געהערט נישט דאָס אַלץ צום אַמאָליקן ייִדישן לובלין? באמת אַן עוולה!

זאָל מיר פריינט דוד איידעלמאַן מוחל זיין. איך וויל דאָ נישט קיינעם פּוגע בכבוד זיין. כ'בין בלויז אויסן זיך אָנצונעמען דעם כבוד פון דער אַזוי גייסטרייכער ייִדישער לובלין און לובלינער ייִדן וואָס זענען שוין היינט נישטאָ. לובלין, ווו איך האָב זיך דערצויגן און באַקומען מיין געזעלשאַפטלעכן צוגאַנג צו פּראָבלעמען.

מיין אויספיר: די קאָמיסיע אָדער קאָמיטעט פון ארגון יוצאי לובלין בישראל, וואָס פאַרנעמט זיך מיטן פאָנד צו העלפן לאַנדסלייט אַרויסגעבן ביכער — און טוען דערמיט אַ וויכטיקע אַרבעט — דאַרף אָבער קוקן מיט טויזנט אויגן, איידער מען באַשטעטיקט צו העלפן אַרויסגעבן אַ געוויס בוך וועגן לובלין.

# לזכרם ■ צום אָנדענק



## ברכה אַקסעלראָד־ראַטמאַן ז"ל

געבוירן אין לובלין דעם 15־טן דעצעמבער 1922, ביי די עלטערן עטל און ברוך ראַטמאַן, געוווינט אויף לובאַרטאָווסקע גאַס. נאָכן ענדיקן די פֿאָלקסשול פֿאָרט זי מיט די עלטערן און 4 שוועסטערן אַריבער קיין וואַרשע. מיטן אויסברוך פון דער 2־טער וועלט־מלחמה אַנטלויפט זי מיט די שוועסטערן קיין ראַטנפאַרבאַנד און באַזעצן זיך אין סאַמאַרקאַנד. ביים ענדע קריג קומען זיי צוריק קיין פוילן און באַזעצן זיך אין שטשעטשין. פון דאָרט — אומלעגאַל קיין עסטרייך און איטאַליע, ווו זי האָט חתונה מיט יצחק אַקסעלראָד אין יאָר 1947. אין 1948, נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינה, קומען זיי אין לאַנד. באַזעצט זיך קודם אין צפת, דערנאָך אין חיפה, ווו זי וווינט ביז איר פטירה, דעם 29סטן נאָוועמבער 1979. איבערגעלאָזט אין טיפן טרויער דעם מאַן, אַ זון, 4 אייניקלעך און 3 שוועסטערן.

זאָל איר די ערד גרינג זיין!

**ש. ש.**

✶

## אלי ברייטער ז"ל

דעם 10טן יוני ה. י. איז אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, נפטר געוואָרן מיין פעטער, אַ לובלינער ייד, **אלי ברייטער**. ער איז געווען פון די גרינדערס פון דער לאַנדסמאַנשאַפט אין מאָנטרעאָל. געקומען קיין קאַנאַדע אין יאָר 1928 און דאָ שווער געאַרבעט ביי שניידעריי. דער רוב זיצונגען און פאַרזאַמלונגען פון די לובלינער, זענען פאָרגעקומען ביי אים אין דער היים. דאָס האָט געדויערט ביז יאָר 1948. נאָך דער מלחמה, ווען קיין מאָנטרעאָל איז געקומען אַ יונגערע גענעראַציע לאַנדסלייט, האָט ער גערן צוגעלאָזט צו דער אָנפירונג די וואָס האָבן געהאַט אין דעם אַן אינטערעס.

אלי ברייטער איז געווען וויצע־פרעזידענט פון דער אונגאַרישער סאָסייטי אין מאָנטרעאָל. ער איז געווען אַקטיוו אין אַ ריי אַנדערע ייִדיש־געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס.

אלי ברייטער האָט פאַריתומט אַ פרוי, קינדער, אייניקלעך.

כבוד זיין אָנדענק!

**סעם ברייטער, מאָנטרעאָל**

✶



## אסתר ברוורמן־זנדשטיין ז"ל

באו לכאן, על קברך הרענן, אסתר, אוהבייך — המשפחה, החברים, הידידים, בני־עירך לובלין. כה רבים באו. כולם כאן — ולבך החם אינו נתון להם. והרי את, אסתר, אהבת אנשים, אהבת אותם באשר הם. המחלה האיומה שניצחה את הגוף — לא יכלה לנפש עירנית ורגישה, לפי שראינו אותך בשנה האחרונה. רצון עז היה לך לדעת, לעקוב אחר המתרחש, להיות מרותקת לבעיות הכלל.

זוכרים את דמותך, אסתר: זקופה, סוערת, עליזה, שובבנית, עם החיוך הלבבי — בעיר מולדתנו לובלין, אח"כ בפאריס ובארץ, מ־1935. לא חדלת להאמין וללחום, ללמוד ולאהוב. כשנפגשנו על אדמת המולדת, נכבשתי לבלתי־אמצעיותה, לסקרנותה האינטלקטואלית, לחוש ההומור שלה, לדאגתה לזולת. היה לה כשרון בלתי רגיל לחלק את חייה בין המשפחה ועבודתה הציבורית, בין פעילותה בוויצ"ו ובקליטת עליה.

לפני תריסר שנים, אחרי גירוש ע"י מוצ'ר וגיירק את שרידי יהדות פולין, באו ארצה כ־20 משפחות יוצאי לובלין. אסתר ואני ביקרנו בבתיהם של עולים חדשים אלה ובשם הוועד של ארגון יוצאי לובלין בישראל, שאסתר היתה בו חברה, מסרנו להם חבילות־מזון, תמיכה כספית וברכה לקראת ראש־השנה. אסתר היתה מאושרת מן המפגש הזה וביקשה לגייס אותה בכל עת שנזדקק לה.

וכך אנו זוכרים אותה: חברה וידידה מסורה, אינה מנתקת עצמה מהציבור, מארחת נפלאה בדירתה ברמת־גן ובמעונה החדש בתל־אביב, בה נפרדנו ממנה, אני ורעייתי, לפני נסיעתי לחו"ל, לפני חודש ימים, מתוך תקוה לפגוש אותה בריאה ויפה כתמיד. אבל המחלה הכריעה אותך, אסתר, ואנו, אבלים ואומללים, עומדים על קברה של אשה, שרכשה הערכה והוקרה רבה, שידעה למצוא שפה משותפת ולטפח קשרי־הבנה וחברות טובה.

היא ידעה להילחם על האמת שלה, לקרב אנשים, לשרת את הכלל.

נזכור את אסתר זנדשטיין־ברוורמן כאשה בעלת־ערכים, כדמות קורנת, כחברה יקרה, לבבית, נכונה תמיד להתנדבות ולהקרבה, חדורת אהבה למולדת, למשפחה ולידידיה.

נזכור אותך, „אסתר־מיין־שוועסטער" (כפי שהייתי פונה אליה), במלוא רעננותה, תקיפותה המחשבתית וכוננותה האישית, שהניחה אחריה, כעת, חלל ריק. אבל כבד ירד על חבריה וידידיה הרבים, על משפחתה המיותמת, ששירתה אותה בנאמנות ובמסירות־נפש. כוס תנחומים למשפחה!

יהי זכרה ברוך!

**דוד שמוקפיש**
(דברים על קברה)

כהלם נפלה הידיעה שהלכת מאתנו כה מהר. ידענו בזמן אחרון על מחלתך, אבל ציפינו שתבריאי ותחזרי לחיים תקינים כמו בעבר.

עלית ארצה בשנת 1935 ואת חבלי הקליטה עברו אליך, כמו לכל העולים דאז. הסתדרת בתל־אביב ויחד עם חברתי מקיבוץ, גרתם בחדר אחד. ההכנסה לא היתה בשפע, עבדת רק מספר ימים בשבוע, אבל מצב־רוח היה תמיד אתך, מלאת חיים ואופטימית לעתיד יותר טוב. במשך השנים הגשמת את שאיפותיך. בנית חיי־משפחה מסודרים ומאושרים.

בשנים אחרונות הצטרפת לארגון יוצאי לובלין והשתתפת ברוב האירועים.

זוכרים אותך, אסתר, מחייכת, המקרינה סביבה אוירה תרבותית, חמימות ורצון טוב. החיוך הנפלא לא סר ממך עד ימיך האחרונים, גם כאשר סבלת. רק מעטים מן הקרובים ידעו זאת, כי לא רצית להציק לאחרים.

ביום השואה והגבורה השתתפת פעם אתי בבית־הספר הממלכתי ברמת־השרון, שאימץ את קהילת לובלין. רצית להחדיר לתלמידים את תודעת השואה ולימוד ההיסטוריה על עמנו בגולה ואת תקומת עם ישראל בארצנו.

היה בך הכנסת־אורחים נפלאה ומאירת פנים. יוצאי לובלין מרכינים את ראשיהם על קברה של בת עיר וידידה נאמנה.

תהיה נשמתך צרורה בצרור החיים.

**מתתיהו הורן**

✶

## אברהם בידערמאַן ז"ל

געבוירן אין טשעכיוו, אַ פאַרשטאָט אין לובלין. פון די יינגסטע יאָרן געווען אַקטיוו אינעם ספּאָרט־קלוב „וויעניאַוואַ", געהערט צום קאָמיטעט פון די יונגע מיטגלידער. זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פוטבאָל־שפּיל ווי אַ פּאַרטיידיקער. אין 1938, ווען די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט האָט באַשלאָסן אויפצולייזן דעם קלוב, איז בידערמאַן מאָביליזירט געוואָרן אין דער פוילישער אַרמיי און געדינט אין זאַמאָשטש ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין סעפּטעמבער 1939 קומט ער צוריק קיין לובלין. ער, צוזאַמען מיט מיר און מיין ברודער באַשליסן צו אַנטלויפן קיין רוסלאַנד, ווייל די דייטשן האָבן שוין געהאַט באַזעצט די שטאָט. ביזן יאָר 1946 האָבן מיר געאַרבעט אין אַ קוילנ־

גרוב אין רוסלאַנד, און מיט דער רעפּאַטריאַציע זיך אומגעקערט קיין פּוילן. אין יאָר 1947 האָט ער חתונה געהאַט אין ווראָצלאַוו און דערנאָך עולה געווען קיין ישראל, ווו ר׳האָט זיך באַזעצט אין בת־ים.

בידערמאַן האָט פאַריתומט אַ פרוי און קינדער.

כבוד זיין אָנדענק!

**יוסף צוקערפּיין, מאָנטרעאַל**

★



## מישעל בוימאל ז״ל

אין חודש נאָוועמבער 1979 איז אין פראַנקרייך געשטאָרבן מישעל בוימאל. געבוירן אין יאָר 1910 אין גורא פּולאַווסקאַ. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געקומען מיט די עלטערן קיין לובלין. אין יאָר 1931 עמיגרירט קיין פראַנקרייך און געפירט אַ געשעפט פון פעלצן.

די חורבן־תקופה איבערגעלעבט אין דרום־פראַנקרייך, אין דער א. ג. פרייער זאָנע, ווו ער האָט מיטגעאַרבעט מיט דער אונטערגרונט־באַוועגונג (רעזיסטאַנס). נאָך דער באַפרייונג געלעבט אין פּאַריז. חתונה געהאַט אין יאָר 1953. ווי אַ הורט־סוחר פון פעלצן האָט ער געשטיצט ישראל מיט אַ סך געלט.

נאָכן זעקס־טאָגיקן קריג, האָט ער אַדורכגעפירט אַ געלט־אַקציע אויך ביי פיל קריסטלעכע סוחרים, מיט וועלכע ר׳איז געשטאַנען אין האַנדלס־באַציונגען.

זיין טויט האָט אַרויסגערופן טיפן טרויער ביי דער משפּחה, פריינד און באַקאַנטע. מישעל האָט פאַריתומט אַ פאַרהייראַטע טאָכטער, אַ זון און אַ טאָכטער.

כבוד זיין אָנדענק!

**ז. פּ., פּאַריז**

★

## מאַקס הערץ־לענקייביץ ז״ל

(שנה לפטירתו)

מאַקס הרץ־לנקייביץ ז״ל, בן לובלין, היה מוכר ליוצאי עירנו בארץ, כחבר פעיל בוועד ארגוננו, כמשתתף במחתרת הפולנית בתקופת השואה, בה עסק בעיקר בהצלת יהודים מצפורני הנאצים ומעורב בנוער ציוני מאורגן, עד פרוץ מלחמת העולם השניה.

בשנתון של ארגוננו, „קול לובלין", קראנו לפני כמה שנים את זכרונותיו של מאקס וסיפורו הנפלא, איך הצליח לעמוד כנגד הרוצחים הגרמניים ובאותה עת לדאוג לאחרים, לעזור ולעודד.

בשיחותי הרבים אתו, לא פעם אחד שאלתיו: „מה ממריץ אותך, ידידי, להצטרף ולפעול בארגון כאילו מיושן, החי רק עם זכרונות העבר, העוסק בעיקר עם אזכרות, הנצחה — בו בזמן שאתה, כעורך־דין ובעל־משפחה, יכולת למצוא אפיקים אחרים לפעולה ציבורית וחברתית?" הוא ענה לי, שעיר ילדותו כה מושרשת בליבו, שאינו יכול לתאר לו, איך אפשר להתרחק או לזלזל בפעולות כגון אלה. הרי החיים היהודיים טיפחו ובנו לא „השכחנים", אלא אנשים, שזכרון הכלל והפרט ביחד, מלווים אותם לאורך כל הדרך.

נאמן להשקפתו זו, השתדל להיות בחברה של יוצאי עירו, השתתף ברוב הישיבות והתעניין בנעשה ב„לנדסמנשאפט". עצותיו המשפטיות עזרו לנו הרבה.

ה„קליינטים" שלו במשרדי קרן הגמלאות המרכזית, הפנסיונרים בפוטנציה והגמלאים בפועל, ידעו, שמאחורי השולחן יושב לא פקיד אי־סבלני ואי־סובלני, אלא יהודי עם לב חם, המקשיב והמסביר את „האותיות הקטנות" על הזכויות לאנשים שהגיעו לגיל 65 או 60. אבל הוא עצמו, לפני הגיעו לגיל פרישה מעבודה, חלה באופן פתאומי ונלקח ממשפחתו ומאתנו בטרם עת, בהיותו במלוא כוחו ואונו.

חבל על דאבדין של דמות יקרה ולבבית זו. המשפחה והארגונים שבהם מאקס היה פעיל, יקימו בוודאי מפעל להנצחת שמו — ובשנה השניה לפטירתו נחלק מפרי הקרן לאנשים או למוסדות הראויים לכך.

שמו של מאקס הרץ־לנקייביץ׳ יהיה חרות לא רק בזכרונה של רעייתו זושה, הבנים, האחים והמשפחה. גם הידידים והחברים הרבים יזכרו אותו לנצחה.

**ד. ש.**



## אלתר (אַרטור) וירצר ז״ל

לרשימת הנפטרים של חברי ועד ארגון יוצאי לובלין בישראל, אנו מוסיפים היום, לצערנו הרב, עוד שם: אלתר (ארטור) וירצר ז״ל. לפועלו הציבורי של האיש ברצוני להוסיף גם נימה אישית:

אני זוכר אותך, אלתר, עוד מספסל הלימודים בבית ספר העממי הפולני מס׳ 28 בלובלין. בית־ספר זה, ששמו הרשמי למחצה היה „שאַבאַסוווקה", כיוון שמוסד ממלכתי זה היה מיועד רק לתלמידים יהודים שלמדו בו בימי א׳ במקום בשבתות (ומכאן השם המוזר הזה „שאַבאַסוווקה"), היה בעצם מוסד חינוכי להתבוללות גמורה, בגלל המנהל, המחנך והמורים. אמנם כולם יהודים, אבל כפקידים ממשלתיים, פקדו עלינו לדבר פולנית לא רק בזמן השיעורים, אלא בהפסקות, בבית, ברחוב. ואתה, אלתר, כמוני וכמו רוב התלמידים, התנגדת לכפייה זו. כילד מבית יהודי מסורתי, לא השלמת עם הגזירה ועל רקע זה פרצו סכסוכים רבים בינך והמורים. וכך נחרטת בזכרוני מאותם הימים: כאיש מרידה, התנגדות ולחימה נגד עוול, אי־צדק ואי־שיוויון. הגישה הזאת הביאה אותך אח״כ לשורת הלוחמים בתנועת הפועלים שבמחתרת, בו סיכנת את החופש והחיים למען ענין, שבו ראית את שלימות הצדק, השיוויון וגם הפתרון הרצוי לבעיות הכאובות והמטרידות של עמנו.

בימי המלחמה מצאת מקלט בברית־המועצות — והאכזבות מן החיים שם גרמו לכך, שהקמת במדינת היהודים בית חם ומשפחה לתפארת. אנו, יוצאי לובלין, מצאנו בבית זה הכנסת אורחים לבבית, אווירה מיוחדת במינה והתעניינות רבה בעניינים ציבוריים בכלל ובבעיות יוצאי עירנו בפרט.

קשה להשלים עם העובדה המרה, שמרדן ולוחם כארטור וירצר נכנע למחלה ממארת, למרות מאמצי הרופאים ומסירותה, נאמנותה והקרבתה של רעיתו אווה, ילדיה והמשפחה.

במה אנחם אותכם, אווה, הילדים, הנכדים והמשפחה? דעו לכם, שהסתלקותו של אלתר היא אבידה לא רק בשבילכם, אלא גם עבור יוצאי לובלין בישראל ובתפוצות, שהכירו אותו וידעו את פועלו למען ארגוננו וגם לרבים מבני־לובלין באופן אישי.

אנו, יחד עם המשפחה, חייבים לדאוג לכך, שעם סתימת הגולל, לא ישכח שמו, אלא להנציחו בצורה מכובדת והולמת את אופיו, לחימתו ומסירותו למשפחה, לחברה ולמדינה.

**יהי זכרו ברוך!**

**דוד שטוקפיש**

**(דברים על קברו)**

★



## צדוק זיגעלמאַן ז״ל

(1979—1901)

מיין ברודער צדוק איז געבוירן געוואָרן אין לובלין אין 1901. געלערנט אין חדר, אין שול, דערנאָך זיך אויסגעלערנט זיין פאַך: קירזשנערייַ.

נאָך אַלס יוגנטלעכער האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער „געזעלשאַפט אוונט־קורסן" און דערנאָך אין דער לינקע פּועלי־ציון באַוועגונג, וועלכע ער איז געבליבן געטריי ביזן סוף פון זיין לעבן.

אין 1925 עמיגרירט ער פון לובלין קיין בעלגיע. דאָרט האָט ער געהייראַט און אויפגעשטעלט זיין פאַמיליע. פון בעלגיע, בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע, איז זיין פרוי דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אויש־וויץ, ווו זי איז אומגעקומען. דער זון איז געראַטעוועט געוואָרן און נאָכן קריג אַריבערגעפירט געוואָרן קיין אַמעריקע.

אין 1950 פאָרט צדוק אויך דאָרט אַריבער און שטעלט אויף זיין ניי

הויז אין ניו־יאָרק. פון דאָרט קומט ער איינציקע מאָל באַזוכן ישראל און זיין משפחה, מיט וועלכער ער איז טיף פאַרבונדן. ער גרייט זיך צו אַ נייע נסיעה אין 1980, אָבער ער איז נישט מער זוכה זי דורכ־צופירן.

ער שטאַרבט אין עלטער פון 78 יאָר אין ניו־יאָרק. באַגלייט דורך זיין משפחה און צאָלרייכע פריינד, קומט ער דאָרט צו זיין אייביקער רו.

זיין ברודער
**בנימין לובעלסקי**

★



## חיים יורקאָווסקי (יונגמאַן) ז״ל

אין עלטער פון 77 יאָר איז אַוועק אין דער אייביקייט דער חבר חיים יורקאָווסקי. געבוירן אין לובלין (24.8.1903) און געוווינט אין דער שטאָט ביז די דרייסיקער יאָרן.

60 יאָר פון זיין ערלעכן און אַרבעטזאַמען לעבן, האָט ער גע־ווידמעט דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. נישט גע־קוקט אויף די נישט־ווייניקע אַנ־טוישונגען, איז ער ביזן לעצטן אָטעם פון זיין לעבן געבליבן גע־טריי די אידעאַלן פון דעם נישט געפעלשטן סאָציאַליזם, פריי פון דאָגמאַטיזם.

אין די יונגע יאָרן איז ער אַ־ריינגעטראָטן אין דער קאָמוניסטי־שער פאַרטיי פון פוילן, מיט אירע אידעען פון אינטערנאַציאָנאַליזם, מיט דער גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, פון די יידן. אין די 30ער יאָרן געווען געצוווּנגען צו אַנטלויפן פון פוילן אין וויטן אַרגענטינע, ווו ער נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין די רייען פון דער לינקער אַרבעטער־באַווע־גונג.

יורקאָווסקי איז פון די ערשטע פרייוויליקע מאָביליזירטע צו פאַר־טיידיקן די שפּאַנישע רעפובליק קעגן דער דראָענדיקער געפאַר פון פאַשיזם. ער האָט געקעמפט אויף אַלע פראָנטן, ביזן לעצטן טאָג פון דער עקזיסטענץ פון דער שפּאַ־נישער רעפובליק. נאָך דער שווע־רער מפּלה, געפינט ער זיך אין אינטערניר־לאַגער אין פראַנקרייך. בעת דעם אויסברוך פון דער 2טער וועלט־מלחמה, האָט זיך חיים מאָ־ביליזירט פון דער דאָזיקן לאַגער אין דעם אָרגאַניזירטן דורך שי־קאָרסקין פוילישן ים־פלאָט. ער האָט געקעמפט אין די רייען פון דער אַנטי־היטלעריסטישער קאָאַ־ליציע. נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון דייטשלאַנד, קערט ער זיך אום קיין פוילן, ווו ער איז פון די ערשטע טעג טעטיק אויף די סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכסטע פּאָזיציעס.

נישט געקוקט אויף זיין איבער־געגעבענער טעטיקייט, האָט ער נישט זוכה געווען צו אַ פאַרדינ־טער אָנערקענונג סיי צוליב זיין יידישער אָפּשטאַמונג, סיי צוליב דעם, וואָס בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט ער זיך גע־שלאָגן אויף די מערב־פראָנטן, ווייל „כשר" זענען געווען נאָר די וועלכע האָבן געקעמפט אויפן מז־רח־פראָנט. ער האָט עס שווער איבערגעלעבט, וואָס איז, וואָר־שיינלעך, געווען דער אָנהייב פון זיין שפּעטערדיקער טיפער אַנטוי־שונג.

דער סטאַלין־קולט, פאַרשידענע פאַרבאָרגענע און אָפענע פאַר־ברעכנס, צביעות און דער אַנטי־סעמיטיזם, האָבן אים איבערצייגט, אַז אין די ראַמען פון דער פאַרטיי זענען נישט פאַראַן קיין שום אויס־זיכטן צו קעמפן קעגן אומווירדיקע דערשיינונגען. ווען די פאַרטיי האָט פאַרלוירן איר זעלבשטענדיקייט, אויספירנדיק די פּאָליטישע ריכט־ליניעס פון מאָסקווע, האָט ער פאַרלאָזט די פאַרטיי און באַשלאָסן צו עמיגרירן קיין ישראל.

אין אָנהייב איז יורקאָווסקין מיט זיין משפחה נישט לייכט געווען צו אַקלימאַטיזירן זיך אין לאַנד. ער האָט געמוזט שווער אַרבעטן אויף די בויאונגען, נישט געקוקט אויף דער שווערער אַסטמע. ער איז גע־שטאָרבן אין בת־ים, דעם 11.6.80.

כבוד זיין אָנדענק!

**א. ל.**

★



## טובה ליבערמאַן ז״ל

**דעם 26סטן מאַי 1980 איז אין תל־אביב, נאָך אַ לענגערער קרענק, אַוועק פון דער וועלט טובה ליבערמאַן.**

געבוירן אין 1909 אין לובלין, ביי פרומע עלטערן, איז זי צו 13 יאָר, ווען זי האָט געענדיקט די פאָלקס־שול, אַריינגעטרעטן אין דער פועלי־ציון „יוגנט". זי האָט געאַרבעט ווי אַ האַנדלס־אָנגע־שטעלטע און אין דער „יוגנט"־אָרגאַניזאַציע באַקומען אַ געזעל־שאַפטלעכע און פּאָליטישע אויס־שולונג אין גייסט פון באָראָכאָ־וויזם. מיט דער צייט איז זי אַריינגעצויגן אין דער פועלי־ציון פאַרטיי און געוואָרן טעטיק אויף אַלע געביטן: פראָפעסיאָנעלן, קולטורעלן און פּאָליטישן. זי איז געווען מיטגליד אין דער פאַרוואַל־טונג פון האַנדלס־אָנגעשטעלטן־פאַראיין, געווען טעטיק אין פּרע־זידיום פון די פאָלקסשולן, מיט־גליד פון קולטוראַמט (צענטראַלע פון די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען). איר אינטערעס פאַר אַלע פאַכן איז געווען זייער גרויס — פון ביוראָ־אָנגעשטעלטע ביז צו די טרעגער־אַרבעטער — און זי איז מיט אַלע זייערע ספּעציפישע פּראָבלעמען געווען אויסגעבונדן. שפּעטער איז זי געוואָרן די פאַר־טרעטערין פון פועלי־ציון ראַטמאַן אין לובלינער שטאָטראַט, דעם ח' בינדער ז"ל (וואָס איז אומגע־בראַכט געוואָרן דורך די נאַציס). ביז איר עליה, איז זי געווען פאַרזיצערין פון דער לובלינער פועלי־ציון אָרגאַניזאַציע.

אין יאָר 1932 איז זי עולה קיין ארץ־ישראל, ווו זי הויבט אָן אַר־בעטן ווי אַ האָטעל־אָנגעשטעלטע און איז טעטיק אין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, אין דער פועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע און שפּעטער — אויך אין „אַנטיפאַ". אין 1944 האָט זי זיך אויפגעבויט אַ משפחה, געבוירן אַ טאָכטער. אין 1970 איז איר מאַן געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק.

טובה איז ביז איר לעצטן לעבנסטאָג פאַרבליבן אַ טרייע פועלי־ציון חברטע און ממש מיט אירע לעצטע כוחות מיטגעהאָלפן די חברים אין זייער טעטיקייט, ווי אויך זיך באַטייליקט אין אַלע לובלינער אונטערנעמונגען.

כבוד איר אָנדענק!

★



## שלמה פרכטמן ז״ל

שלמה נולד ב־20.5.17 בלובלין, להוריו יוסף ושיינדל. היה בן יחיד ולו 3 אחיות. סיים את בית־הספר המקצועי והיה פעיל בתנועת ה־נוער של פועלי־ציון שמאל („יונג־באר"). ב־1939 גוייס לצבא הפולני ולחם במלחמת העולם השניה. עלה ארצה ב־1947 באניה „אקסו־דוס". שנתפסה ע"י האנגלים והוח־זרה לגרמניה. עלה שוב ב־1948 באניה „נילי". גוייס לצה"ל ולחם במלחמת העצמאות בקרבות בנגב. במבצע „קדש" שירת שוב באותה היחידה.

היה בעל ואב נאמן ואוהב. עבד קשה כל השנים, כדי לדאג למשפחתו ולתת לה את המקסימום. היה אדם חם וטוב לב, רגיש מאד ואהוב ביותר על משפחתו, ידידיו וחבריו. היה בלתי אנוכי, אהב לעזור לזולת ואהב חברה. זכה לחתן את בנותיו ולהנות מנכדיו אותם אהב מאד — אך מחלה קשה וממושכת הכריעה אותו.

**מרגו**

שלמה פראַכטמאַן געדענק איך פון לובלין, נאָך פון דער קינדער־אָרגאַניזאַציע „יונגבאָר" (יונגע באָראָכאָוויסטן), צו וועלכער מיר ביידע האָבן באַלאַנגט. אין לאָקאַל אויף רוסקע 18 איז ער געקומען פון דער וואָליע, איך — פון זאַמד. שוין אין יענע יאָרן האָבן מיר באַוווּנדערט זיין באַשיידנקייט,

teatrnn.pl

שטילקייט, ערלעכקייט און ערנסט־קייט. ווען מיר האָבן אין אָנהייב פון די פופציקער יאָרן זיך גע־טראָפן אין תל־אביב, איז פאַר מיר געשטאַנען דער זעלבער שלמה — אַ גוטהאַרציקער ייד, גרייט צו העלפן אַנדערע, אַ מוסטערהאַפטער מאַן און ליבנדיקער פאָטער. וואָס שייך לובלין, איז ער תמיד געווען וויליק צו שטיצן די לאַנדסמאַנ־שאַפט — פינאַנסיעל און אָרגאַ־ניזאַציאָנעל, אַפילו אַנגערעגט זיין פרוי מאַרגאַ, נישט קיין לובלינע־רין, זי זאָל אַ געוויסע צייט פירן אונדזער קאַסע און בוכפירונג.

מיט זאָרג און האָפענונג האָבן מיר נאָכגעפאָלגט די קראַנקייט פון שלמה'ן, וועלכע איז אים בייגע־קומען אויף אַן אַכזריותדיקן אופן. אַ טרייסט דער פאַריתומטער פרוי, די טעכטער, איידעמס און אייניק־לעך דאַרף זיין דער גוטער נאָמען וועלכן ס'האָט נאָך זיך געלאָזן דער דאַזיקער טייערער, ווילער ייד.

כבוד זיין אָנדענק!

**דוד שטאָקפיש**

★



## ישעיהו בן נחמיה הלוי צוקערמאַן ע"ה

געבוירן אין ביכאַווע, נעבן לוב־לין, ביי חסידישע עלטערן. אַ סוחר. חתונה געהאַט אין 1938 מיט דאַבטשע זייפשטיין, די טאָכטער פון אַ לובלינער בעל־הבית, ר' לייבעלע זייפשטיין פון נאַד־סטאַווע 20. דורכגעמאַכט דאָס גיהנום אין פוילן, ביי די נאַציס. אין 1949 איז ער מיט זיין פרוי און קינד עולה אין ישראל. אין 1955 עמיגרירט די משפחה קיין מעלבורן, ווו ער נעמט גלייך אַן אַקטיוון אָנטייל ביים גרינדן אַ לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט. ווערט אויסגעקליבן אין ראַט פון די לאַנדסמאַנשאַפטן און נעמט אויך אָנטייל אין דער אַקציע ביים בויען אין מעלבורן דעם מאָנומענט אין אָנדענק פאַר די אומגעקומענע זעקס מיליאָן קדושים. אין 1970 באַזעצט זיך צוריק די משפחה אין חיפה. ענדע 1979 פאָרט ער מיט דער פרוי נאָך מעלבורן, צום גע־בורט פונעם צווייטן אייניקל.

דעם 26.5.1980 (י"א סיון תש"מ) איז ער נפטר געוואָרן אין עלטער פון 80 יאָר. מען האָט אים באַ־צייכנט אַלס „איש חשוב ומידות טובות".

ישעיהו צוקערמאַן האָט פאַר־יתומט זיין פרוי, אַ טאָכטער, איי־דעם און אייניקלעך.

★



## משה קאַפּפ ז"ל

אין עלטער פון 79 יאָר איז אין פאַריז געשטאָרבן איינער פון די פאַרדינסטפולע טוערס פון דער לובלינער סאָסיעטי, לאַנגיאָריקער פרעזידענט דע פעט און גוטער חבר.

לובלינער יידן אין פראַנקרייך דריקן אויס דעם טיפסטן מיט־געפיל דער פאַריתומטער משפחה.

כבוד זיין אָנדענק!

★



## יחיאל קאַסאָוואַי ז"ל

דעם 15טן אַפּריל 1980 איז אין מיאַמי־ביטש געשטאָרבן אונדזער בן־עיר און מיין נאָענטער חבר — יחיאל קאַסאָוואַי. געבוירן אין גרויס־טשעכיוו, אין אַ טראַדיציאָ־נעל־יידישער היים, נאָר פון דער פריסטער יוגנט געמוזט זיך לער־נען אַ פאַך — סטאָלעריי, כדי פאַר־לייכטערן דעם עול פרנסה. ער איז יאָרן־לאַנג געווען פאַרוואַלטונג־מיטגליד פון סטאָלער־פאַריין אין לובלין.

כבוד זיין אָנדענק!

**יעקב ווייצענפעלד**
מיאַמי־ביטש



## יידל קאַרמאַן ז"ל

מיט אַ יאָר צוריק איז אין פאַריז נפטר געוואָרן דער געזעלשאַפטלעכער טו־ער, קעמפער, האַרציקער מענטש און ווילער ייד, דער מאַן פון אונדזער בת־עיר טעשקע פאַרשטעטער — יידל קאַרמאַן.

מיר ברענגען גרעסערע אויסצוגן פונעם הספד אויף יידלס קבר, פון אונדזער בן־עיר מרדכי לערמאַן אין נאָמען פון לאַנד־קאָמיטעט פאַר יידיש און יידישער קולטור אין פראַנקרייך.

נישטאָ מער יידל... ווי טרויעריק אויפן האַרצן. ווען אומגעריכט מוז איך שטיין פאַר זיין ארון און מס־פיד זיין אַ חבר, אַ פריינט, אַ מענטש אין אַלע הינזיכטן פון וואָרט.

דער יידישער ישוב אין פראַנק־רייך און גאָר באַזונדער דער יידיש־רעדנדיקער ישוב, פאַרלירט איינעם פון אירע איבערגעגעבנס־טע טוער און די אבידה איז גאָר אַ גרויסע. יידל וועט זיין אומפאַר־טרעטבאַר און וועט דער געזעל־שאַפט פעלן אויף טריט און שריט. אין זיין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלע־כער טעטיקייט אין דער פעדעראַ־ציע און אין קאָמיטעט פאַר יידיש און יידישער קולטור, איז יידל געווען דער מענטש, מיט וועלכן מיר האָבן זיך שטענדיק באַראַטן און עס זענען קיינמאָל נישט גע־ווען צווישן אונדז קיין חילוקי־דעות.

פאַרשידנאַרטיק זענען געווען אונדזערע וועגן פּאָליטיש און גע־זעלשאַפטלעך, אָבער אין די לעצטע יאָרן האָט אונדז פאַראייניקט איין ציל — ישראל און די אַרטיקע טעטיקייט לטובת דער יידישער מדינה און לטובת דער קולטור־טעטיקייט פון יידישן ישוב.

צום ערשטן מאָל האָב איך זיך געטראָפן מיט יידלען אין וואַרשע, בעת דעם 20סטן יאָרטאָג פון אויפ־שטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. געווען איז דאָס נאָך דער שענד־לעכער פאַרשטעלונג א. נ. „דער חשבון" פון מירסקי. האָב איך אים, יידלען, געפרעגט, וועלכן חשבון האָבן מיר מיט דער וועלט — מיט די דייטשן אָדער מיטן יודנראַט, ווייל אויף דער בינע האָט מען בלויז געזען די יודנראַטלער און נישט קיין דייטש. האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט זיינע קלוגע אויגן און געשוויגן.

אין דעם מאָמענט איז מיר יידל געוואָרן אַ גוטער און נאָענטער ייד. ער האָט געווייטיקט אין זיך, אָבער נישט שטענדיק דאָס אַרויס־געזאָגט. ער האָט געווייטיקט דער־מיט, וואָס יידן האָבן זייער לעבן אָוועקגעגעבן פאַר אַ גרויסן אידע־אַל, האָפנדיק דערויף, אַז דער סאָציאַליזם וועט אויך ברענגען די ישועה פאַרן יידישן פאָלק.

ווי גרויס איז אָבער געווען זיין אַנטוישונג ווען נאָכן איבערלעבן דעם שווערן גהינום פון דעפּאָר־טאַציע בעת דער היטלער־תקופה, איז ער געווען עדות פון אַן אַנטי־סעמיטישער וואַקכאַנאַליע דווקא אין „סאָציאַליסטישן" פוילן.

דער שטאָלצער ייד און גרויסער רעוואָלוציאָנער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער יידישער פּראָבלעם וועט מוזן געלייזט ווערן דורך יידן אַליין, דורך שאַפן זיין אייגענע היים, ווען מיר וועלן זיין גלייכע מיט גלייכע. נישט אין חסד פון פרעמדע, נאָר אין חסד פון זיך אַליין וועט דאָס יידישע פאָלק אויפגעריכט ווערן. ער האָט זיך דעריבער דערנענטערט צו ישראל און צו איר אַרבעטערשאַפט. די יידישע מדינה איז געוואָרן דער צענטער פון זיין פאַראינטערעסי־רונג.

איז עפעס פאַרגעקומען אַ וויכ־טיק געשעעניש אין אָדער אַרום ישראל, האָט ער מיר ווי כמעט יעדן טאָג טעלעפאָנירט, אַז דער קאָאָרדינירן־קאָמיטעט פון דער פע־דעראַציע און פאַרבאַנד דאַרפן זאָ־פאָרט איינאָרדענען אַ פאַרזאַמלונג

אַדער מיטינג. און איך האָב אים שטענדיק געגעבן מיין הסכמה.

זיין באַזונדערן ענטוזיאַזם האָט ער געווידמעט דעם קאָמיטעט פאַר יידיש און יידישער קולטור און הויפּטזאַכלעך דעם יידישן טעאַ־טער. ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן האָט ער נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן זיין טעאַטער. ווען עס איז אים שוין שווער גע־ווען צו רעדן, האָט ער נאָך אַלץ זיינע ווערטער געווידמעט דעם טעאַטער.

טרויעריק אויף דער נשמה ווען מען דאַרף וועגן יידלען רעדן אין עבר. ווי גליקלעך וואָלטן מיר גע־ווען, ווען מיר האָבן אים נאָך לאַנגע יאָרן מיט אונדז.

מיין ליבע טעשקע, מיט וואָס קען איך דיך טרייסטן, אַז איך געפין אַליין פאַר זיך נישט קיין ווערטער פון טרייסט. די אַנוועזנ־הייט פון אַזוי פיל מענטשן, וועל־כע זענען געקומען יידלען באַגליי־טן צו זיין אייביקער רו, איז דער באַוויז, ווי געשעצט ער איז גע־ווען ביי אַלע, וועלכע האָבן אים געקענט. נעם עס אָן פאַר אַן אויס־דרוק פון מיטגעפיל. דו, וועלכע האָסט נישט קיין קלענערן חלק אין יידלס געזעלשאַפטלעכער טע־טיקייט, דו ווייסט אים מוזן פאַר־טרעטן און אין דער אַרבעט אַ טרייסט געפינען.

★



## אברהם קרן־צבי ז״ל

יליד שנת 1908, בעיירה פיאַסק באיזור לובלין. מקטנות למד ב־בית־מדרש, אך פזל לעבר ההכ־שרה והציונות, ונהג לבוא לפעו־לות הכשרה ב,,השומר הצעיר". בהיותו בן 16, עזב את הבית ללא הסכמת האב ונכנס להכשרה הלכה למעשה, כדי לעלות ארצה.

הגיע לארץ־ישראל בשנת 1928, ללא פרידה וברכת האב. היה בין הראשונים לעליה על הקרקע של קיבוץ שפיים, שהוקם לראשונה על הגבעה בהרצליה. בשנת 1934 עזב את הקיבוץ והתיישב בהר־צליה, ברח' הרב קוק 13. היה בין מקימי ,,הפועל" המקומי ואיבד 3 אצבעות בהקמת הצריף לספור־טאים. היה פעיל ב,,חוגים" וב־מפ"ם עד לשנות חייו האחרונות. היה חבר ההגנה ו,,השומר". כמו כן היה מראשוני המתנדבים ב־,,מגן דוד" בסניף הרצליה, עד למותו. בהיותו פגוע למחצה, עם דימום במוח, יצא לתורנות אח־רונה בתחנה. בדרכו חזרה, ל־אחר התורנות, פגעה בו מכונית בתאונת ,,פגע וברח" — ומאז לא החלים יותר.

נפטר בשנת תש"מ ה' בחשון.

ת. נ. צ. ב. ה.

השאיר רעיה, בן, בת ונכדים.

★



## חנה׳טשע ריפקערמאַן ז״ל

אין חודש סעפּטעמבער ה. י. איז אין תל־אביב געשטאָרבן, נאָך אַ לענגערער קראַנקייט, אונדזער בת־עיר חנה׳טשע ריפקערמאַן.

חנה׳טשע איז געווען באַקאַנט אין פאַרמלחמהדיקן לובלין מיט איר שיינקייט און דערפאַר זיך באַטייליקט אין קאָנקורסן פון די יידישע טאָג־צייטונגען ,,היינט" און ,,מאָמענט" — און טאָקע גע־פרייזט געוואָרן מיט אויסצייכע־נונגען.

חנה׳טשע האָט אָבער פאַרמאָגט פיל אַנדערע מעלות טובות, ווי האַרציקייט און ליבשאַפט, וואָס זי האָט אַרויסגעוויזן צו מענטשן.

געבוירן אין יאָר 1909 אין לוב־לין.

איר טויט האָט איבערגעלאָזט אין טיפן טרויער איר מאַן, אַ זון, טאָכטער און אייניקלעך.

כבוד איר אָנדענק!

**אברהם וואַלדהאָלץ**



## איתמר שמיר (שוורץ) ז״ל

(נולד ב־1903, נפטר בינואר 1980)

אבי נולד בלובלין, להוריו פרי־דה וגרשון שוורץ. קיבל השכלה מסורתית וחילונית של ,,חדר" וגימנסיה. בהשפעת אביו שהיה בעל מלאכה עצמאי — רכש אהדה לאנשי עמל.

בגיל צעיר התחיל את פעילותו בתנועה הציונית־סוציאליסטית, והיה בהנהגת פועלי־ציון צ. ס., ,,החלוץ", מראשוני פעילי ,,הפו־על" ו,,פרייהייט". היה ציר בכמה ועידות ארציות של המפלגה. כציו־ני נלהב היתה שאיפתו הגדולה לעלות לארץ־ישראל.

בשנת 1929, עקב הפרעות של הערבים בישוב היהודי בארץ־ישראל, הופסקה העליה ע"י השל־טון המנדטורי הבריטי. אבא הגה אז רעיון של התארגנות קבוצות יהודים לצורך עליה לארץ־ישראל — ברגל. הוא תיכנן לפרטיו את הביצוע, אולם ממרכז המפלגה נת־קבלה תשובה שלילית בנימוק, כי עלולה לפרוץ ,,מגיפה" של קבוצות הולכי רגל מכל פולין...

בשנת 1932 עלה ארצה, וכמו רבים, פנה אל העבודה הפיזית, למרות שמעולם לא הורגל לכך. עבד כפועל בפרדסים, בסלילת כבישים, בבנין, כאשר לא פעם היה מחוסר עבודה וסבל את טעם הרעב שפקד מדי פעם את ציבור הפועלים בישוב. למרות התנאים הקשים, לא התלונן ולא נתפס ל־יאוש. תמיד נשאר נאמן לארץ־ישראל ולערכי תנועת הפועלים.

בשנת 1948, עם קום המדינה, הצטרף לצוות עובדי משרד ראש הממשלה וזכה לעבוד במחיצתו של דוד בן־גוריון, אותו העריך וכבד מאד. היו אלה עבורו שנים מאוש־רות, מלאות סיפוק. עוד שנים רבות אחרי זה היה נזכר תמיד בגעגועים לאותה תקופה, בה עבד במחיצתו של ראש הממשלה הרא־שון למדינת ישראל. אח"כ עבר למשרד האוצר ובו המשיך בעבו־דתו, עד פרישתו לגימלאות.

במשך כל שנותיו בארץ היה פעיל במפא"י ומפלגת העבודה, ב־,,הגנה" ובמשמר האזרחי, וזכה באותות עבור פעילותו. היה מעורב בחיי הקהילה הלובלינאית בארץ, כתב מאמרים ל,,קול לובלין".

אבא היה אדם נוח לבריות, בעל חוש הומור ואוהב חיי חברה. בכל מקום בו עבד או שהה, היה תמיד אהוד ומקובל. זוכר אני עוד בתור ילד, שביתנו היה תמיד מקום מפ־גש לחברים וידידים יוצאי לובלין. אבא ואמא היו גאים בכך ושמחו לארח את כולם.

בכל שנותיו היה אבא מצניע לכת, טוב לב, איש כן וישר, חבר טוב וידיד נאמן, נכון תמיד לעזור לזולת, מסור למשפחתו בלב ונפש.

בחודש נובמבר 1979 נכנס אבי לבית חולים לצורך בדיקות — ולא חזר יותר הביתה. מחלה ממארת שמה קץ לחייו.

זכרו ישאר לנצח חרות בלבנו — בני משפחתו, אשתו שרה, בנו, כלתו ונכדיו.

**הבן יחיאל שמיר**

★

## חנן שניטבערג ז״ל

געבוירן אין לובלין אין יאָר 1909. געוווינט אויפן זאַמד. אין די יוגנט־יאָרן געווען פון די ער־שטע חברים און גרינדערס פון ,,הפועל" און אַ שפּילער אין דער פוטבאָל־מאַנשאַפט אַלס טויערמאַן.

די מלחמה איבערגעלעבט אין רוסלאַנד און געקומען קיין ישראל. דאָ איז ער געווען כמעט איינזאַם, אָן משפּחה. ווען די כוחות האָבן שוין נישט געדינט, האָט ער זיך מפרנס געווען פון פאַרקויפן צעט־לעך פון ,,מפעל הפיס" אין תל־אביב.

צוליב זיין געזונט־צושטאַנד, האָט ער נישט געקענט זיך צו־פּאַסן אַ דירה צום וווינען און איז אַוועק אין בית אבות אין חולון. נאָך עטלעכע יאָר איז ער קראַנק געוואָרן און מ׳האָט אים איבער־געפירט אין אַ שפּיטאָל פאַר כראָ־ניש קראַנקע אין רעננה.

אַפּזייענדיק אין שפּיטאָל אַ קור־צע צייט, איז ער דעם 7־טן דע־צעמבער 1979 געשטאָרבן און גע־קומען צו קבורה אויפן בית הקברות אין חולון.

כבוד זיין אָנדענק!

י. ר.

★



## גדליהו שעכטמאַן ז"ל

דעם 2טן אויגוסט 1980 איז געשטאָרבן אין נתניה גדליהו שעכטמאַן, דער זון פון יצחק און אסתר (געב' האָלצמאַן), וואָס האָבן געוווינט אין לובלין אויף זאַמויסקע גאַס.

גדליהו איז געבוירן אין לובלין, דעם 14טן מערץ 1914. עולה געווען קיין ישראל פון וראָצלאַוו, פוילן, אין יאָר 1957. ער האָט פאַריתומט די פרוי בעלאַ (פון דער היים באַסס), צוויי געהייראַטע זין און אַ טאָכטער.

✶

## מאיר מושקאַט ז"ל

ערב יום-כיפור איז אין קיבוץ עברון, אין עלטער פון 63 יאָר, געשטאָרבן פון אַ האַרץ-אַטאַק אונדזער בן-עיר מאיר מושקאַט. ער האָט פאַריתומט זיין פרוי, זהבה, צוויי טעכטער, איידעמס און אייניקלעך. אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג וועגן אים, וועלן מיר ברענגען אין נומער 16 „קול לובלין".

כבוד זיין אָנדענק!

**25 שנה למותו**



## בנימין איינשטיין ז"ל

אמנם שנינו בני לובלין היינו, אולם היכרותי עמו החלה רק בארץ ישראל. במגעים עמו, היכרתי מקרוב את פועליו ואת תכונותיו — והן רבות ומגוונות.

הוא היה מראשוני הלובלינאים שעלו לארץ-ישראל בראשית שנות העשרים. באותה תקופה באו גם פרקטר ורוטרובין זכרונם לברכה. בבואו, הוא היה כבר אבא לילד בן 4, אשתו ובנו הצטרפו אליו כעבור שנה, המצב הכלכלי בארץ היה בכי רע. הישוב היהודי דאז נדחק ע"י ממשלת המנדט לתוך גיטו כלכלי, המנגנון האדמיניסטרטיבי והמוסדי היה מורכב ברובו מאנגלים ומערבים וממעט מאד יהודים, וגם אלה באו משטחי השלטון הבריטי או מילידי הארץ. לכן שיחק לו מזלו, שנתקבל לעבודה כפועל רכבת ותוך זמן קצר עלה לדרגת נהג רכבת-נוסעים (עמדה מכובדת בימים ההם). אז התחיל לבנות את ביתו במו ידיו, בשכונת תלפיות בירושלים, אולם לא לזמן רב התענג על ביתו. במאורעות של שנת 1929, נחרב ביתו ע"י פורעים ערבים ועבר לגור במרכז ירושלים. באותו הזמן נפסל להמשיך בעבודתו ברכבת, בגלל קוצר ראיה.

אחרי שפוטר מהרכבת, התקבל לעבודה בעירית ירושלים למחלקת המים ותוך זמן קצר התמנה כממונה ואחראי לאספקה וחלוקת מים לשכונותיה השונות של העיר.

בשנים ההן היו תושבי השכונות — אנשים, נשים וילדים — קמים בשעות הלילה ומעמידים את „הפחים" שלהם בתורים ארוכים ברחוב ומחכים עד פתיחת ברז-המים — לא בכל יום, אלא פעם או פעמיים בשבוע. אז היה בנימין איינשטיין, כממונה על אספקת המים מטעם עירית ירושלים, זכה לשבחים רבים גם כאיש בעל לב יהודי חם.

במיוחד יש להזכיר את עזרתו להגשמת תוכנית חוקית לפתיחת שערי-העליה של ארץ-ישראל בתקופת המנדט הבריטי לפני רבבות יהודים נוספים.

בהתאם לחוק, שהיה אז בתוקף, רשאי היה לעלות לארץ-ישראל לא רק מי שקיבל „סרטיפיקט", אלא גם מי שהיה „בעל הון בשווי של אלף לירות" וגם כל „בעל-מלאכה, שהוא בעל רכוש בשווי של 500 לירות". אך פקידי המנדט הרחיקו לכת בפירוש החוק ודרשו, שכל בעל מלאכה יפקיד מראש בבנק ברקליס 500 לירות אנגליות וכל „בעל הון" יפקיד בבנק זה 1.000 לירות אנגליות (שהוחלפו בלירות ארצישראליות, ורק אחרי כל זה יתחילו הם — פקידי המנדט — לדון בבקשת העולים בכוח, אם לתת להם רשיונות כניסה לארץ או לאו.

בפולין היו אז רבבות של עולים בכוח, שלכל אחד מהם לא היתה אפשרות להפקיד מראש בבנק ברקליס, לא אלף ואף לא 500 לירות במזומנים. אולם כל אחד מהם היה בעל כלי-עבודה או מכונות בשווי של 500 לירות או בעל נכס בלתי-ניד בשווי של אלף לירות.

לכן דרוש היה מאבק משפטי קשה, כדי לבטל את הפירוש המשונה של פקידי המנדט הבריטי. גדולה היתה עזרתו של בנימין איינשטיין במאבק זה, אשר נמשך שנים רבות ונסתיים בהצלחה, אבל באיחור, משום שבינתיים פרצה מלחמת העולם השניה, שבה התרחשה השואה האיומה ושבה נספו גם הרוב הגדול מאד של אותם העולים בכוח, שלמענם הושג התיקון בחוק העליה המנדטורי.

בנימין, שהיה מוותיקי ירושלים, היה בעל תכונות תרומיות, מסביר פנים, נעים הליכות, אץ להושיט עזרה לכל דורש. הוא היה אחד מהפקידים האהודים ביותר במנגנון העיריה. הוא היה מוסד בירושלים, וכאיש שהכיר מקרוב את כל גדולי הישוב, היו אליו פניות רבות לעזרה — ותמיד עשה את זה ברצון, אף על חשבון בריאותו ומנוחתו. שנים רבות היה אח פעיל ב„הבונים החופשיים" ובמשך שתי קדנציות שימש נשיא הלשכה של „הבונים החופשיים". בראשית שנות הארבעים אירגן יחד עם בני לובלין בירושלים, זאב ניסנבוים ומשה מידובניק זכרונם לברכה, את משלוח העזרה לפליטנו ברוסיה.

אמר לי פעם אחיו אפרים יבדל"א: „לטייל עם אחי בחוצות ירושלים, זה תענוג ומאמץ כאחד. מאמץ, משום אתה מרגיש את האהדה הזורמת אליו מידידים ומכרים העוברים על פניו; מאמץ, משום שעל כל כמה צעדים מעקבים אותו אנשים בענינים שונים, והוא תמיד סבלני, אפילו כשאצה לו הדרך".

שנים רבות נוהג הייתי לפקוד את קברו אשר בהר המנוחות בירושלים — יחד עם בני משפחתי.

אני ממלא בזה חובה לעצמי ולידיד אהוד ביותר.

יהי זכרו ברוך!

**ד"ר אלחנן הורביץ**

---

בערב האזכרה אפשר יהיה להשיג את הספרים:

אויפן יזכור-אָוונט וועט מען קאָנען קויפן די ביכער:

**ישראל אייזענבערג**

**פאַר וואָס גראָד איך?**

מיט אַ פאָרוואָרט פון יצחק באַשעוויס-זינגער

די הכנסה פונעם פאַרקויף פון בוך „פאַר וואָס גראָד איך?" איז באַשטימט פאַר אַ סטיפענדיע-פאָנד אַ"נ פון משה'לע אייזענבערג ז"ל — פאַר סטודענטן, שילערס און ישיבה-בחורים אין ישראל, וואָס וועלן זיך פאַרנעמען מיט דער טעמע: אומקום, גבורה פאַר-אייביקונג.

צום פאָנד איז אַ שותף דער ארגון יוצאי לובלין בישראל.

—•—

**שרה ארליכמן-בנק**

**בידי הטמאים**

הוצאה שניה

כל ההכנסה מספר זה מוקדשת למעבדה לחקר הסרטן ע"ש דיתה ארליכמן ז"ל (בת המחברת) בבית החולים בעפולה.

—•—

**יחיאל גראַנאַטשטיין**

**פרעמדע וועלדער — אייגענע ערד**

—•—

**שיע טשעכעווער**

**נשמה-ליכט**

מיט אַ פאָרוואָרט פון י. ה. בילעצקי

—•—

**שלמה שטוקפיש**

**במעגל הזעם**

שהופיע בתרגום לעברית

ספר זה יימכר בהנחה ניכרת לכל מי שיחזיר את הספר הנ"ל במהדורתו ביידיש („אין ראַד פון צאָרן").

לכבוד ..............................................................

רחוב ..............................................................

העיר ..............................................................

במקרה של אי־מסירה,
נא להחזיר:
ארגון יוצאי לובלין
תל־אביב, דיזנגוף 158

(סוף פון זייט 25)

זאָלן זיך באַשטייערן פאַר דער אָרגאַניזאַציע.

פון דער פאַרוואַלטונג איז געוואָרן באַריכטעט, אַז אין צענטראַלן קולטור־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן זענען אויסגעוויילט געוואָרן פיר מיטגלידער פון לובלינער ל״ל פאַראיין. מ׳האָט אויך באַשלאָסן צו ווענדן זיך וועגן מיטאַרבעטן אין דער „לובלינער שטימע״, וואָס דערשיינט אין ישראל, באַטייליקן זיך מיט פאָטאָגראַפיעס און דער עיקר — שאַפן מאַטעריעלע מיטלען כדי דער זשורנאַל זאָל קענען דערשיינען.

יעקב גראַדעל גיט איבער אויף אַ זיצונג וועגן דער אויפנאַמע וואָס מען האָט איינגעאָרדנט אין הויז פון אונדזער קאַסיר ישראל טעמפּלדינער פאַר דעם גאַסט פון ישׂראל, אַלעקסאַנדער שריפט, וואָס ברענגט אַ גרוס פון אונדזערע לאַנדסלייט און פון ישראל בכלל. ער האָט מהנה געווען די לאַנדסלייט מיט געזאַנג און צוגעזאָגט אָפּצוגעבן אַ גרוס פון לובלינער לאַנדסלייט פאַריין אין אַרגענטינע.

אַן אָנדענק־אָוונט געווידמעט אונדזער בן־עיר, דעם דיכטער און עסייאיסט יעקב גלאַטשטיין, אָרגאַניזירט פונעם צענטראַלן קולטור־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן צוזאַמען מיט דעם לובלינער ל״ל פאַריין, איז פאָרגעקומען דעם 10.10.

עס דערעפנט דער פאָרזיצער פון צ.פ. הערש קוויאַטקאָווסקי. סעקרעטאַר קאָפּל מיזשעריצקי באַציט זיך צו די ביכער פון גלאַטשטיינען „אַ ייד פון לובלין״, „ווען יאַש איז געפאָרן״ און „ווען יאַש איז געקומען״, וואָס האָבן אַ דירעקטן שייכות מיט זיין געבוירן־שטאָט לובלין. דער שרייבער און זשורנאַליסט יוסף האָרן רעפערירט אד״ט: „יעקב גלאַטשטיין. דער דיכטער און וואָרטזאָגער״.

מיט אַ צוגעפּאַסטן קינסטלערישן פּראָגראַם זענען אַרויסגעטראָטן די טאַלאַנטירטע זינגערין רבקה קליניצקי, מיט מוזיק־באַגלייטונג פון קאָמפּאָזיטאָר לעאָן וויינער.

„קול לובלין״, שנתון ארגון יוצאי לובלין בישראל, תל־אביב, דיזנגוף 198.

המערכת — רעדאַקציע: א. איינשטיין, צ. דסקל־וייסלפיש, ד״ר א. הורוויץ, מ. הורן, ע. פלד, ש. שטוקפיש, מ. שילדקרויט.
העורך: דוד שטוקפיש.

# ערב התיחדות עם קדושי לובלין

**ביום השנה ה־38 לחיסול הגיטו על־ידי הרוצחים הגרמניים**

יתקיים ביום ב׳ ט״ז כסלו תשמ״א
(24.11.1980), בשעה 7 בערב,
בבית המלין, תל־אביב, וייצמן 30.

**האולם יהיה פתוח משעה 6 בערב.**

בתוכנית:

הדלקת 6 הנרות — **ניצולי השואה.**

„אל מלא רחמים״ ו„קדיש״ — החזן **יעקב סאמק.**

יזכור — תלמידי ביה״ס שאימץ את קהילת לובלין.

הרצאת־אורח — **משה זילברברג**, ארה״ב.

לזכר הנפטרים — **מתתיהו הורן.**

הפסקה.

הצעות ומחשבות הוועד על הנצחת לובלין היהודית במדינת ישראל — **דוד שטוקפיש.**

דיון וסיכום.

teatrnn.pl